אליעזר וויזל

...און
די וועלט האט
געשוויגן

ליעזר וויזל

און די וועלט
האט געשוויגן

אליעזר וויזל

...און די וועלט האָט געשוויגן

ביכער-סעריע
דאָס פּוילישע ייִדנטום
117
באַנד
רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו
פאַרלאַגס-לייטער:
אברהם מיטלבערג

די רשימה פון די דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

אליעזר וויזל

...און די וועלט האָט געשוויגן

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, 1956 — תשט״ז

דאָס בוך איז געווידמעט דעם אייביקן
אָנדענק פון מיין מוטער שרה, מיין
פאָטער שלמה און מיין קליין
שוועסטערל צפורה — וועלכע
זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די
דייטשע רוצחים.

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיורא — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס־איירעס.

אינהאַלט

קאַפּיטל		זייט
1	דער גירוש	7
2	אין שאָטן פון פלאַמען	61
3	טעג פון פּיין	96
4	דער יום הדין	133
5	דער טויטן־מאַרש	177
6	דער מתים־צוג	203
7	בוכענוואַלד	218
8	דער סוף און דער אָנהייב	239

קאַפּיטל איינס

דער גירוש

אין אָנהייב איז געווען די אמונה, די נאַרישע אמונה; און דער בטחון, דער פּוסטער בטחון; און די אילוזיע, די געפערלעכע אילוזיע.

מיר האָבן געגלייבט אין גאָט, געהאַט בטחון אין מענטש און געלעבט מיט דער אילוזיע, אַז אין יעדן איינעם פון אונדז, איז פאַראַן אַ הייליקער פונק פון פייער פון דער שכינה, אַז יעדער איינער פון אונדז טראָגט אין זיך, אין זיינע אויגן און אין זיין נשמה, דעם צלם אלהים.

דאָס איז געווען דער קוואַל — אויב נישט די סיבה — פון אַלע אונדזערע אומגליקן.

**
*

איך דערמאָן זיך:

אין יאָר 1942 האָט די אונגאַרישע רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז אַלע ייִדן, וועלכע וועלן נישט קענען אויפוויזן זייער אונגאַרישע בירגערשאַפט וועלן פאַרשיקט ווערן פון לאַנד.

מיר האָבן געוווינט אין סיגעט — די וויכטיקסטע שטאָט און דער גרעסטער ייִדישער ישוב פון דער מאַרמאַראָש־פּראָווינץ. ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט סיגעט געהערט צו עסטרייך־אונגאַרן. דערנאָך איז זי געוואָרן צוגעטיילט צו דער רומענישער מלוכה. אין 1940 איז זי פונדאַסניי צוריקגעגעבן געוואָרן אונגאַרן.

די גזירה־רעה האָט אַרײַנגעבראַכט אַ טומל און אַ מורא אין די הערצער פֿון אַ סך ייִדישע משפּחות. ווי קען מען עפּעס אויפֿווײַזן בירגערשאַפֿט? קודם־כּל דאַרף מען ברענגען געבורטס־צייגענישן, אַז מ׳איז געבוירן געוואָרן און דווקא אין אונגאַרן. ווער אָבער האָט עס אַמאָל געהאַלטן פֿאַר נייטיק צו פֿאַרשרײַבן זײַן בן־זכר אין אָפֿיציעלע רעגיסטערס נאָך פֿאַר ברית־מילה?

די צײַט, וועלכע איז געגעבן געוואָרן די ייִדן, כּדי זיך צו פֿאַרשאַפֿן די נייטיקע דאָקומענטן, איז געווען אַ ביז גאָר באַגרענעצטע. אַזוי, אַז אַ סך ייִדן — ספּעציעל פֿון די אָרעמיקע דערפֿער — האָבן גאָרנישט געקענט ברענגען צום יום־הדין.

זענען זיי פֿאַרמשפּט געוואָרן צו גירוש.

אַ ייִנגל בין איך נאָך דעמאָלט געווען — קוים געוואָרן בר־מצווה — אָבער די גירוש־בילדער זענען אויף אייביק מיר פֿאַרבליבן אײַנגעקריצט אין זכּרון.

הונדערטער ייִדן זענען געבראַכט געוואָרן צו אונדז אין שטאָט. ווייניק געפּעק מיט זיך געהאַט. פֿאַרווייִנטע, פֿאַרזאָרגטע. די קהילה האָט אָרגאַניזירט אַקציעס, צו העלפֿן די אומגליקלעכע. ייִדן האָבן געגעבן געלט, פֿרויען האָבן געזאַמלט קליידער, יונגע בחורים און מיידלעך האָבן געבראַכט וואַסער און ברויט צו דער באַן־סטאַציע.

די פֿאַרמשפּטע זענען פֿאַרשלאָסן געוואָרן אין אַ לאַנגן, שוואַרצן, פֿאַראַבלטן צוג, וועלכער האָט זיי פֿאַרפֿירט אויף אייביק און איבערגעלאָזט הינטער זיך אַ געדיכטן, שמוציקן רויך.

דער צוג איז אַוועק, איז פֿאַרשוווּנדן און מער האָבן מיר די פֿאַרשיקטע ייִדן נישט געזען.

פֿאַרשידענע קלאַנגען זענען אַרומגעגאַנגען אין שטאָט: אַז זיי געפֿינען זיך ערגעץ־ווו אין גאַליציע (אונדזער שטעטל ליגט נישט ווײַט פֿון דער גאַליצישער גרענעץ), אַז זיי אַרבעטן דאָרט און זענען צופֿרידן.

קיינער האָט נישט געפּרוּווט קאָנטראָלירן די ריכטיקייט פֿון די אַ קלאַנגען. יעדער האָט געגלייבט אין זייער אויטענטישקייט. לײַכטער געווען אַזוי. פֿאַרוואָס וואַרפֿן דעם שאָטן פֿון ספֿק אויף באַרויִקנדיקע היפּאָקריטישע ידיעות?

קיינער פֿון אונדז — און על אחת כּמה וכּמה איך, אַ קינד נאָך, אַ קינד וואָס קלאַמערט זיך אין דעם שײַן פֿון לעבן און פֿון דער זון — האָט נישט געפּרוּווט זיך פֿרעגן: אפֿשר איז דער טייוול שוואַרצער ווי מען מאָלט אים? אפֿשר זענען די ייִדן געפֿירט געוואָרן צו דער שחיטה?

קיינער פֿון אונדז — און על אחת כּמה וכּמה איך, אַ קינד אָן חוש פֿאַרווירקלעכקייט — האָט נישט פֿאַרגעשטעלט זיך, אַז אַ טאָג קען קומען, אַ פֿאַרחושכטער טאָג, אין וועלכן מען וועט אויך אונדז פֿאַרשיקן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

די אילוזיע, די פֿאַרשאָלטענע טייוולאָנישע אילוזיע האָט דעראָבערט אונדזער האַרץ.

און טעג זענען זיך פֿאַרלאָפֿן. טעג, וואָכן, חדשים.

אין שטעטל האָט מען שוין פֿאַרגעסן אָן יענע ייִדן. אַ ווינט פֿון רו און באַרויִקונג האָט געבלאָזן און פֿאַרטריבן אַלטע דאגות. אַמאָליקע ספֿקות. סוחרים האָבן געהאַנדלט, ישיבֿה־בחורים האָבן געקוועטשט די באַנק און אײַנגעחזרט אַ סוגיה; חדר־ייִנגלעך האָבן געלערנט חומש־רש״י; אבֿיונים זענען געגאַנגען איבער די הײַזער, כּדי אַהיים צו ברענגען עפּעס אויף שבת.

דאָס אַלטע, אייביקע, נאָרמאַלע לעבן פֿון ייִדישן סיגעט.

איז מיטאָמאָל די ייִדישע גאַס אויפֿגערודערט געוואָרן: משהלע איז צוריקגעקומען. צוריקגעקומען — פֿון דאָרט, פֿון דאָרט!

***

משהלע דער שמש — אַזוי האָט מען אים גערופֿן, ווײַל קיינעם איז נישט אײַנגעפֿאַלן, אַז ער פֿאַרמאָגט אויך אַ פֿאַמיליע און אַ פֿאַמיליענאָמען, איז געווען אַ קליינטשיקער, אויסגעדאַרטער ייִד, מיט אַ געל קאָזעבערדל און אַ דינטשיק קינדעריש שטימעלע; אַ לוסטיקער פֿון דער נאַטור. האָבן אים בעלי־בתּים ליב געהאַט און אים אָפֿט געגעבן נדבֿות און מתּנות. און בשעת־מעשה, ווען משהלע פֿלעגט מוזן אויסשטרעקן זײַן הענטל כּדי צו באַקומען די נדבֿה, איז ער געוואָרן קלענער ווי תּמיד, דינטשיקער ווי תּמיד און אַפֿילו זײַן בערדל איז געוואָרן געלער ווי תּמיד.

די גירוש־גזירה האָט אויך אים געטראָפן. ער איז געווען — דוכט זיך — אַ קאָסעווער חסיד און זיינע עלטערן האָבן אויך געשטאַמט פון גאַליציע. קיין אונגאַרישער בירגער איז ער נישט געווען. דעריבער איז ער טאַקע פאַרשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט די איבעריקע פרעמדע ייִדן קיין גאַליציע. און מיט אים — זיין גאַנצע משפּחה: אַן אייביק־קראַנקע פרוי מיט פיר־פינף קינדערלעך.

אָט, איז ער צוריקגעקומען. אַ געשפּענסט פון יענער וועלט.

וואָס האָט ער צו דערציילן, משהלע? אַ סך זאַכן. אַ סך מוראדיקע בשורות, האָט מיטגעבראַכט מיט זיך, דער קליינער משהלע, דער שמש.

ער האָט דערציילט ווי אַזוי דער טראַנספּאָרט איז אויפגענומען געוואָרן דורך דער געשטאַפּאָ, גלייך נאָכדעם ווי מ׳איז אַריבער די אונגאַריש־גאַליצישע גרענעץ. ווי אַזוי אַלע ייִדן זענען געפירט געוואָרן אין אַ וואַלד. ווי אַזוי מ׳האָט געמוזט אויסגראָבן אַ גרויסן, ריזיקן מאַסן־קבר. ווי אַזוי געסטאַפּאַניקעס האָבן געלערנט זיך שיסן, וואַרפנדיק זויג־קינדער אין דער לופט... דער גאַנצער טראַנספּאָרט איז דאָרט אומגעקומען. און ער, משהלע? מזל געהאַט. אַ נס מן השמים. בלויז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין פוס. די רוצחים האָבן אים געהאַלטן פאַר טויט.

שעהן־לאַנג, טעג און נעכט פלעג משהלע אַרומגיין פון שטוב צו שטוב, פון מענטש צו מענטש און דערציילן שרעק־מעשיות, מאָלן פינצטערע גרויל־בילדער, איבערגעבן פּרטים וועגן דעם און יענעם, וועגן דער שיינער מלכה, וואָס האָט געגוססט דריי שעה און וועגן זלמן דעם שניידער, וועלכער האָט זיך געבעטן ביים געשטאַפּאַניק, ער זאָל שיסן אים איידער ער שיסט זיינע קינדער.

משהלע האָט דערציילט פאַר יעדן, וואָס האָט געוואָלט זיך צוהערן צו זיינע רייד.

ער האָט זיך געענדערט, משהלע. אוממעגלעך געווען צו דערקענען אין אים דעם אַמאָליקן שמש. דאָס געלעכטערל איז פאַרשוווּנדן פון זיינע חסידישע אויגן, זיין דינטשיק און קינדיש שטימעלע איז געוואָרן מרה־שחורהדיק.

אַנשטאָט מעשהלעך וועגן רבנים און בעלי־מופתים האָט ער דערציילט קאַשמאַרן.

אָבער ווער איז דען געווען גרייט זיי אויסצוהערן?

קיינער.

ייִדן האָבן געזאָגט:

— משהלע וויל דערוועקן רחמנות. און אַ פאַנטאַזיע האָט ער דאָך אַ רייכע...

אַנדערע האָבן געענטפערט:

— ניין, ער איז פּשוט אַראָפּ פון זינען, משהלע נעבעך...

און ער, דער קליינער משהלע, דער שמש, האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן, זיך געשווירן ביים הימל און ביים כּסא־הכּבֿוד, אַז אַלץ וואָס ער דערציילט איז אמת:

— ייִדן! גלייבט מיר! איך בעט נישט קיין נדבֿות, נאָר גלייבט מיר!

— האָט ער געשריִען.

גאָרנישט האָט געהאָלפן. מ׳האָט אים נישט געגלייבט.

אַפילו איך אַליין האָב אים אויך נישט געגלייבט. אָפט פלעג איך זיצן מיט אים ביים אויוון פון בית־מדרש, נאָך מנחה־ומעריבֿ. און זיך צוהערן צו זיינע מעשיות, זיך פאַרטראַכטן וועגן זיין טרויער. רחמנות, סימפּאַטיע האָט ער דערוועקט אין מיר, גלויבן — נישט.

און דאָס האָט אים ווייי געטון, משהלען, מוראדיק ווייי געטון.

— מ׳מיינט איך בין אַ משוגענער! מ׳גלייבט מיר נישט! פלעגן זיינע ליפּן מורמלען און טרערן פלעגן, ווי חלבֿ־טראָפּנס, זיך גיסן פון זיינע אויגן.

אַמאָל האָב איך אים געפרעגט:

— משהלע, וואָס איז די מעשה? פאַרוואָס ווילסטו אַזוי שטאַרק, אַז מ׳זאָל דיר גלייבן? וואָס אַרט עס דיך צי מ׳נעמט אָן דיינע רייד, צי נישט?

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן:

— פאַרשטייסט נישט — האָט ער געענטפערט מיט יאוש — איך בין ניצול געוואָרן, אַנטלאָפן פון שחיטה. פון וואַנען האָב איך גענומען דעם כּח דערצו? איך זאָך האָט מיר געגעבן כּח און מוט: געוואָלט קומען אַהיים... צו אייך... דערציילן... איר זאָלט וויסן... איר זאָלט קענען אייך צוגרייטן באַצייטנס... בלויז דאָס, נישט עפּעס אַנדערש. לעבן? איך האָב נישט געוואָלט איבעריק לעבן. די משפּחה — פאַרלוירן... געבליבן אַליין...

אַ יתום פֿון אַלע זייטן... אָבער איך וואָרענען האָב איך געוואָלט... און קיינער הערט זיך נישט צו צו מיינע רייד.

איך האָב זיך יאָ צוגעהערט צו אַלץ, וואָס ער האָט דערציילט, אָבער — אַזוי ווי גאַנץ קהל — אים נישט געגלייבט. עס ווילט זיך קיינמאָל נישט גלייבן די נביאים פֿון חורבן.

האָבן מיר פֿאַרמאַכט די אויערן, פֿאַרשלאָסן די אויגן און פֿאַרשטימט דאָס בת־קול פֿון דער ווירקלעכקייט.

***

דאָס איז געווען אין סוף 1942.

דאַן איז דאָס לעבן ווידער געוואָרן נאָרמאַל. דער ראַדיאָ פֿון לאָנ־דאָן האָט איבערגעגעבן דערפֿרייענדיקע ידיעות: וועגן סטאַלינגראַד, וועגן על־אלאמיין, וועגן די אויסזיכטן פֿון אַ צווייטן פֿראָנט, וועגן די טויזנטער טאָנען באָמבעס וואָס פֿאַלן יעדע נאַכט אויף דייטשע שטעט און — ייִדן האָבן געהאָפֿט אויף גוטע צייטן.

אין שפּיץ פֿון דער מאַכט איז געשטאַנען האָרטי מיקלאָש, דער רע־גענט, און ער איז נישט געווען קיין שונא־ישראל. איז וואָסזשע זיך זאָרגן?

איך פֿערזענלעך האָב זיך אַריינגעוואָרפֿן אין לימודים. געלערנט אָן אויפֿהער. בייטאָג געכאַפּט אַ בליק אין מורה־נבוכים פֿון רמב״ם און ביי־נאַכט געניסטערט קבלה־ספֿרים.

מיין פֿאָטער האָט געהאַנדלט. דער זיידע פֿלעגט אַריינקומען פֿון ביטש־קעוו יעדן ראש־השנה צום באָרשער רבין און די מאַמע האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ שידוך פֿאַר דער עלטסטער שוועסטער, דבורה.

אַזוי איז אַדורך — רויִק און נאָרמאַל — דאָס יאָר 1943.

***

פֿרילינג 1944.

גוטע ידיעות פֿון מזרח־פֿראָנט. וועגן היטלערס מפּלה איז שוין מער נישטאָ קיין ספֿק. די רויטע אַרמיי דערנענטערט זיך פֿון טאָג צו טאָג. ס׳איז בלויז אַ פֿראַגע פֿון וואָכן, ווער ווייסט, אפֿשר פֿון טעג און....

אַ בטחון־פֿולע שטימונג הערשט אין שטעטל.

מיר וועלן דערלעבן דעם טאָג פֿון נצחון! עפּעס איז יעדער זיכער אין דעם! יעדער טענהט, אַז דאָס האַרץ זאָגט אים אַזוי און דאָס האַרץ זאָגט דאָך נישט קיין ליגן.

פֿרייהייטס־קאַנאָנען דונערן אויפֿן האָריזאָנט. מיר הערן זיי... אָט־אָט וועט די מלחמה זיך פֿאַרענדיקן. אויף יעדן פֿאַל — פֿאַר אונדז.

אַזוי האָט יעדער געטראַכט און — געזאָגט.

וועגן אוישוויץ, וועגן מיידאַנעק, וועגן טרעבלינקע און בוכענוואַלד האָבן מיר נישט געוווּסט. וועגן גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס האָט אונדז קיינער נישט דערציילט. ווי אין אַן אָפּגעזונדערט, פֿאַרהאַמערט הויז האָבן מיר געלעבט.

מיר האָבן זיך נישט משער געווען, אַז היטלער איז מסוגל צו רעאַ־ליזירן זיינע מערדערישע פּלענער בנוגע דעם ייִדישן פֿאָלק. מיר האָבן געמיינט — אין 1944!!! — אַז דאָס זענען בלויז רייד, היסטערישע פּלאַפּ־לערייען פֿון אַ מאַניאַק און נישט מער.

מענטשן האָבן געזאָגט:

— די רויטע אַרמיי מאַרשירט פֿאָרויס... היטלער וועט נישט באַוויזן שלעכטס צו טון, אַפֿילו ווען ער וועט וועלן...

יאָ, אַפֿילו בנוגע זיין ווילן האָבן מיר געצווייפֿלט.

דער אַלטער פּראָבלעם: אַ נאָרמאַלער מענטש קען נישט פֿאַרשטיין קיין משוגענעם. אַ נאָרמאַלער פֿאַרשטאַנד איז נישט מסוגל צו באַגרייפֿן אַ צערודערטן שכל. מיר האָבן נישט געקענט תּופֿס זיין, אַז היטלער זאָל וועלן פֿאַרטיליקן אַ גאַנץ פֿאָלק. וואָס הייסט עס: פֿאַרטיליקן אַ פֿאָלק?! סתּם אַזוי?! אין סאַמע צוואַנציקסטן יאָרהונדערט?!

אַזעלכע און ענלעכע מחשבות האָבן געפּרוּווט פֿאַרטרייבן צופֿעליקן פּעסימיזם. און ס׳איז זיי געלונגען. דער אָפּטימיזם האָט זיך צעבליט, צוזאַ־מען מיט די רויטע בלומען אויף די פֿרילינג־פֿעלדער.

ייִדן האָבן זיך באַשעפֿטיקט מיט אַלץ, זיך פֿאַראינטערעסירט מיט אַלעמען — מיט סטראַטעגיע, מיט מלחמה, מיט ציוניזם, נאָר נישט מיט זייער אייגענעם גורל.

אַפילו משהלע, דער קליינער דאַרער משהלע, איז אַנטשוויגן געוואָרן.

ער האָט אויפגעהערט צו דערקוטשען מיט זיינע שרעק־מעשיות. מען גלייבט דאָך אים סיי ווי סיי נישט... צו וואָסזשע טויג עס אים רעדן אין דער וועלט אַריין?

אָבער טרויעריק און צעבראָכן איז ער געוואָרן, דער קליינער אומבאַוווסטזיניקער נביא. ער פלעגט זיך אַרומדרייען אין בית־המדרש, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, גלייך ער וואָלט נישט געוואָלט זיך צוקוקן צו דער לייכטזיניקייט פון זיינע פריינט.

לייכטזיניק זענען זיי טאַקע געווען, די סיגעטער ייִדן, אין דאָזיקן פרילינג פון 1944. אַ ביישפיל: גראָד דעמאָלט איז מעגלעך געווען צו קויפן סערטיפיקאַטן — פאַר געלט — און עולה־זיין קיין ארץ־ישראל. האָב איך זיך געבעטן ביי מיין פאָטער: זאָל ער פאַרקויפן אַלץ, ליקווידירן אַלץ און פאָרן!

זיין ענטפער:

— איך בין צו אַלט מיך זון. צו אַלט. צופיל כוחות אַריינגעטון אין איצטיקן עסק. שווער אָנצוהייבן אַ נייַ לעבן אין אַ נייער מדינה. בויען אַ נייע היים אין אַ ווייט לאַנד...

דעם זעלבן ענטפער האָבן געגעבן אַ סך סיגעטער עלטערן זייערע קינדער.

ווייל בלינד זענען זיי געווען, די סיגעטער ייִדן. זיי האָבן פאַרמאַכט די אויגן בכדי ניט צו זען די שוואַרצע זון אויפן הימל, בכדי נישט צו זען דעם עתיד. דעם עתיד? — האָבן סיגעטער ייִדן געטראַכט, דער עתיד וועט נישט ברענגען קיין אויסטערלישקייטן.

נישט לאַנג האָבן זיי אַזוי געטראַכט...

באַלד האָט דער ראַדיאָ געמאָלדן אַזאַ מין ידיעה: די פאַשיסטישע פאַרטיי האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אין בודאַפּעסט. האָרטי מיקלאָש איז געווען געצוווּנגען צו נאָמינירן אַלס פרעמיער־מיניסטער אַ פאַשיסט...

איז מען שוין געוואָרן אַביסל אומרויִק. דאָס שמעקט נישט מיט קיין גוטע בשורות. די אונגאַרישע פאַשיסטן האָבן נישט איינמאָל אַרויסגעזאָגט

זייער מיינונג וועגן דעם ייִדן־פּראָבלעם. קיין חסידי אומות העולם זענען זיי נישט. מילא, „מ׳וועט וואַרטן און זען".

צומאָרגנס האָט דער ראַדיאָ געמאָלדן, אַז אין הסכם מיט דער נייער רעגירונג, האָט די דייטשע אַרמיי אַריינמאַרשירט קיין בודאַפּעסט.

דאָ זענען שוין אונדזערע ייִדן דערשראָקן געוואָרן. די גאולה איז טאַקע נאָענט, אָבער די סכנה איז דערפאַר געוואַקסן און ערנסטער געוואָרן.

מיינס אַ חבר, משה חיים בערקאָוויטש, קומט צוריק פון בודאַפּעסט און ברענגט נישט קיין גוטע בשורות:

— בודאַפּעסטער ייִדן לעבן אין פחד. אַנטיסעמיטישע אינצידענטן אין דער ייִדישער גאַס. גויִים רייסן ייִדישע בערד, שלאָגן ייִדישע פאַסאַזשירן, אויב מ׳פּאַקט זיי אין דער באַן. נישט גוט, נישט גוט...

אָבער — דער פאַלשער אָפּגאָט פון איבערגעטריבענעם בטחון האָט נאָך אַלץ נישט מוותר געווען אויף זיינע קרבנות. ייִדן האָבן זיך געטרייסט:

— די דייַטשן וועלן מסתמא פאַרבלייבן אין דער הויפּט־שטאָט, צוליב סטראַטעגישע, פּאָליטישע סיבות. צו אונדז וועלן זיי נישט דערגייען.

...עס זענען נישט אַדורכגעגאַנגען קיין דריי טעג און דייטשע מאָטאָציקלען און אויטאָס האָבן זיך באַוויזן אין די גאַסן פון סיגעט.

***

ציטערניש.

די דייטשע זעלנער — און זייערע שטאָלענע העלמען און טויטן־קעפּ — האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך ציטערניש. מיר האָבן טאַקע גאָרנישט געוווּסט וועגן אוישוויץ און טרעבלינקע, אָבער, איך זאָך האָבן מיר געוווּסט: קיין גוטע פריינט זענען אונדזערע אומגעבעטענע און אומגעוווּנטשענע געסט נישט. קיין סך גוטס פון זיי דאַרפן מיר נישט דערוואַרטן.

דער ערשטער איינדרוק איז דווקא גאָרנישט געווען קיין שלעכטער. פאַרקערט: די דייטשן האָבן אונדז צוגעגרייט אַן אנגענעמע איבעראַשונג. די אָפיצירן זענען איינגעקוואַרטירט געוואָרן אין פּריוואַטע שטובן און זייער באַציִונג צו די בעלי־בתים איז געווען קאָרעקט, אויב נישט העפלעך.

זיי זענען נישט געקומען מיט איבערגעטריבענע פאָדערונגען, נישט געמאַכט קיין אַנטיסעמיטישע באַמערקונגען און פון צייט צו צייט האָבן זיי זיך באַמיט אַפילו צו שענקען אַ צווידייטיקן שמייכל.

ס'איז גראָד געווען פסח־צייט. ייִדן האָבן זיך געגרייט צום גרויסן יום־טוב, ווי געוויינלעך. ביי די רביים האָט מען געבאַקן מצה־שמירה. אין סתם ייִדישע הייזער האָט מען גערוימט און געוואַשן, געגליט כלים, באַהאַלטן חמצדיק געשיר, געקאַכט, געבאַקן. יאָ, ווי געוויינלעך. גלייך דער פסח וואָלט געווען מיט אַלע פסחס צוגלייך. גלייך די שוואַרצע קראָ וואָלט נישט געקראַקעט איבער אונדזער קאָפּ.

די אייביקע אָפּטימיסטן האָבן געיובלט:

— נו? וואָס האָבן מיר אייך געזאָגט? איר האָט קיינמאָל נישט געוואָלט גלייבן. אָט, האָט איר אייערע דייטשן... נו? וואָס זאָגט איר צו זיי? ווּ איז זייער רשעות? ווּ איז זייער אכזריות? איר האָט נישט געוואָלט גלייבן...

אַקעגנאיבער אונדז, ביי דער משפחה כהנא, האָט געוווינט אַ דייטשער אָפיציר. מ'האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ סימפּאַטישער גוי. אַ שטילינקער, אַ העפלעכער. דריי טעג, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַריינגעצויגן אין זיין נייער דירה האָט ער געבראַכט דער פרוי כהנא אַ מתנה: שאָקאָלאַד.

דאָס האָט געגעבן מער קוראַזש אונדזערע אָפּטימיסטן און מער וואָג זייערע רייד. איצט וואָלטן זיי אַפילו שוין געזען אַ חסד פון רבונו של עולם אין אָנקומען פון דער דייטשער אַרמיי.

די אייביקע אָפּטימיסטן... נישט וויניק זענען זיי שולדיק אין אונדזער טראַגעדיע, אָדער ריכטיקער: אין אופן ווי אַזוי מיר האָבן אויף זיך מקבל געווען באהבה דעם קומענדיקן אומגליק.

קלאָר: נישט ווילנדיק האָבן זיי געטון זייער שעדלעכע אַרבעט. קיין שלעכטע כוונות דערביי האָבן זיי נישט געהאַט. גאַנץ פשוט: זיי האָבן געוואָלט באַרויִקן, לייכטער מאַכן דעם הוה, אויב ס'איז אוממעגלעך צו ענדערן דעם עתיד.

און ליידער איז עס זיי לרוב געלונגען. זיי האָבן באַרויִקט די געמיטער. אַנדערע — אָבער נישט זייערע אייגענע. זייערע בטחון־רייד האָבן פאַרטריבן ספיקות ביי יענעם, נאָר נישט ביי זיך אַליין.

איז דערפאַר ווען זיי פלעגן רעדן מיט דיר, פלעגן זיי קיינמאָל נישט קוקן גלייך אין די אויגן. זיי האָבן זיך געשעמט: אפשר וועסטו דערגיין דעם אמת, אפשר וועסטו דערזען דאָרט זייער אייגענעם פחד...

לייכטער איז צו זאָגן אַ ליגן מיטן מויל, ווי מיט די אויגן. האָבן זיי געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזן, און בלויז דאָס מויל איז געווען אָפן, בלויז דאָס מויל האָט געשיט ווערטער פון האָפענונג.

און מערקווירדיק: אויך די אויערן זענען געווען אָפן. מענטשן האָבן זיך צוגעהערט און געגלויבט.

די דייטשן זענען שוין געווען אין שטאָט, די פאַשיסטן — ביי דער מאַכט, דער גזר־דין האָט שוין געהאנגען אין דער פאַרסמטער לופט און סיגעטער ייִדן האָבן נאָך אַלץ געגלייבט, געהאַט בטחון און געוועבט אילוזיעס.

* *
*

פסח.

אַ פרעכטיק וועטער אין דרויסן. די מאַמע איז פאַרפאַרעט אין קיך. ייִדן גייען אין שול. אמת, מ'גייט שוין נישט אין אָפענע שולן. דאָך האָט מען מורא פאַר עפּעס... אל תפתח פה לשטן! די גרויסע שול איז פאַרמאַכט. פינצטערע פענצטערס. די „מחזיקי־תורה“ — אויך. די תלמוד־תורה — אויך. די „תפארת בחורים“, וואָס איך האָב געגרינדעט צוזאַמען מיט מיינע חברים, חיים כהנא, ירחמיאל מערמעלשטיין און די ברידער בעכער — האָבן מיר פאַרשלאָסן גלייך אין טאָג ווען די ערשטע דייטשן זענען אַריין אין שטאָט. מיין פאָטער האָט מיר מסביר־געווען: בעסער זאָלן די דייטשן נישט וויסן, אַז ס'איז פאַראַן אַן אָרט, ווּ יונגע בחורים קומען זיך צונויף...

מנינים אין פריוואַטע הייזער.ביים באָרשער רבין, ביים סלאָטפענער רבין, ביים סיגעטער רב. דאָך פּראַוועט מען דעם סדר. איך פרעג פיר קשיות. צפורהלע, מיין קליין שוועסטערל טראַכט וועגן אָוועקגנבענען דעם אפיקומן. ווי געזאָגט: אַלץ ווי געוויינלעך.

אָבער עפּעס פילט מען אין דער לופט. דאָס האַרץ איז שווער, אָנגעלאָדן מיט שטיינער, מיט ציטערניש. אַ יום־טוב אָן שמחה איז קיין יום־טוב נישט. און אין יענעם פסח איז קיין שמחה נישט געווען.

שני של פּסח. חול המועד פּסח. נאָך צוויי טעג און דער יום־טוב איז אַדורך. אַדורך — בשלום. הלוואי!

ניין. דער יום־טוב איז נישט אַדורך בשלום.

דער פֿאַרהאַנג האָט זיך אויפֿגעהויבן שביעי של פּסח. דער ערשטער אַקט פֿון דער טראַגעדיע. אין דאָזיקן טאָג האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז איניקע ייִדישע עסקנים זענען אַרעסטירט געוואָרן, אַז דײַטשן רײַסן ייִדישע בערד און רויבן ייִדיש פֿאַרמעגן.

פֿון איצט אָן האָט זיך אַלץ אַנטוויקלט מיט אַ בליץ־שנעלקייט. די דײַטשן האָבן, זעט־אויס, נישט געהאַט גענוג צײַט צו דערלאַנגען די יסורים, וועלכע זיי האָבן אונדז צוגעגרייט פֿאַרציעסווייז. מ׳מוז מאַכן שנעל!

די ערשטע גזירה: ייִדן טאָרן זיך נישט באַווייזן אין גאַס במשך דריי טעג. במשך דריי מעת־לעת. ווען מען מ׳וועט כאַפּן — איז וויי צו אים!

משהלע, דער קליינער שמשל, איז אַרײַנגעקומען אין שטוב און זײַן פּנימל האָט אָפּגעשפּיגלט אַ טויטע נשמה:

— איר זעט? — האָט ער געזאָגט — איך האָב אײַך געוואָרנט!

דאַן איז ער אַוועק צו זיך אין שטוב און פֿאַרהאַמערט די טירן.

— איך וויל נישט, איך קען נישט זען קיין דײַטש פֿאַר מײַנע אויגן!

— האָט ער געוויינט פֿאַר איניקע בעלי־בתּים.

האָבן ייִדן זיך פֿאַרשלאָסן אין זייערע היימען און נאָך אַלץ נישט געוואָלט זען די ווירקלעכקייט! דער בטחון איז בײַ זיי, בײַ אונדז, נאָך אַלץ נישט געפֿאַלן!

דאַן האָבן אונגאַרישע פּאָליציי־לײַט זיך אַרײַנגעריסן אין אַלע ייִדישע שטובן פֿון דער שטאָט. אַ ייִד — האָבן זיי געזאָגט — טאָר נישט האָבן בײַ זיך, נישט קיין גאָלד, נישט קיין זילבערנע תּכשיטים, נישט קיין געלט. גאָרנישט! און אַלץ וואָס זיי האָבן געפֿונען איז צוגענומען געוואָרן.

מילא. די מאָראַל איז נאָך אַלץ נישט געפֿאַלן בײַ אונדזערע ייִדן. מײַן פֿאָטער איז אַראָפּ אין קעלער און באַגראָבן אונדזער גאַנץ פֿאַרמעגן. זאָלן זיי איצט קומען זוכן! זענען זיי טאַקע געקומען... און געזוכט... און זיך געביזערט, נישט טרעפֿנדיק מער ווי אַ פּאָר מטבעות. וואָס זענען צוגעגרייט געוואָרן למראית־עין. מיר האָבן געהאַט מזל: אין אונדזער שטוב האָבן זיי בלויז געשריגן, געסטראַשעט; בײַ שכנים האָבן זיי געשלאָגן, געפּייניקט.

האָבן פֿרומע ייִדן, יודעי־תּורה, געשעפּטשעט: משניתן רשות למשחית... אויב מ׳האָט געגעבן דעם משחית רשות צו טון שלעכטס — ווער וועט אים קענען אָפּשטעלן?

די אָפּטימיסטן זענען פֿאַרשוויגן געוואָרן. מ׳האָט זיי מער נישט געזען. מ׳האָט זיי נישט געקענט זען. ס׳איז דאָך פֿאַרבאָטן געווען אַרויסצוגיין אין גאַס!...

בײַ אונדז אין דער היים האָבן מיר זיך געפֿרעגט: וואָס וועט זײַן איצט? די מאַמע האָט געפֿילט: דאָס איז בלויז דער אָנהייב, דאָס ערשטע קאַפּיטל. ווי וועט אויסזען דער המשך?

יאָ, דאָס איז געווען בלויז דער אָנהייב. אָבער אַ געניט אויג האָט געקענט אין אים זען די אַנטוויקלונג פֿון דער אַקציע, די קומענדיקע קאַפּיטלען, די ווײַטערדיקע כוונות פֿון מחבר.

איז אָבער אונדזער אויג נישט געווען געניט.

האָבן מיר געלעבט אין פּערמאַנענטער דערוואַרטונג. וואָס וועט זײַן — זאָל זײַן. זאָל קומען וואָס עס דאַרף קומען. זאָלן זיך מישן די בלעטער פֿון אונדזער אייגן בוך.

און זיי האָבן זיך געמישט. שנעל, אומגעדולדיק זיך געמישט. קיין צײַט נישט געהאַט.

דריי טאָג נאָכן דריי־טאָגיקן אַרעסט — אַ פֿרישע גזירה. דאָסמאָל אַ קלאַסישע: די געלע לאַטע. יעדער ייִד מוז אַרויפֿנייען אויף זײַן אויבער־מלבוש אַ געלן מגן־דוד.

ייִדן האָבן געפֿאָלגט. אַרויפֿגענייט געלע מגן־דודס אויף אויבער־מלבושים. מיר האָבן נאָך אַלץ נישט געוווּסט, אַז אויך דאָס איז נישט דאָס ערגסטע.

איניקע עסקנים זענען געקומען צו מײַן פֿאָטער — וועלכער האָט געהאַט גוטע באַציִונגען אין הויכע אונגאַרישע קרייזן און דעריבער געווען אַ מין אייביקער עצה־געבער — כּדי זיך צו באַראָטן מיט אים, הערן זײַן מיינונג וועגן מצב.

מײַן פֿאָטער האָט נישט געזען — אָדער געזען און נישט געוואָלט שילדערן — דעם מאָרגן אין טונקעלע פֿאַרבן.

— אַ געלע לאַטע? — האָט ער געזאָגט — מילא, מ׳שטאַרבט נישט פון דעם...

אוי פּאָטער! אוי שטאַרבט מען פון דעם! פון וואָס דען ביסטו געשטאָרבן שפּעטער, אויב נישט צוליב דעם אַלעם וואָס די אַ, געלע לאַטע האָט מיך זיך מיטגעשלעפּט?

וואָלסט דעמאָלט געזען, וואָלט מען דיר דעמאָלט דערציילט, דעמאָלט אין סאַמע אָנהייב — אין אַפּריל 1944!!! — וויפיל סכנות עס שטעקן אין דער אַ, קליינער, נישטיקער גזירה, צי וואָלסטו אומגעקומען שפּעטער?

נישט־פאַרענטפערטע פראַגן.

ווי זאָגן חז״ל: תיקו.

לאָמיר זיך נישט אָפּשטעלן ביי זיי. דאָס האַרץ בלוטיקט צופיל דערביי. בעסער צוריקגיין צו כראָנאָלאָגישע געשעענישן.

בכן. ייִדן האָבן זיך נישט איבעריק דערשראָקן צוליבן געלן מגן־דוד. מיר האָבן אים געטראָגן אָן בושה. איך פּערזענלעך, האָב געהאַט אַ משונה־דיק געפיל, אַז אויף מיין מלבוש הענגט אַן אויסצייכענונג, אַ היסטאָרישער מעדאַל. פלעג איך וואַרפן בליקן צו אַמאָליקע נישט־ייִדישע באַקאַנטע און פילן צו זיי אַ ביטול־באַציִונג: זיי האָבן נישט דאָס וואָס איך האָב!

און מאָדנע: אין אָנהייב האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זיי שעמען זיך.

אָבער לאַנג האָבן מיר זיך נישט געקענט פאַרטראַכטן איבערן באַדייט פון מגן־דוד. שוין זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן פרישע גזירות: פאַרבאָטן פאַר ייִדן אַריינצוגיין אין קאַפע־הייזער, אין רעסטאָראַנען, פאַרבאָטן צו פאָרן מיט דער באַן, פאַרבאָטן זיך צו באַווייזן אין גאַס נאָך 6 אַזייגער אין אָוונט און די ערגסטע גזירה:

די געטאָ!

***

צוויי געטאָס זענען געשאַפן געוואָרן אין סיגעט: איינער אַ גרויסער, אינמיטן שטאָט, וועלכער האָט אַרומגענומען פיר גאַסן, און איינער אַ קלענערער, אין עק שטאָט, אויפן „אויבער־יאַראַש״, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר קליינע געסעלעך.

אונדזער גאַס — די „שלאַנגען־גאַס״ — איז צום־מזל אַריינגעפאַלן אין שטח פון געטאָ. אַזוי, אַז מיר האָבן נישט געהאַט די דאגה צו זוכן אַ דירה און זיך איבערטראָגן אַהין מיט געפּעק און מיטן מעבל.

מיר זענען געבליבן אין דער אייגענער דירה. נאָר אַזוי ווי אונדזער הויז איז געווען אַ ווינקל־בנין און אויף איין זייט האָבן די פענצטער אַרויס־געקוקט צו דער קאַמער־גאַס (אויסערן געטאָ), האָבן מיר געמוזט זיי פאַר־האַקן.

אַ פּאָר צימערן האָבן מיר איבערגעגעבן קרובים, וועלכע זענען פאַר־טריבן געוואָרן פון זייערע דירות.

דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו נאָרמאַליזירן.

די געטאָ האָט אויף אונדז נישט אָנגעוואָרפן קיין אימה. עפּעס האָבן מיר נישט מורא געהאַט פאַר די שטעכל־דראָטן, וועלכע האָבן, ווי אַ מויער, אַרומגערינגלט דעם געטאָ.

פאַרקערט: מיר האָבן זיך גוט געפילט. בלויז צווישן אייגענע... אָט אַ קליינע ייִדישע מדינה...

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ ייִדישער ראָט, אַ ייִדישע פּאָליציי, אַ ביוראָ פאַר סאָציאַלער הילף, אַן אַרבעטס־אַמט, אַ היגיענישע אָפּטיילונג אאַ״וו. אַ ייִדישער רעגירונגס־אַפּאַראַט!

אויסגעצייכנט! — איז געווען אונדזער רעאַקציע אויף דעם אַלעם. איצט וועט מען ־מער נישט האָבן פאַר די אויגן די רוצחים־פּנימער, די שנאה־בליקן! אויס מורא! אויס פּחד! מיר לעבן בלויז צווישן ייִדן, צווישן ברידער...

קלאָר: ס׳זענען אויך געווען נישט אָנגענעמע מאָמענטן אין געטאָ. צום ביישפּיל: יעדן טאָג האָבן די דייטשן געפאָדערט גרופּעס ייִדן, וואָס האָבן געדאַרפט אויפלאָדענען קוילן אויף מיליטערישע צוגן. און ווייניק פריי־ווייליקע האָבן זיך געפונען צווישן אונדז צו אַזאַ עבודה. אָבער חוץ דעם איז די שטימונג, אין אַלגעמיין, געווען אַ גוטע, אויב נישט קיין באַרויִקנדיקע.

דער אַלגעמיינער גלויבן איז געווען: מיר וועלן שוין פאַרבלייבן דאָ, אין געטאָ, ביזן סוף, ביזן סוף פון דער מלחמה, ביזן אָנקומען פון דער

רויטער אַרמיי. און דאַן — דאַן וועט אַלץ זיך צוריקקערן צום אַלטן. די פּאַראַנטעזע וועט זיך פאַרמאַכן.

און די דייטשן האָבן אַלץ געטון כדי צו פאַרפעסטיקן דעם אַ, גלויבן ביי אונדז אין האַרצן.

דעריבער זענען נישט פאַרגעקומען קיין טראַגישע סצענעס, נישט ווען די ייִדן האָבן זיך אַריינגעצויגן אין געטאָ און נישט בשעת זייער לעבן אין געטאָ.

אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּילט רויִק, אין אָרדענונג און אַפילו — מיט אַ געלעכטערל.

ייִדן האָבן געוווּסט: די דערציילונג איז נישט אַזוי טראַגיש ווי מ׳מיינט. סוף־כל־סוף בלייבט מען דאָך אין שטאָט, נישט ווייט פון דער היים... און נישט ווייט איז דער טאָג, ווען ס׳וועט זיין חדש ימינו כקדם.

אין געטאָ האָט געהערשט — נישט דער דייטש און נישט דער ייִד. געהערשט האָט — די אילוזיע.

***

און אַזוי זענען טעג פאַרלאָפן, טעג וועלכע האָבן אַרונטערגעריסן בלעטער פון קאַלענדאַר און אונדז דערנענטערט צו יענעם שוואַרצן שבת. וואָס וועט אויף אייביק פאַרבלייבן אין מיין זכרון, אַפילו ווען איך וועל זיין פאַרמשפּט צו לעבן ביזן לעצטן טאָג פון אַלע טעג, אויף דער דאָזיקער צביעותדיקער וועלט.

געשען איז דאָס שבת פאַר שבועות.

אַ פרילינג־זון האָט אויסגעגאָסן איר ליכט און וואַרעמקייט איבער דער גאָרער וועלט און אויך איבערן געטאָ.

די געטאָ־איינוווינער האָבן שפּאַצירט אין די מיט מענטשן פאַרפולטע גאַסן. זאָרגלאָזע פּנימער. מ׳האָט גערעדט וועגן אַלץ וואָס איז נוגע מלחמה און שלום. קינדער האָבן זיך געשפּילט מיט ניס אויפן טראָטואַר. איך און געציילטע חברים זענען געזעסן אין גאָרטן פון עזרא מאַליק און געלערנט מדרש־רבא.

שפּעטער איז די נאַכט צוגעפאַלן און שכנים האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי אונדז אין הויף. ביי אַ צוואַנציק פּערזאָן. די סאַמע סמעטענע פון סיי־

געטער ייִדישן ישוב. מ׳איז געשטאַנען אַרום מיין פאָטער און זיך צוגעהערט צו זיינע אַנעקדאָטן, משלים און פּאָליטישע טעאָריעס וועגן דער סיטואַציע. אַ גוטער דערציילער איז ער געווען, מיין פאָטער.

פּלוצים האָט דער טויער פון הויף זיך געעפנט און שטערן — אַמאָל אַן אייגנטימער פון אַ קליינינקער קראָם אין מצרים־געסל און היינט אַ געטאָ־פּאָליציאַנט — איז אַריינגעקומען און צוגעגאַנגען צו מיין פאָטער, אים אַ סוד איינגערוימט אין אויער.

טראָץ דער פינצטערניש, וועלכע האָט אָנגעהויבן אונדז איינהילן, האָב איך באַמערקט ווי מיין פאָטערס פּנים איז בלאַס געוואָרן:

— וואָס איז געשען? וואָס? אַן אומגליק חלילה? רעדט אַ וואָרט?

פרעגן, פרעגן, פרעגן.

מיין פאָטער האָט געענטפערט:

— איך ווייס גאָרנישט. מ׳האָט מיך גערופן צו אַ דרינגענדיקער זיי־צונג פון ייִדישן ראָט. מסתמא איז עפּעס געשען.

עפּעס איז געשען... אָדער: עפּעס גייט געשען! דער זייגער פון גורל האָט געלאָזט הערן זיין ערשטן קלאַנג. די וויזערס דרייען זיך פאַראויס. עפּעס דאַרף געשען. אין דעם איז שוין יעדער — מיטאַמאָל — זיכער. עפּעס מוז פּלאַצן, אויסברעכן. עפּעס — וואָס?

אומרו אין האַרצן.

אַ שטילקייט האָט באַהערשט דעם הויף, דעם הימל, די פאַרזאַמלטע. מיין פאָטער האָט געהאַלטן אין דערציילן אַן אַנעקדאָט און אים נישט פאַרענדיקט.

אַ שיינע לבנה־נאַכט. אַ ווייט־אויסגעשטערנטער הימל. אַלץ איז רויִק אַרום.. קיינער רעדט נישט אַרויס קיין וואָרט. גלייך מ׳האָט מורא, אַז דורך אַ וואָרט קען מען דעם גורל פון שלאָף אויפוועקן.

מיין פאָטער זאָגט:

— איך גיי תיכף צום ייִדישן ראָט. כ׳וועל זען וואָס ס׳קומט דאָרט פאָר. אַזוי שנעל ווי מעגלעך וועל איך זיין צוריק און אַלץ אייך דערציילן. וואָרט־צו...

נישטאָ קיין ברירה. מ׳וועט וואַרטן. אַ שעה און אַפילו אַ גאַנץ יאָר. אַבי מ׳זאָל וויסן דעם סוד, דעם אמת. זענען מיר געשטאַנען אין הויף, ווי

מ׳שטייט פאַר אַן אָפּעראַציע־זאַל: מ׳האָט געשוויגן, געוואַרט אומגעדולדיק די טיר זאָל זיך עפענען, דער הימל זאָל זיך עפענען... און אין צווישן — געשוויגן.

דערווייל זענען אָנגעקומען נאָך שכנים. אַן אומעט האָט זיך געצויגן פון הויז צו הויז. די ידיעה, אַז ס׳קומט פאַר אַ דרינגנדיקע זיצונג אין יידישן ראָט האָט זיך פאַרשפּרייט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט.

אַן אויסגעשטערנטער הימל. אין האַרץ — אַ הימל פון בליי. אַזאַ שווערע משא אין אים. עפּעס דריקט עס דאָרט אַזוי מוראדיק, אַזוי משו־נהדיק...

מ׳קוקט אויפן זייגער איטלעכע מינוט. די ווייזערס באַוועגן זיך נישט, ווי אויף צו להכעיס. גלייך זיי וואָלטן באַקומען אַ פּלוצימדיקן פּאַראַליזש־אָנגריף.

פינף מינוט. זיבן. צען. דער פאָטער איז נאָך אַלץ נישט געקומען. אַ האַלבע שעה. די נערוון — אָנגעצויגן ווי סטרונעס. אַ שעה. נאָך אַלץ דאָרט, דער פאָטער. אומרו פאַרוואַנדלט זיך אין פּשוטן פּחד. וואָס איז געשען? וואָס קען באַדייטן די אַ, לאַנגע, צו לאַנגע זיצונג?

מיין מוטער זאָגט:

איך האָב אַ שלעכט פאַרגעפיל. היינט נאָכמיטאָג, נייע פּנימער אין געטאָ געזען. צוויי הויכע אָפיצירן, דייטשן. דוכט זיך — געשטאַפּאָניקעס. אַ שלעכטער סימן. זייט מען איז אַריין אין געטאָ איז נאָך קיין געשטאַפּאָ־אָפיציר דאָ נישט געווען...

קיינער ענטפערט נישט. קיינער דערוועגט זיך נישט צו ענטפערן. אין דאָזיקן מאָמענט בלייבן אַלע פראַגן אָפן. ווו זענען אונדזערע פּראָ־פעסיאָנעלע אָפּטימיסטן? פאַרוואָס פרוּוון זיי נישט אויך איצט, דווקא איצט, באַרויקן די געמיטער?

שוין באַלד צוועלף אַזייגער. ס׳ווילט זיך נישט, ס׳גליסט זיך נישט גיין שלאָפן. איניקע שכנים זענען געלאָפן צו זיך אַהיים, זען צי אַלץ איז אין אָרדענונג. אַנדערע האָבן זיך געזעגנט, געווונטשן אַ גוטע־נאַכט, אַ גוטע וואָך און געבעטן מ׳זאָל קומען זיי מודיע זיין, ווען דער פאָטער וועט זיין צוריק פון יידישן ראָט.

אַרום האַלב איינס האָט ענדלעך דער טויער זיך געעפנט און דער

פאָטער איז אַריינגעקומען — ניין: אַריינגעפאַלן, אַ פאַרסאָפּעטער אין הויף. מיר האָבן אים אַרומגערינגלט, ווי קראַנקע — אָדער זייערע קרובים — רינגלען אַרום אַ שפּיטאָל־דאָקטאָר.

— דערציילט! זאָגט! וואָס הערט זיך? זאָגט אַ וואָרט...

עס האָט זיך אַזוי געוואָלט הערן, אין דאָזיקן מאָמענט, אַ באַרויקנ־דיק וואָרט, אַ בטחון־וואָרט, הערן פון אים, אַז ס׳איז נישטאָ פאַר וואָס מורא צו האָבן, אַז די זיצונג איז געווען אַ נאָרמאַלע, אַ געוויינלעכע, אַז מ׳האָט גערעדט וועגן לויפנדיקע ענינים, וועגן סאַניטאַרע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, וועגן דירות און שטייערן...

אָבער גענוג געווען צו וואַרפן אַ בליק אויף זיין בלאַס פּנים, וואָס האָט ווי געפלאַקערט אין דער אומעטיקער פינצטערניש פון דער נאַכט, כדי צו פאַרשטיין: דאָס אומפאַרמיידלעכע איז געשען, איז אָנגעקומען.

דער פאָטער איז געשטאַנען אינמיטן לעבעדיקן קרייז און דערציילט:

— אַ שרעקלעכע בשורה. טראַנספּאָרטן. אַ באַפעל פון געשטאַפּאָ... די געטאָ מוז ליקווידירט ווערן. מיר מוזן אַלע פאַרלאָזן די שטאָט. טראַנס־פּאָרטן. איניקע טראַנספּאָרטן וועלן אָרגאַניזירט ווערן. גאַסנווייז. גאַסנ־ווייז...

קיינער האָט נישט איבערגעהאַקט זיינע רייד. מ׳האָט געוואָלט הערן אַלץ. ביזן סוף. געוואָלט טרינקען דעם ביטערן ווייַן פון בעכער ביזן לעצטן טראָפּן. די בשורה האָט אונדז פאַרטויבט. אונדז געגעבן אַ זעץ אין פּנים. מיטאַמאָל האָבן מיר פאַרלוירן די פעיִקייט צו טראַכטן, צו וועבן לאָגישע מחשבות, צו פרעגן זאַכלעכע פראַגן. עפּעס האָט אַלץ אַרום — און מיר אַליין — זיך אויסגעדוכט ווי אַ חלום.

איך געדענק נישט ווי לאַנג די שטילקייט האָט געדויערט. איך גע־דענק בלויז, אַז זי איז געווען מוראדיקער ווי די בשורה אַליין, מוראדיקער ווי די ווערטער וועלכע האָבן זי אַרויסגערופן.

דאַן האָט עמעצער (ווער? אפשר קיינער און אפשר אַלע צוזאַמען), אַ פרעג געטון:

— ווו פירט מען אונדז?

אָט די וויכטיקע פראַגע איז געבליבן אָן אַן ענטפער.

אַ סוד. אַ סוד פאַר יעדן, אויסער פאַר איינעם: דעם שעף פון יידישן

ראָט. ער ווייסט יאָ — אַזוי זאָגט מען — ווי מ׳פירט אונדז. אָבער ער וויל נישט רעדן. ער טאָר נישט רעדן. ער האָט מורא. די געשטאַפּאָ האָט אים געוואָרנט: אויב ער איז מגלה דעם סוד ווערט ער דערשאָסן.

מיין פאָטער באַמערקט מיט זיין צעבראָכענער שטימע:

— פאַראַן קלאַנגען, קלאַנגען לויט וועלכע מ׳פירט אונדז ערגעץ־ווו אין די טיפענישן פון אונגאַרן, אַרבעטן אין אַ ציגל־פאַבריק. דער פראָנט איז צו נאָענט... דאָס זאָל זיין די סיבה...

און נאָך אַ מינוט שטילשווייגן:

— ...מאָרגן גייען די פאָלגנדיקע גאַסן: די „שלאַנגען־גאַס", די „אי־פאר־גאס". יעדער מעג ביטנעמען מיט זיך בלויז פערזענלעכע חפצים: אַ רוקזאַק, עסן, ווייניק מלבושים. מער גאָרנישט.

פונדאַסניי אַ טויטע שטילקייט אַרום.

אין האַרצן — אַ שטורעם פון פחד.

— גייט, וועקט אויף די שכנים, בעט זיך דער פאָטער ביי די פאַרזאַמלטע, זאָלן זיי זיך צוגרייטן...

די מענטשן נעבן מיר האָבן, ווי פון שלאָף זיך אויפגעוועקט. זיי זענען זיך צעגאַנגען, ווי שאָטנס, אין אַלע ריכטונגען, ווי משוגענע שליחים פון גורל.

***

ווען מיר זענען געבליבן אַליין, צווישן אייגענע, אויפן הויף, איז געשען אַ זאַך, וואָס איז כדאי דערציילט צו־ווערן.

אונדזערס אַ קרובה, בתיה רייך, וועלכע האָט געוווינט ביי אונדז, איז געקומען צו לויפן:

— עמעצער קלאַפּט אין פענצטער!

דאָס פענצטער איז געווען פאַרהאַקט, ווייל עס האָט אַרויסגעקוקט צו דער קאַמער־גאַס, וואָס איז געשטאַנען, ווי־געזאָגט, מחוץ לתחום הגעטאָ.

ביז מיר זענען צוגעגאַנגען און באַוויזן צו עפענען האָבן געדויערט עטלעכע טייערע מינוטן און דאַן איז שוין געווען צו־שפּעט. מיר האָבן קיינעם נעבן פענצטער נישט געפונען.

און ערשט נאָך דער מלחמה, זענען מיר דערגאַנגען ווער עס האָט דעמאָלט געקלאַפּט אין פענצטער.

געווען איז דאָס אַן אינספּעקטאָר פון דער אונגאַרישער פּאָליציי, אַ גוטער פריינט פון מיין פאָטער.

איידער מיר זענען אַריין אין געטאָ האָט ער אונדז געזאָגט:

— גייט רויק, זייט רויק. אויב אַ סכנה וועט אייך באַדראָען וועל איך קומען אייך צו וויסן טון...

איז ער געקומען. ער האָט געוווּסט וועגן דער סכנה.

וואָלטן מיר מיט אים דעמאָלט גערעדט וואָלטן די געשעענישן אפשר אַן אַנדערן כאַראַקטער אָנגענומען. מיר האָבן געהאַט געלעגנהייטן און פערמעגלעכקייטן זיך צו באַהאַלטן ביי פשוטע גויים און ביי פּראָמינענטע זענלעכקייטן. אַ סך נישט־ייִדן פון די אַרומיקע דערפער האָבן זיך געבעטן ביי אונדז רחמים, אַז מיר זאָלן קומען צו זיי. פאַראַן בונקערס פאַר אונדזערט־וועגן אין דאָרף אָדער אין די בערג. אָבער מיר האָבן אַלע פאַרשלאָגן אָפּגעוואָרפן. פאַרוואָס? גאַנץ פשוט: דער קאַלענדאַר האָט געוויזן אַפּריל 1944 און מיר, סיגעטער ייִדן, האָבן נאָך אַלץ וועגן טרעבלינקע, בוכענוואַלד און אוישוויץ נישט געוווּסט...

אַ גורל־זאַך געווען.

***

די געטאָ האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט פון שלאָף. ביסלעכווייז האָבן ליכט זיך אָנגעצונדן אין די פענצטער. מענטשן האָבן אָנגעהויבן גרייטן זיך אין וועג. דאָס ערשטע בילד פון גירוש האָט זיך אַנטפּלעקט אין איר ווילדער נאַקעטקייט.

איך געדענק — גלייך עס וואָלט נעכטן געשען:

איך בין אַריינגעקומען אין אַ הויז פון אַ פריינט. אויפגעוועקט דעם בעל־הבית. אַן עלטערער ייִד געווען, אַ בן־תורה, אַ יודע־ספר, אַ גרויע באָרד, פאַרחלומטע אויגן. איך האָב אים געזאָגט:

— שטייט אויף ר׳ ייִד, שטייט אויף מיין פריינט. גרייט אייך אין וועג אַריין. מאָרגן ווערט איר פאַרטריבן. איר און אייערע קינדער, איר און אייער משפחה, איר און אַלע ייִדן. וווהין? פרעגט מיך נישט וווהין,

ר׳ ייִד האַרציקער. פרעגט מיך נישט קיין שאלות. ענטפערס קענט איר בלויז ביים רבונו־של־עולם באַקומען. שטייט אויף...

האָט ער נישט פאַרשטאַנען וואָס איך רעד צו אים. געמיינט מסתמא, אַז איך בין פון זינען אַראָפּ, אַז ער איז פון זינען אַראָפּ, אַז איך וואַרף אים אַריין אין אַ שרעק־חלום:

— וואָס?! וואָס רעדסטו?! צוגרייטן זיך? צו וואָס? צו ווען? צי ביסטו משוגע געוואָרן, ווי יידעלע פעלדמאַן?

יידעלע פעלדמאַן, איז געווען מיין חבר, אַן אייניקל פון דעם דיין, ר׳ שלמהלע העלער. אַ קורצע צייט איידער מיר זענען אַריין אין געטאָ איז ער, יידעלע, אַראָפּ פון זינען.

מיין האַלב־אויפגעוועקטער פריינט האָט אויף מיר זיינע פּחדפולע אויגן אָנגעהאָנגען, זיין פּנים האָט געוואַרט עפּעס פון מיר, געוואַרט אַ זשעסט, אַ וואָרט, אַ בליק, געוואַרט איך זאָל אויסשיטן אין אַ געלעכטער און אים זאָגן:

— גייט לייגט אייך צוריק אין בעט. שלאָפט, חלומט, גאָרנישט איז געשען, אויף אַן אמת גאָרנישט, בלויז אַ שפּאַס געמאַכט...

אָבער זיין דערוואַרטונג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַנטוישונג. מיין האַלדז איז פאַרטרוקנט געוואָרן. די ווערטער זענען דערוואָרגן געוואָרן, נאָך איידער זיי זענען אָנגעקומען פון מוח צו די ליפּן. איך האָב נישט געהאַט — איך האָב נישט געקענט האָבן — וואָס צו זאָגן.

דאַן האָט ער פּלוצים פאַרשטאַנען. אַלץ באַגריפן. גלייך אַ פאָרהאַנג וואָלט זיך אויפגעהויבן און אַנטפּלעקט די ווירקלעכקייט, די געדיכטקייט פון דער פינצטערניש אין דרויסן.

ער איז אַראָפּ פון בעט און גענומען אָרויפציִען — מיט מעכאַנישע באַוועגונגען — אויף זיך זיינע בגדים. דאַן איז ער צוגעגאַנגען צום בעט, וווּ זיין פרוי איז געשלאָפן און מיט אומגעהויערער צאַרטקייט איר אָנגערירט דעם שטערן. זי האָט געעפנט אירע בלאַסע, מידע אויגן און דוכט זיך, אַז אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אַרום אירע ליפּן. צום סוף איז ער צוגעגאַנגען צום בעטל, וווּ זיינע ביידע קינדער זענען געשלאָפן, זיי אויפגעוועקט, מיט כּוח, מיט געוואַלד זיי אַרויסגעריסן פון זייערע חלומות־וועלטן.

און געווען איז אַזויפיל פאַטעטישקייט אין דעם אופן ווי ער האָט אויפגעוועקט זיין פרוי און די קינדער, אַז איך האָב פּלוצים געפילט, ווי מיינע פיס אַנטלויפן, אַנטלויפן ווייט־ווייט און איך בין זיי נאָכגעלאָפן, נישט קוקנדיק הינטער מיר.

אין אַלע שטובן — אַזעלכע און ענלעכע סצענעס.

אַ שוידער־נאַכט.

אין גאַנצן געטאָ — אַ גירוש־שטימונג. און מיטאַמאָל דוכט־זיך, אַז ס׳איז קיינמאָל אַנדערש נישט געווען, אַז זייט דער אַנטשטייונג פון געטאָ, אַז זייט דער אַנטשטייונג פון דער גאַנצער שטאָט, אַז זייט ששת ימי בראשית, האָט אַזאַ שטימונג באַהערשט די איינוווינער פון געטאָ.

איצט האָט די סיטואַציע זיך געענדערט. צייט איז געלאָפן מיט אוממענטשלעכער שנעלקייט.

נישט באַוויזן זיך אַ ריר־טון און שוין איז 4 אַ זייגער פאַרטאָג.

מיין פאָטער לויפט אַרום, אַהער און אַהין, פאַרסאָפּעט, פאַרשוויצט, פאַרמרה־שחורהט, ווי אַ פאַרלוירן קינד. ער טרייסט באַקאַנטע, יאָגט־זיך צום יידישן ראַט געוויר־ווערן, אפשר איז אין צווישן בטל־געוואָרן די גזירה, ווייל — איר פאַרשטייט דאָך אַליין — ביזן לעצטן מאָמענט האָט דער בטחון־שטן געבושעוועט אין האַרץ און געפּרוווט אונדז איבערצייגן, אַז אַלץ איז אַן אילוזיע און מיר וועלן אָפּקומען בלויז מיט שרעק.

די גזירה איז נישט בטל געוואָרן.

גאָט האָט אַרויסגעגעבן דעם אכזריותדיקן פּסק־דין און אים נישט געוואָלט בטל־מאַכן. וואָלטן מענטשן געהאַט דעמאָלט צייט, און געדולד, צו טראַכטן, צו פאַרטיפן זיך אין פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, וואָלטן אַ סך אפּיקורסים געבוירן געוואָרן אין יענעם טאָג אין סיגעט.

אָבער נישט געווען קיין צייט צו טראַכטן. די גירוש־מאַשין האָט געאַרבעט מיט פולן דאַמף און זי האָט פאַרטויבט מחשבות.

אַ געטומל, אַ רעש, געשרייען, טרערן, אַ זיפצעניש, אַ קרעכצעניש.

די געטאָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרוויכערטן בינענשטאָק.

יעדער איז געווען באַשעפּטיקט, פאַרפּאַרעט.

פרויען האָבן געקאָכט האַרטע אייער, געבאַקן פלייש, צוגעגרייט קוכן. מענער האָבן גענייט רוקזעק, קינדער האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט אַראָפּ־

געלאָזטע קעפּ, נישט וויסנדיק ווו זייער אָרט איז, נישט וויסנדיק, ווו זיי דאַרפֿן זיך באַהאַלטן, כדי נישט צו שטערן די דערוואַקסענע אין זייער אַרבעט.

אויפֿן הויף — אַ מאַרק: ווערט־זאַכן, טייערע טעפּיכער, זילבערנע לייכטער, אַ חלה־טישטעך, אַ בשמים־פּושקעלע, מחזורים, סידורים — אַלץ וואַלגערט זיך אויף דער שמוציקער ערד, אונטערן צו בלויען הימל. גלייך זיי וואָלטן קיינמאָל קיין בעל־הבית נישט געהאַט, גלייך עס וואָלט קיין בעל־הבית אויף דער וועלט נישט געווען.

לית דין ולית דיין. אַלץ איז הפקר, מוראדיק הפקר.

ווען דער מענטש איז אויס מענטש, איז די וועלט אויס וועלט.

**
*

אַכט אַ זייגער אין דער פֿרי. אַ מידקייט האָט ווי קאָכעדיקער בליי זיך צעגאָסן אין אַלע אָדערן, אין אַלע אברים, אין אַלע מחשבות. איך האָב געהאַלטן אין מיטן דאַווענען. פּלוצים: געוואַלדן אין גאַס.

שנעל אויסגעטאָן די תפילין און אַרויסגעלאָפֿן זען וואָס ס׳טוט זיך.

אונגאַרישע פעלד־זשאַנדאַרמען האָבן זיך אַריינגעריסן אין געטאָ און געליאַרעמט:

— אַלע ייִדן אַרויס פֿון די הייזער! אַלע אַרויס! אין גאַס אַרויס!

ייִדישע פּאָליציאַנטן זענען אַריינגעגאַנגען אין ייִדישע שטובן און געבעטן זיך, מיט איינגעהאַלטענע שטימען, ברחמים געבעטן זיך ביי די צום־גירוש־פאַרורטיילטע, זיי זאָלן אַרויסגיין, זיי זאָלן פאַרלאָזן זייער היים:

— גייט, ברידער, גייט, געשלאָגן האָט די שעה...

אַ סך ייִדישע פּאָליציאַנטן האָבן געוויינט בשעת־מעשה.

אַ וווּנדער?

שטעלט איך פֿאַר וואָס ס׳שפּילט זיך אָפּ אין האַרצן פֿון אַזאַ פּאָלי־ציאַנט בשעת ער דאַרף פאַרטרייבן זיינס אַ ברודער, זיינס אַ קרוב פֿון שטוב, פֿון דער וואַרעמער היים, פאַרטרייבן אים ווי אַ גנב, נאַקעט און באָרוועס און אומגליקלעך...

די אונגאַרישע פעלד־זשאַנדאַרמען זענען געווען ווילדער ווי ווילדע חיות. זיי האָבן געשלאָגן מיט זייערע ביקסן, מיט זייערע קאַנטשיקעס, אָן רחמנות, אָן אַ פאַרוואָס, געשלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס, זקנים און פרויען, קינדער און קראַנקע.

גאָטס צאָרן האָט אויף אונדז זיך אויסגעגאָסן.

משניתן רשות למשחית...

הייזער ווערן אַלץ מער ליידיק, אַלץ מער פּוסט און די גאַס — אַלץ מער פול.

צען אַזייגער: אַלע ייִדן וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן צום גירוש זענען שוין געשטאַנען אינמיטן גאַס.

האָט זיך אָנגעהויבן די פּרשה פֿון ציילונגען.

זשאַנדאַרמען האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן די קרבנות און גע־ציילט זיי איינמאָל, צוויי מאָל און פינף און צוואַנציק מאָל. ביי יעדן ציילן — אויפשטיין.

און די זון האָט געפלאַקערט אויפֿן רויטן בלוטיקן הימל, גלייך זי האָט געוואָלט אונטערצינדן נישט בלויז די וועלט, נאָר אויך — אָדער דווקא — איר באַשעפער.

אַ שרעקלעכע היץ. שווייס גיסט זיך פֿון די פּנימער.

קינדער בעטן וואַסער. ס׳דורשט זיי. ס׳איז טרוקן אין האַלדז. וואַ־סער... וואַסער? ס׳איז דאָ גענוג וואַסער. אין הויף, אין שטוב, אָבער — פאַרבאָטן אַרויסצוגיין פֿון דער ריי.

— וואַסער! מאַמע, אַביסל וואַסער! — וויינען קינדער.

דער נייער לעבנס־שטייגער האָט זיך שוין אָנגעהויבן. אויך וואַסער איז געוואָרן אַ פּראָבלעם, אַ לעבנס־פּראַגע.

ייִדישע פּאָליציאַנטן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין מלאכי־שרת; גע־בראַכט וואַסער פֿאַר דורשטיקע.

אויך מיר — מיינע שוועסטערן און איך — זענען אַרומגעלאָפֿן מיט קריגן וואַסער און פאַרטיילט מצות. פאַרטיילט וואַסער. מיר האָבן גע־מעגט זיך באַוועגן, ווייל אונדז האָט מען באַשטימט צום לעצטן טראַנס־פּאָרט.

האָבן מיר געטיילט לעבן, געטיילט בעכערס מיט וואַסער.

און נישט איינמאָל איז אַ טרער, אַ פּשוטע, אַ באַשיידענע, אַריינגעפאַלן אין אַ בעכער.

**
*

ענדלעך!

איינס אַ זייגער. מ׳גרייט זיך אין וועג אַריין. דאָס ציילן — געענדיקט. ברוך־השם.

אַ פרייד — יאָ, אַ פרייד! — באַפאַלט דעם המון. מענטשן פרייען זיך, וואָס ס׳איז שוין געגעבן געוואָרן דער באַפעל צו גיין. אויסגעדוכט האָט זיך, אַז נישט פאַראַן קיין גרעסערע פּיין אין גאָטס גהינום, ווי צו זיצן דאָ אינמיטן גאַס, אויף וואַליזקעס, אונטער דער ברענענדיקער זון... איז בעסער צו גיין, גיין ווו מ׳רופט, ווו מ׳שיקט. גיין און נישט קוקן מער פון דער הפקרדיקער גאַס צו די ליידיקע שטובן, צו די בל׳ענדיקע גערטנער, צו די זכרונות־שטיינער... גיין!

מ׳גייט.

דער המון איז געוואָרן אַ משונהדיקע פּראָצעסיע, וועלכע האָט אין מיין קינדערישן דמיון קיין פאַרגלייך נישט געפונען.

אַ פּראָצעסיע פון שאָטנס.

יעדער מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס. יעדער מיט אַ צער — ווער אַ שטומען און ווער אַ וויינענדיקן — אין די אויגן.

פּאַמעלעך, ביז גאָר פּאַמעלעך, מאַרשירט די פּראָצעסיע צום טויער פון געטאָ.

און איך שטיי זיך אַזוי אויפן טראָטואַר פון אונדזער הויז (אונדזער הויז...) און קוק זיך איין אין בילד, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר מיינע אויגן. איך וואָלט געקענט באַהאַלטן זיך אין שטוב און נישט זען אָט דאָס אַלץ. עס וואָלט לייכטער געווען. אָבער אַ מאַזאָכיסטישער חשק האָט זיך דערוועקט אין בלוט. ס׳האָט זיך געוואָלט עפּעס ליידן. מיטליידן מיטן כלל. בין איך געשטאַנען אויפן טראָטואַר פאַר אונדזער הויז און געקוקט, אַריינגעזאַפּט אין זיך יענעמס טרערן, יענעמס בליקן, יענעמס יאוש.

אָט גייט דער רב, דער מרא דאתרא, הרב ר׳ יקותיאל יהודה טייטלבוים. זיין הויכע, אײדעלע, שלאַנקע פיגור — איינגעבויגן. זיין שוואַרצע

הדרת־פּנימדיקע באָרד — פאַרשוווּנדן. אַ רוקזאַק אויף זיין רוקן. נעבן אים — די רביצין מיט די קינדער. עס שניידט אין האַרצן. דער רב אָן אַ באָרד, דער רב מיט אַ רוק־זאַק... ס׳ווילט זיך נישט גלויבן. בלויז צוליב אים אַליין, צוליבן רב, ווערט דאָס גאַנצע בילד נישט רעאַל, ווי אַרויסגעשניטן פון אַ חלום אָדער פון אַ היסטאָרישן ראָמאַן וועגן גלות־בבל, אָדער גירוש־ספרד.

נישט־ווייט פון אים: ר׳ זיידע, דער מלמד. אַ שוואַכער, צוזאַמענגעבראָכענער ייִד. זיינע שאַרפע, בייזערדיקע אויגן — דעם פלאַם פאַרלוירן. אויך זיין באָרד, אָפּראַזירט. אויך ער גייט איינגעבויגן, גלייך ער וואָלט געפרוווט שעפּן כוח פון דער ערד. כוח צו דערטראָגן זיין געפּעק, זיין גורל.

ר׳ זיידע דער מלמד — אַזוי האָב איך אים גערופן און אַזוי האָט יעדער איינער אים געקענט. זיין פאַמיליע־נאָמען האָט אַפילו מיין פאָטער נישט געוווּסט. מיט יאָרן צוריק, האָב איך ביי אים געלערנט דרדקי און תורה שבכתב ותורה שבעל פה: בבא־מציעא, בבא־בתרא. מיר האָבן אים ליב געהאַט און פונדעסטוועגן געציטערט פאַר אים. און אַ באַהעלפער האָט ער געהאַט, יצחק, אַ יונגער געזונטער בחור, אַן אייזערנער קאָפּ און אַ שלאָגנדיקע רוט. מיר האָבן מער מורא געהאַט פאַר יצחקן ווי פאַר אים, ר׳ זיידען. פאַרוואָס? ר׳ זיידע האָט געהאַט עפּעס אַ גוטסקייט אויף זיין פּנים — טראָץ זיינע בייזערדיקע אויגן. עפּעס האָט זיך תמיד געדוכט, אַז זיין שטרענגע באַציִונג צו אונדז איז בלויז אַ שפּיל, אַ קאָמעדיע, אַז ער אַליין לאַכט דערפון...

איצט שלעפּט ער זיין זאַק, זיין לעבן, צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע ייִדן, וועלכע פאַרלאָזן זייערע היימען, גלייך מ׳פאַרלאָזט קינדעריאָרן: נישט־וויסנדיק ווי די עלטער וועט אויסזען.

אָט, גייען יוגנט־פריינט, חברים. צוזאַמען מיט זיי אין חדר געגאַנגען. מיט איניקע די „תפארת בחורים״ געגרינדעט. מיט אַנדערע אַ תענית־חלום אָפּגעריכט. מיט אַלע — אַלע — צויבער־חלומות געוועבט. אָט גייען זיי: משה שאַרף, יצחק יונגער, חיים כהנא, דודל ווייס, אליעזר כהנא און אַזויפיל אַנדערע, אַזויפיל אַנדערע.

זיי קוקן נישט צו מיר, זעען מיך נישט. אפשר זעגנען זיי בייז, וואָס איך בלייב מחוץ למחנה, וואָס איך גיי מיטן נאָענטסטן, מיטן לעצטן טראַנס־

פּאָרט, וואָס איך בלייב נאָך אין דער היים אַ פּאָר שעה, אַ פּאָר טעג.

טויזנטער טאָן בליי אין האַרצן.

די פּראָצעסיע איז פאַרשווונדן אין עק גאַס. פינף מינוט שפּעטער: זי איז אַרויס פון געטאָ.

איצט איז די געטאָ ליידיק. אַ חודש צייט האָט זי עקזיסטירט, נישט מער. אַלץ איז אַזוי שנעל געקומען, ווי אַ טייפון־שטורעם אויפן ים. דער דייטש האָט קיין צייט נישט געהאַט, געמוזט די אַקציע שנעל אַדורכפירן. שנעל. אַנדערש האָט אַ סכנה געדראָט: די ייִדן זאָלן באַפרייט ווערן דורך דער רויטער אַרמיי. דער פראָנט — אַזוי נאָענט געווען...

ליידיק איז די געטאָ. מוראדיק ליידיק. געציילטע משפחות געבליבן ביזן נאָענטסטן טראַנספּאָרט.

די גאַס: אַ ציגיינער־מאַרק. אויף יעדן טריט און שריט — טייערע חפצים. לעדערנע וואַליזקעס, פרויען־טאַשן, מעסערס, טעלערס, לעפל. ייִדן האָבן אַ סך זאַכן אַוועקגעוואָרפן נאָך איידער זיי האָבן אָנגעהויבן גיין זייער אייביקן וועג. נישט געווען קיין כוח אין זיי. נישט געווען קיין כוח צו שלעפּן אַ גאַנצע עקזיסטענץ, אַלץ וואָס מ׳האָט דערוואָרבן מיט בלוט און שוויס, מיט טאָג־טעגלעכער מי און פּיין במשך צענדליקער יאָרן, במשך אייניקע דורות.

אָפענע שטובן אומעטום. טירן און פענצטער — ברייט אָפן, ווי נאָך אַ שריפה, ווי נאָך אַ חורבן. אַ הפקר וועלט. כל דכפין ייתי ויכל, ווער עס וויל — קען קומען נעמען אַלץ וואָס זיין תאווה באַגערט. אַלץ. אָבער — ווער טראַכט איצט וועגן גיין און נעמען פרעמדן רכוש? וואָס קען מען טאָן מיט אים? מאָרגן וועלן מיר דאָך מוזן אונדזער אייגענעם רכוש, אונדזער אייגן האָב און גוטס איבערלאָזן אויף גאָטס גענאָד.

די געטאָ איז מיטאַמאָל געוואָרן אַן אָפענער קבר. אַלץ איז אַזוי פּוסט, אַזוי ליידיק, אַזוי אויסגעליידיקט!

...מיט אַ חודש צוריק, מיט אַ וואָך צוריק — וואָס רעד איך? מיט 24 שעה צוריק! — האָבן מענטשן זיך דאָ אַרומגעדרייט, מענטשן, וואָס האָבן געחלומט וועגן פרייהייט, וועגן גערעכטיקייט, מענטשן וועלכע האָבן גע־גלייבט אין גליק ווען אַ קינדס שמייכל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זייערע אויגן, מענטשן וועלכע האָבן געהאַט בטחון אין גאָטס דרכים!

מיט אַ מעת־לעת צוריק...

אַ מוראדיקע ליידיקייט — אַ גייסטיקע און פיזישע ליידיקייט — אַרום.

אויפן הימל, אַ זומערדיקע, לאַכעדיקע זון.

פרילינג איז אויף גאָטס געבענטשטער וועלט.

***

אויך אין אונדזער שטוב — אַ וויסטקייט, אַן אומאָרדענונג.

דער טאָג איז אַדורך, אָן דעם אַז מיר זאָלן עפּעס האָבן גענומען אין מויל. אָבער מ׳פילט נישט קיין הונגער. בלויז אַ מידקייט, אַן אומענדלעכע, אַן אומנאָרמאַלע מידקייט.

מיין פאָטער האָט באַגלייט די פאַרשיקטע ביזן געטאָ־טויער. איצט איז ער צוריקגעקומען מיט נייעס: אַלע ייִדן זענען געפירט געוואָרן אין דער גרויסער שול. דאָרט ווערן זיי אונטערזוכט, צי זיי שמוגלען נישט אַרויס גאָלד, געלט אָדער אַנדערע טייערע תכשיטים. די שפּאַנונג — אַ הויכע. די מאָראַל — אַ געפאַלענע. געווען היסטערישע אויסברוכן, בעיקר צווישן עלטערע פרויען אָדער יונגע מאַמעס. געווען אויך אכזריות־טאַטן מצד די זשאַנדאַרמען.

— ווען קומט אויף אונדז די ריי? פרעג איך מיין פאָטער.

— איבערמאָרגן — קלינגט זיין פאַרמאַטערטע תשובה — איבער־מאָרגן. אויב — — — אויב אין צווישן וועט עפּעס נישט אונטערקומען. אפשר, אפשר אַ נס!

ווי נאַריש, ווי משוגע־נאַיִוו מיר זענען אַלץ געווען. נאָך אַלץ גע־גלייבט אין נסים און אין דעם וואָס באַוויזט נסים.

אָנשטאָט צו גלויבן — פשוט — אין בלינדן גורל.

ווו פירט מען די פאַרשיקטע ייִדן? צי ווייסט מען שוין עפּעס? גאָר־נישט געוווּיר געוואָרן? ניין. דער סוד ווערט אָפּגעהיט. די וועגן פון גורל — אויך.

די נאַכט איז צוגעפאַלן אומבאַמערקט, גלייך זי וואָלט געשעמט זיך אַרונטערצוגיין צו אַזאַ וועלט.

אין דאָזיקן אָוונט זענען מיר געגאַנגען פרי שלאָפן. און מחמת דער מידקייט איז די נאַכט נישט געווען קיין שלאָפלאָזע. די אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט פון זיך אַליין, גלייך זיי וואָלטן געוואָלט פאַרגעסן דאָס אַלץ וואָס זיי האָבן געמוזט זען במשך דעם גאַנצן טאָג.

דער פאָטער האָט געזאָגט, צו אונדז קינדער:

— איר מעגט שלאָפן רויִק, אונדזער ריי קומט ערשט איבערמאָרגן. דאָס הייסט — דינסטיק.

דער מאָנטיקדיקער טאָג איז פאַרשוווּנדן שנעל, ווי אַ זומערדיק וואָלקנדל פאַר אַ רעגן, ווי אַ חלום אין די פרימאָרגן־שעהן.

במשך דעם גאַנצן טאָג האָט מען זיך געגרייט אין שטוב: געבאַקן, געקאָכט, גענייט רוקזעק. וועגן דער צוקונפט האָט מען עפּעס נישט געטראַכט. די אָ, פראַגע האָט אויפגעהערט צו אינטערעסירן, צו פייניקן מוחות. דער גזר־דין איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן. אַ שאָד יעדעס וואָרט, אַ שאָד יעדע מחשבה. מ׳מוז זיך באַציִען צום אומגליק, פונקט אַזוי ווי ער באַציט זיך צו אונדז: מיט ביטול.

און נאָך שקיעת־החמה, ווען אויך מאָנטיק האָט געהערט צום עבר, האָט די מאַמע געהייסן אונדז גיין שלאָפן פרי. מ׳מוז זאַמלען כוחות, האָט זי געזאָגט, מ׳מוז אויסהאַלטן!!!

און אויך די אָ, נאַכט האָט צוזאַמענגעגאָסן זיך מיט די איבעריקע אומצייליקע נעכט פון דער פאַרגאַנגענהייט.

די לעצטע נאַכט אין דער היים. די לעצטע...

מיר זענען אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי. איך האָב געאײַלט זיך צו לייגן תפילין. נישט פאַרטריבן ווערן חלילה, נישט האָבנדיק געדאַוונט.

מיין פאָטער איז אויפגעשטאַנען פאַר אונדז און געגאַנגען אין גאַס זוכן ידיעות. ער איז צוריקגעקומען אַרום אַכט אַזייגער אין דער פרי. אַ גוטע בשורה: מיר פאַרלאָזן טאַקע באַלד דעם געטאָ, אָבער נישט די שטאָט. דערווייל נאָך נישט. מיר גייען בלויז אַריבער אין קליינעם געטאָ, אויפן אויבער־יאַראַש. דאָרט וועלן מיר צוּוואַרטן אויף דעם לעצטן טראַנספּאָרט. מיר וועלן זיין די לעצטע ייִדן פון דער שטאָט. נאָך אונדזער אָפּפאָר וועט סיגעט בלייבן ייִדן־ריין...

טאַקע אַ גוטע בשורה. געוווּנען אַ פּאָר טעג. גם זה לטובה.

ניין אַ זייגער אין דער פרי: די זונטיקדיקע סצענע חזרט זיך איבער. זשאַנדאַרמען — מיט וואָנצעס, מיט פעדערן אין זייער הוט — באַווייזן זיך אין געטאָ. זיי רופן:

— אַלע ייִדן אַרויס אין גאַס!

מיר זענען געווען גרייט. ממש געוואָרט אויף דעם דאָזיקן באַפעל. ער איז געהאנגען אין דער לופט, איבער אונדזער קאָפּ, זייט צוויי מעת־לעת.

איך בין אַרויס פון שטוב דער ערשטער. נישט געוואָלט, נישט געקענט קוקן אין פנים פון די עלטערן. מורא געהאַט, אַז אויב איך וועל זען זייער פנים וועל איך נישט קענען איינהאַלטן זיך און אויסשיסן מיט אַ געוויין.

און איך האָב נישט געוואָלט וויינען אין יענעם מאָמענט, בשום־אופן נישט געוואָלט.

אינמיטן גאַס — ווי ציגיינער. קודם — שטייענדיק. דאַן פאַלט מען אַ קרבן צו דער זון, צו דער מידקייט, וואָס צעגיסט זיך אין גאַנצן קערפּער. זעצט זיך איינער אַוועק. אַנדערע נעמען אים אַלס ביישפּיל. באַלד זיצן מיר שוין אַלע. אַזוי ווי זיי, אייערנעכטן, זיי, די ערשטע פאַרשיקטע. די זעלבע פּיעסע, דער זעלבער רעזשיסער, דער זעלבער אינהאַלט, בלויז די אַקטיאָרן האָבן זיך געטוישט.

אַ גהינום־זון שיקט אירע אכזריות־שטראַלן אויף אונדזער טריב האַרץ. מ׳ווערט דורשטיק. וואַסער! אַ ביסעלע וואַסער! פאַרטריקנט זענען די ליפּן, פאַרטריקנט דער האַלדז. וואַסער! קיינער איז נישטאָ וואָס זאָל אונדז דערלאַנגען אַ טראָפּן. די מלאכי־השרת פון אייערנעכטן זענען מיר אַליין. מיר זענען די לעצטע פון געטאָ! די לעצטע!

איך וואַרף אַ ליידיקן, כמעט אַפּאַטישן בליק צו אונדזער הויז, ווו איך האָב אויסגעלעבט מיינע קינדער־יאָרן, ווו איך האָב געזוכט מיין גאָט, ווו איך האָב געפאַסט תעניתים כדי משיחן צו ברענגען, ווו איך האָב געזוכט מיין וועג אין לעבן. טרויעריק? ניין. איך בין נישט געווען טרויעריק. עפּעס אַ ליכט אָדער אַ שאָטן פון נישט־ווירקלעכקייט האָט זיך צעגאָסן אויף דעם ראָג־הויז (שלאַנגען־גאַס נומער 1), אויף מיינע קינדערישע מחשבות.

— אויפשטיין! מ׳ציילט!

אויפגעשטאַנען. געציילט געוואָרן. אַנידערגעזעצט. ווידער אויפגעשטאַנען. ווידער אַנידערגעזעצט. צען מאָל אַזוי. פופצן מאָל. אַ ציגיינער־באַנדע זענען מיר געווען. געוואַרט זשאַנדאַרמען זאָלן אונדז פאַרטרייבן פון שטאָט. ווי קומען ציגיינער אין שטאָט, צווישן ריינע, ציוויליזירטע מענטשן? ציגיינער דאַרפן וווינען ווייט פון מענטשלעכע ישובים! העי זשאַנדאַרם! דיין אויפגאַבע איז פאַרטרייבן ציגיינער פון אונדז! טו־זשע דיין אַרבעט! נעם די ביקס אין האַנט! טרייב!

ענדלעך דער אויסגעבענקטער באַפעל:

— פאָרויס!

מיר הייבן אָן שפאַנען. קודם־כל קומט עס אָן שווער. ס׳איז שווער זיך אָפצורייסן פון עבר, פון הויז וואָס האָט סימבאָליזירט אַלץ וואָס איז שיין, אַלץ וואָס איז רויִק און טייער אין לעבן פון אַ מענטש. שפעטער ווילט זיך לויפן, אַנטלויפן וואָס שנעלער פון אַלץ, נישט קוקנדיק אַהינטער. אויב גאָט האָט פאַרבאָטן לוטן נישט צו קוקן אַהינטער זיך איז עס געווען פאַר זיין — לוטס — טובה־וועגן.

מיר שפאַנען פאַמעלעך און שטיל. טרערן אין די אויגן פון מיין פאָטער: מיין האַרץ צערייסט זיך אויף שטיקער. נאָך קיינמאָל נישט געזען דעם פאָטער וויינען. אַ שטאַרקער, שטרענגער מענטש געווען, מיט אַן אייזערנעם ווילן, מיט אַ פעסטן כאַראַקטער. קיינמאָל זיך נישט פאַרגעשטעלט אַפילו, אַז דער פאָטער איז פעיִק צו וויינען...

די מאַמע גייט מיט פאַרטראַכטע, פאַרחלומטע אויגן. זי וויינט נישט, זי האָט שוין שלום געמאַכט מיט איר גורל.

מ׳גייט. דער רוקזאַק איז שווער, צו שווער. דוכט זיך, אָט אָט ברעך איך צוזאַמען אונטער זיין וואָג. דאַן וואַרף איך אַ בליק צו מיין קליין שוועסטערל, צפורהלע. אירע בלאָנדע האָר — פאַרקעמט. אַ רויט מענטעלע אויף איר. צפורהלע. זיבן יאָר אַלט. אַ בלום. צאַרט און עמפינדלעך. אויך אויף איר רוקן — אַ רוקזאַק. זי פאַרבייסט אירע ליפן. זי פאַרשטייט: מ׳טאָר נישט וויינען, מ׳טאָר נישט באַקלאָגן זיך, עס העלפט נישט. פאַרבייס איך אויך די ליפן און דער רוקזאַק מיינער וועגט שוין ווייניקער.

די זשאַנדאַרמען פאָכען מיט זייערע קאַנטשיקעס: שנעלער!

נישטאָ קיין כוח. שוין איז נישטאָ קיין כוח. דער וועג האָט זיך ערשט אָנגעהויבן און דאָס לעצטע ביסל כוח האָט זיך אויסגעשעפט. אַזוי האָט זיך אונדז געדאַכט. אַ טעות...

ווו גייען מיר? צום אומבאַקאַנטן, צו אַ ראַנדעווו, צו אַ באַגעגעניש מיטן גורל.

— שנעלער! שנעלער! רירט אייך! שרייען די אונגאַרישע מלאכי־חבלה.

אין יענעם מאָמענט האָב איך אָנגעהויבן האָסן זיי, די אונגאַרישע שונאי־ישראל. און מיין שנאה צו זיי, דויערט נאָך ביזן היינטיקן טאָג. זיי זענען עס געווען די ערשטע פייניקער אונדזערע. און דעם ערשטן טעם פון גיהנום איז שווער צו פאַרגעסן.

— רירט אייך! קוויטשען די קאַנטשיקעס אין זייערע הענט.

שנעלער? צו וואָס? צו ווען? נאָך וואָס זיך איילן? וואָס וועלן מיר פאַרשפעטיקן, וואָס האָבן מיר צו פאַרשפעטיקן, אויב מיר וועלן אָנקומען מיט אַ שעה שפעטער, מיט אַ יאָר שפעטער?

נישטאָ קיין כוח. אומזעבאַרע אייזערנע קייטן אויף אונדזערע פיס. יעדער שריט פאַרשאַפט פיין. דוכט זיך: אָט אָט וועלן די פיס אָפזאָגן זיך צו טראָגן אונדז ווייטער. אָבער אַן אינערלעכע שטים רופט, וועקט: גייט! נישט פאַלן אין אָנהייב וועג! נאָך אַביסל, נאָך אַ מינוט, נאָך צוויי מינוט און מיר וועלן אָנקומען. גייט מען. כדי צו פאַרגעסן מיין ווייטיק וואַרף איך אַ בליק צו דער מאַמען. אונדזער אַלעמענס פלאָג שפיגלט זיך אָפ אין איר שוויגנדיק פנים.

איצט הייסן די זשאַנדאַרמען לויפן. לויפט מען. נישטאָ קיין ברירה. ווער האָט עס זיך אַמאָל פאַרגעשטעלט, אַז מיר זענען אַזוי געזונט, אַזוי שטאַרק? אַז מיר האָבן אַזויפיל כוח אין זיך?

דער גורל טרייבט, דער גורל רופט — לויפט מען.

ענדלעך!

מיר זענען אָנגעקומען.

שנעל אַראָפגעוואָרפן פון זיך די רוקזעק. אויטאָמאַטיש זיך געזעצט אויף דער טרוקענער ערד. אַ מידע תפילה האָט זיך דערוועקט אין האַרצן:

— רבון העולמים! טו מיט אונדז אַ חסד! זאָלן מיר זיך נישט דאַרפֿן אויפֿהייבן מער פֿון דאָזיקן אָרט...

גלייך גאָט איז נאָך פֿעיִק געווען זיך צוצוהערן צו די תּפֿילה פֿון אַ מענטש...

***

אין קליינעם געטאָ.

מיט דריי טעג צוריק האָבן מענטשן דאָ געוווינט. מענטשן פֿאַר וועלכע יעדע זאַך פֿון שטוב איז געווען אַ קוואַל פֿון זכרונות.

איצט האָבן מיר פֿאַרנומען זייער אָרט.

זיי — זיי זענען פֿאַרטריבן געוואָרן. אַוועק. פֿאַרשיקט מיטן נעכטיקן טאָג. געציילטע שעהן זענען אַריבער און שוין האָבן מיר אָן זיי פֿאַרגעסן, גלייך זיי וואָלטן דאָ קיינמאָל נישט געווען.

אַ מוראדיקע אומאָרדענונג אין די שטובן. אַ באַווייז, אַז זייערע איינוווינער האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן זייערע היימען מיטאַמאָל, אויף אַ פּלוציםדיקן אופֿן.

אין עק אויבער־יאַראש האָט געוווינט מיין פֿעטער מענדל, דעם טאַטנס ברודער. ביי אים אין שטוב — אַ טעלער זופּ אויפֿן טיש, געקנעטן טייג אין קיך. מענדל האָט נישט באַוויזן אויפֿצועסן די זופּ; זיין ווייב, גאָלדע, האָט נישט באַוויזן אָפּצובאַקן דאָס טייג. אין ווינקל, אויף דער ערד — אייניקע ספֿרים. מענדל איז געווען אַ חסידישער יונגערמאַן, אַ ירא־שמים. מסתּמא האָט ער קודם געוואָלט מיטנעמען ספֿרים, אָבער נישט געווען קיין פּלאַץ פֿאַר זיי אין רוקזאַק.

מיינע שוועסטערן זוכן אַ פּאַסיקע דירה אין וועלכער מיר וועלן וווינען עטלעכע טעג. געפֿונען. דריי ליידיקע צימערן. מיר אָרדענען זיך איין. איר הערט? מיר אָרדענען זיך איין...

איך ברענג האָלץ. די שוועסטערן מאַכן פֿייער. דער פֿאָטער גייט ברענגען נייעס. און די מאַמע — זי האָט געהאַט אַ באַגאַזש פֿון איבערמענטשלעכן כּוח אין זיך: טראָץ איר מידקייט, האָט זי גלייך צוגעגרייט עפּעס אין מויל אַריינצונעמען.

— עסט, קינדער! עסט! זאַמלט כּוחות! איר מוזט אויסהאַלטן...

די אַ פֿראַזע האָט זיך אָפּט איבערגעחזרט: אויסהאַלטן, אויסהאַלטן, אויסהאַלטן!

אין קליינעם געטאָ איז די שטימונג נישט געווען קיין געפֿאַלענע. מיר זענען שוין אַריבערגעטראָטן די גרענעץ פֿון פּחד און דעריבער האָבן מיר צו אַלץ אָנגענומען באַהבֿה, אין יעדן גוטן פּרט — געזען אַ ביז גאָר אָנגענעמע איבערראַשונג.

ייִדן אין גאַס האָבן זיך אַפֿילו געוויצלט און געהאַלטן האָפֿענונגסרעדעס: די דייטשן וועלן נישט באַוויזן אונדז אַוועקצושיקן... די וועלכע זענען אַוועק — פֿאַרפֿאַלן; אָבער — אונדז? אונדז וועלן זיי לאָזן דאָ זיך אויסלעבן רויִק אונדזער אָרעם לעבן ביזן סוף פֿון דער מלחמה. פֿאַראַן ראַציאָנעלע, לאָגישע סיבות דערצו.

בּאַראַנים!

אין אָנהייב 1944 האָבן מיר נאָך געגלייבט אין אַזעלכע פּוסטע השערות!

די געטאָ איז געווען נישט באַוואַכט. פּאַקטיש האָט יעדער געקענט אַריין און אַרויס פֿריי, אומגעשטערט.

אונדזערס אַ נישט־ייִדישע דינסט, מאַריאַ, איז אַריינגעקומען אין געטאָ און זיך געבעטן ביי אונדז, מיט טרערן אין די אויגן, מיר זאָלן קומען צו איר אין דאָרף, זי וועט אונדז באַהאַלטן! זי האָט צוגעגרייט אַ בונקער, שפּייז, אַלץ! עס וועט אונדז גאָרנישט געשען! עס וועט אונדז גאָרנישט פֿעלן! נאָר מיר זאָלן מסכּים זיין, נאָר מיר זאָלן קומען...

מיין פֿאָטער האָט פֿון גאָרנישט געוואָלט הערן. צו מיר און צו די צוויי עלטערע שוועסטערס מיינע, דבֿורה און בתיה, האָט ער געזאָגט:

— אויב איר ווילט — גייט! גייט מיט מאַריאַן. איך, די מאַמע און צפּורה וועלן בלייבן...

נו, גייט צעשיידט אייך מיט עלטערן! און דווקא אין אַזאַ שעה!

זענען מיר געבליבן אין געטאָ.

וואָלטן מיר געוווּסט, וואָס עס וואַרט אויף אונדז, וואָלטן מיר געוווּסט — דאָס וואָס אַזויפֿיל ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט האָבן געוווּסט — אַז ס'איז פֿאַראַן אַ טרעבלינקע, אַן אוישוויץ, אַ מאַידאַנעק — וואָלטן מיר זיכער נישט געבליבן.

אָפן איז געווען די געטאָ. אייניקע שפּאַן פון אונדז — די בערג. די הויכע בערג מיט זייערע נאַטירלעכע בונקערס, מיט זייערע אייביק פאַרהוילענע לעכער... ווער עס וויל — קען אָנקומען אַהין אין 5 מינוט! דער לעצטער שאַנס!

אָבער קיינער האָט דעם לעצטן שאַנס נישט אויסגענוצט. קיינער האָט נישט געוווסט וועגן טרעבלינקע און מאַידאַנעק.

איז קיינער נישט אַנטלאָפן. אַנטלויפן באַדייט — ריזיקירן. סכנה. אַרויסציִען זיך פון כלל. און דאָס האָט קיינער נישט געוואָלט. די אַלגעמיינע שטימונג איז געווען: וואָס ס׳וועט געשען מיט דעם גאַנצן כלל — וועט אויך מיט אונדז געשען. און וואָס קען דען געשען? קלאַנגען האָבן זיך פאַרשפּרייט, אַז מ׳פירט אונדז אַרבעטן אין אַ ציגל־פאַבריק. מילא, וועט מען אַרבעטן, פון אַרבעט שטאַרבט מען נישט.

פאַלשער און געפערלעכער אָפּטימיזם...

***

נאַכט.

קיינער האָט נישט גערעדט, קיינער האָט נישט געבעטן אויפן מאָרגן־שטערן. יעדער האָט זיך געווונטשן: הלוואי וואָלט די נאַכט געדויערט ביז אין דער אייביקייט אַריין.

דער אויסגעשטערנטער טעפּיך, וואָס האָט פאַרדעקט דעם הימל, האָט דערוועקט טרויער, אומעט אין האַרצן. אויסגעוויזן האָט זיך, אַז יעדער שטערן איז בלויז אַ פונק פון מעכטיקן פייער, וואָס צעפלאַקערט זיך אין אונדז.. און זאָל דאָס פייער זיך פאַרלעשן, וועלן אויך די שטערן פאַרלירן זייער מעלאַנכאָליש ליכט.

נאַכט.

מ׳מוז אַריינגייען אין שטוב, לייגן זיך אין פרעמדן בעט, פּרווון פאַרמאַכן די אויגן און שלאָפן, אויסרוען זיך. די מאַמע האָט געהייסן. ווער ווייס וואָס דער מאָרגן קען ברענגען. מ׳מוז זאַמלען כוחות. אויסהאַלטן.

נאַכט. די ערשטע נאַכט אויסער מיין היים.

***

צומאָרגנס האָט דאָס נייע לעבן אין קליינעם געטאָ זיך אָרגאַניזירט. מ׳האָט זיך געפילט ווי אויף זומער־וואַקאַציעס: אין אַ פּראָוויזאָרישער היים.

און מ׳האָט זיך אָנגעהויבן צוגעווינען צו דעם ערגסטן צושטאַנד פון מענטשלעכן לעבן: אומזיכערקייט.

וואָלטן מיר געוווסט — מיט זיכערקייט געוווסט — דאָס וואָס עס לויערט אויף אונדז, דאָס וואָס ס׳איז צוגעגרייט פאַר אונדז — וואָלט יעדער איינער געהאַנדלט לויט זיין פאַרשטאַנד, לויט זיין רצון: געגאַנגען צום טויט אָדער זיך אָפּגעזאָגט צו גיין צו אים.

אָבער אַזוי? זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן ווי אַ בר־מינן אויף די מקברים?

פונדעסטוועגן האָט דער פחד נישט געפונען זיין אויסדרוק אין ווערטער אָדער אין מעשים. פאַרקערט: מ׳האָט גראַד געפּרווט באַהאַלטן אים, דעם פחד, וואָס מער, וואָס טיפער אונטער אַ מאַסקע פון גלייכגילטיקייט און האָפענונג.

צענדליקער השערות זענען געבוירן געוואָרן איטלעכע מינוט ביי יעדן ייִד. אַלע האָבן געהאַט אַ בשותפותדיקן פונקט: אָפּטימיזם.

איינער האָט געזאָגט:

— אפשר פירט מען אונדז אַוועק טאַקע פאַר אונדזער טובה וועגן? איר ווייסט דאָך: דער פראָנט דערנענטערט זיך... קאַנאָנען, האַרמאַטן, באָמבעס... ווילן די דייטשן פאַרמיידן ייִדישע קרבנות?

נאַרישער ייִד! קיין אַנדערע דאגות האָט ער שוין נישט, דער דייטש, ווי צו זאָרגן פאַר אונדזער רו...

אַן אַנדערער, אַ ביסל אַ פּעסימיסט, זאָגט:

— פאַראַן אַביסל אמת אין דער אַ. השערה. פאַראַן אַ צוזאַמענהאַנג צווישן אונדזער פאַרשיקט ווערן און דער דערנענטערונג פון פראָנט. פשוט: די דייטשע אַרמיי האָט מורא פאַר אַ ייִדישער פאַרטיזאַנקע...

אַ דריטער ייִד זאָגט:

— מיין מיינונג איז, אַז דער גאַנצער טראַנספּאָרטן־ענין איז נישט

עפּעס אַנדערש ווי אַ קאָמעדיע. לאַכט נישט, הערט: די דייטשן ווילן צוריבן אונדזער גאָלד און געלט. ווייסן זיי אָבער, אַז אונדזערע אוצרות זענען באַגראָבן אין דער ערד. ווילן זיי עס זוכן און ס׳איז באַקוועמער צו זוכן בשעת די בעלי־בתים זענען אויף וואַקאַציע...

אויף וואַקאַציע!

נישט געווען וואָס צו טון אין געטאָ האָבן מענטשן פאַרטריבן די צייט און די דאגות האַלטנדיק אָפּטימיסטישע רעדעס אין וועלכע קיינער — און ספּעציעל די רעדנערס אַליין — האָט נישט געגלייבט.

אָבער כלפּי־חוץ איז די שטימונג געווען אַ גוטע. אָפּטמאָל אַפילו אַ געהויבענע. די געציילטע טעג וואָס מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט זענען אַדורך רויִק און אויף אַן אַנגענעמען אופן. די באַציִונגען צווישן ייִדן זענען געווען פריינטלעכע. נישט געווען מער קיין מיוחסים, קיין עשירים, קיין פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן. אַלע זענען מיר געוואָרן גלייך — אָט די אמתע גלייכקייט — אין די אויגן פון מאָרגן. אַלע זענען מיר פאַראורטיילט געוואָרן צו „עפּעס“ — צום זעלבן „עפּעס“ נישט וויסנדיק זיין באַדייט.

די טעג האָבן זיך געצויגן לאַנגווייליק, געגוססט האָבן זיי.

די איינציקע פראַגע וואָס מיר פלעגן זיך אַמאָל שטעלן, זיך אַליין: ווו וועלן מיר זיין אין אַ וואָך אַרום?

ווער ווייסט?

...אַזוי איז אַדורך די וואָך אין דערוואַרטונג, אין פאַלשן בטחון, אין פאַלש־קלינגענדיקן בטחון.

די לעצטע וואָך אין דער שטאָט פון מיין קינדהייט.

***

שבת — דער טאָג פון רו — איז געווען דער טאָג פון אונדזער גירוש.

פרייטיק צו נאַכטס האָבן מיר נאָך געפּראַוועט אַ שבתדיקע סעודה. דער טאַטע האָט געמאַכט קידוש אויף חלות (נישט געווען מער קיין כשרער וויין) און פון די שכנותדיקע דירות האָבן זיך געצויגן אומהיימלעכע זמירות־געזאַנגען. בשעת דער סעודה האָבן מיר געשוויגן. מיר זענען געזעסן טרויעריק, פאַרטראַכט. מיר האָבן געפילט: דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס מיר זיצן צוזאַמען ביים זעלבן טיש.

אַ סך טרויער, אַ סך יאוש איז פאַראַן אין באַגריף: דאָס לעצטע מאָל...

מיר זענען פרי געגאַנגען שלאָפן. אין דער פרי פאַרלאָזן מיר דעם געטאָ. די שטאָט. אַן אומרויִקע נאַכט. אוממעגלעך געווען איינצושלאָפן.

אין דער פרי. מיר גייען אַרויס פון געטאָ. דאַסמאָל האָבן די זשאַנדאַרמען נישט באַנוצט זיך מיט זייערע ביקסן און קאָנטשיקעס. אַן אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן צווישן דעם ייִדישן ראָט און דער אונגאַרישער פּאָליציי: היות דער לעצטער טראַנספּאָרט באַשטייט פון וויכטיקע ייִדישע פּערזענלעכקייטן וועט די גאַנצע גירוש־אַרבעט געטון ווערן דורך דער ייִדישער פּאָליציי אַליין.

מ׳פירט אונדז דורך די הויפּט־גאַסן. אין דער ריכטונג פון דער גרויסער שול. די שטאָט שיינט צו זיין פּוסט. אָבער דאָס איז בלויז אַן איינדרוק אַזעלכער. אין דער אמתן שטייען די גויִם — נעכטיקע גוטע און געטרייע פריינט! — הינטער פאַרמאַכטע פענצטער און וואַרטן אויפן מאָמענט, ווען זיי וועלן זיך קענען אַריינרייסן אין ייִדישע דירות און רויבן ייִדיש פאַרמעגן.

אומגעדולדיקע רויב־פייגל..

אַ פּאָר אונגאַרן שטייען אַפילו אין גאַס און אַ פרייד־אויסדרוק אויף זייערע חזירישע און וווּלגאַרע פּנימער: אָט, ווערן זיי פּטור פון די ייִדן. נישט אויף אַ טאָג־צווייַ, נישט אויף אַ פשרהדיקן אופן, נאָר טאַקע אויף אייביק!

גוט וואָס דער וועג איז נישט געווען קיין לאַנגער. גוט וואָס מיר זענען שנעל אָנגעקומען אין דער גרויסער שול. גוט וואָס מ׳דאַרף נישט אַנזען זיך נאָך מער חרפּה און אַנטוישונגס־בילדער.

אין דער גרויסער שול.

פול מיט ייִדן, פול מיט געפּעק, פול מיט טרערן. די שול דערמאָנט אַ באַן־סטאַציע. דער פּרוכת — פאַרשוווּנדן, דער ארון־קודש — אַ נאַקעטער, דער באַלעמער — באַשמוצט. אַ טריב אָבל־ליכט אויף די גרויע ווענט. אַ באַקאַנט ליכט... עס מאַכט בלאַס דאָס פּנים, עס רופט־אַרויס

קנייטשן אויפן שטערן... ווען האָב איך שוין אַזאַ ליכט געזען? יאָ, איך דערמאָן זיך: ביי סליחות, אַ סליחות־ליכט.

אפשר איז עס סימבאָליש: סיי איצט און סיי ביי סליחות שטייען מיר פאַרן יום־הדין.

אַ מאָדנער ריח אין דער לופט. אַ פאַרפוילטער ריח, אַן אומריינער ריח. קלאָר: אַרויסגיין פון דער שול טאָר מען נישט — זענען דאָ שוואַכע ייִדן וועלכע קענען זיך נישט איינהאַלטן ביז מאָרגן...

גרויליק!

ווי קענען ייִדן מחלל זיין אַ הייליק אָרט? דאָס האָב איך — אַ פרומער ישיבה־בחור, וואָס איז נאָרוואָס געוואָרן בר־מצווה — נישט געקענט באַ־גרייפן.

דעמאָלט האָב איך נאָך געמיינט — אַ קינד געווען נאָך! — אַז צרות קענען נישט אינגאַנצן צעברעכן דעם ייִד, דעם ייִדישן מענטש, אַז עפּעס אַ רעשטל פון זיין רעליגיעזן חוט־השדרה וועט אַלץ גובר־זיין.

שפּעטער האָב איך אָנערקענט מיין טעות. צרות זענען שטאַרקער פון מענטש. צרות שוואַכן־אָפּ שטאַרקע און שטאַרקן — שוואַכע.

אונטן, אין דער מענער־שול, בלויז מענער. אויבן, אין עזרת־נשים, בלויז פרויען.

אַזוי האָבן די זשאַנדאַרמען געוואָלט.

קאָמיש: ס'איז שבת היינט. צי איז דאָס אַלץ נישט אַ חלום? אַ היי־ליקער שפּאַס פון גאָטס רעכטער האַנט, דעם שטן? צי זענען די ייִדן נישט געקומען — פּשוט — דאַווענען? אָדער הערן דעם רבס דרשה? עפּעס ווילט זיך נישט גלייבן, אַז די גרויע, גרויסע שול איז אַן אָרט פאַר רעוויזיעס, פאַר צוגרייטן־זיך אין וועג אַריין...

עמעצער זאָגט:

— מיר וועלן פאַרבלייבן דאָ דעם גאַנצן טאָג און די גאַנצע נאַכט. מאָרגן וועט מען אונדז איינוואַגאָנירן.

מאָדנע: מיר זענען נאָך דאָ, אין שטאָט, אייניקע מעטער פון דער היים און — שוין האָבן מיר אַ נייע טערמינאָלאָגיע אויף דער צונג. שוין פירן מיר זיך ווי אַלטע, געבוירענע פאַרשיקטע...

איינוואַגאָנירן!

גלייך ס'וואָלט זיך געהאַנדלט אין סחורות, אין בהמות און נישט אין אונדז אַליין...

**
*

זונטיק אין דער פרי. דער גירוש־מאַרש באַנייט זיך. מיר גייען צו דער באַן־סטאַציע. בהמות־וואַגאָנען וואַרטן אויף אונדז. פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך. די אונגאַרישע זשאַנדאַרמען שטופּן אַריין, מיט אכזריותדיקן כוח 80 מענטשן אין יעדן וואַגאָן. מיר באַקומען אַ פּאָר ברויט, אייניקע עמערס וואַסער.

די פענצטער ווערן קאָנטראָלירט, צי די קראַטן האַלטן גוט. די וואַגאָ־נען ווערן פאַרזיגלט. צוויי געשטאַפּאָ־אָפיצירן באַווייזן זיך אויפן פּעראָן. זיי שמייכלען: צופרידן פון דער אַרבעט.

אין יעדן וואַגאָן איז באַשטימט געוואָרן אַ פאַראַנטוואָרטלעכער. ער טראָגט די אחריות פאַרן וואַגאָן און פאַר אַלץ וואָס וועט אין אים געשען. אַנטלויפט עמעצער — ווערט ער, דער פאַראַנטוואָרטלעכער, דערשאָסן. אויפן דאַך פון יעדן וואַגאָן — מאַשין־געווער. אַזוי אַז די היפּאָטעזע איז אַ נישט וואַרשיינלעכע צוליב צוויי סיבות: א) אוממעגלעך צו אַנטלויפן. ב) קיינער טראַכט גאָר נישט וועגן אַנטלויפן. מ'האָט מסכים געווען מיטן אָנ־הייב, וועט מען משלים זיין אויך מיטן סוף. ווער עס זאָגט א' מוז זאָגן ב'.

אַ שווערע שטילקייט טרעט אין אין וואַגאָן.

אַ הילכיקער פייף פון דער מאַשין שניידט דורך די פאַררויכערטע לופט. די רעדער הייבן אָן זיך דרייען. קודם לאַנגזאַם, דאַן — מיט מער ריטם, מיט מער טעמפּאָ. מיר שיקן געזעגענונגס־מחשבות צו אונדזערע אַלטע היימען, צו אונדזערע זכרונות, צו די עדות פון אונדזערע אָפּגעפלאָגטע יאָרן. מיר פאָרן. וווּ? ווידער די אַלטע פראַגע, וועלכע איז זייט אַ וואָך גע־וואָרן די קרייץ־פראַגע פון אונדזער עקזיסטענץ. וווּ פאָרן מיר?

**
*

ס'איז שרעקלעך ענג איו וואַגאָן. פון ליגן איז אָפּגערעדט. אויך זיצן קומט אָן שווער. מ'טיילט זיך איין. מ'זעצט זיך לויט דער ריי. ווייניק לופט.

גליקלעך זענען די וואָס שטייען נעבן אַ פענצטערל. זיי קוקן אַרויס צום לויפנדיקן פּייזאַזש און זאָגן, אַז ער איז אַ הערלעכער, אַ בליִענדיקער.

מיר גלייבן נאָך אַלץ, אַז מ׳פירט אונדז אין אַן אַרבעטס־לאַגער אין אונגאַרן.

אויפן צווייטן טאָג פון דער נסיעה האָט דער דורשט אָנגעהויבן פּייניקן. דאַן — די היץ. נישט געווען קיין וואַסער. נישט געווען קיין לופט. אַפילו צו אָטעמען איז אָנגעקומען שווער.

צוליב דער ענגשאַפט האָבן אַ סך אינסטינקטן זיך דערוועקט אין קערפער. עראָטישע אינסטינקטן, און אונטערן פאָרהאַנג פון דער נאַכט האָבן יונגעלייט און פרויען זיך געלאָזט באַהערשן דורך די אויפגערייצטע חושים זייערע.

אָט דער ערשטער רעזולטאַט פון אומגליק: עראָטישע פרייהייט. די שפּאַנונג פון די לעצטע טעג האָט איצט געזוכט אַ וועג ווי אויסצולאָדן זיך און דער לייכטסטער איז געווען — אַן עראָטישער.

די עראָטישע סצענעס האָבן נישט דערוועקט קיין פּראָטעסטן מצד די עלטערע ייִדן. זיי האָבן פאַרמאַכט אויערן און אויגן, זיך געמאַכט נישט זען און נישט הערן. אין מאָמענט פון סכנה פאַלן אַוועק די קייטן פון דער קאָנווענציאָנעלער מאָראַל. מענטשן האָבן זיך געטראַכט: ווער ווייס וואָס דער מאָרגן איז עלול צו ברענגען? זאָל יוגנט אויסנוצן דעם היינט, אויסצאַפּן פון אים דעם לעצטן הנאה־טראָפּן...

קיין עסן האָט נישט געפעלט. ווייניק זאַפּאַסן האָט יעדער מיט זיך געבראַכט ? פונדעסטוועגן האָבן מיר נישט געגעסן צו דער זאַט. דער עקאָנאָמיע־פּרינציפּ: שפּאָרן אויף מאָרגן. אויך מאָרגן איז אַ טאָג און אפשר — אַ שוואַרצער טאָג.

פּלוצים — אַ רעגנדל אויפן פאַרבייגייענדיקן פעלד. די לופט ווערט קילער, אַנגענעמער. אויך די נערוון ווערן באַרויִקט.

איך טראַכט: אָט בין איך שוין אין דער דריטער היים זייט אַ וואָך.

און יעדע היים צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס זי איז בשותּפותדיק מיט אַ גרעסערער צאָל נפשות.

איצט פירט מען מיך אין אַ פערטער היים. צי וועט זי שוין זיין די לעצטע ? די סאַמע לעצטע ?

מיר זענען אָנגעקומען קיין קאַשאַו, אַ שטאָט נעבן דער סלאָוואַקישער גרענעץ.

דאָ האָבן מיר מיטאַמאָל באַגריפן דעם אמת. מיר בלייבן נישט אין אונגאַרן. מ׳האָט אונדז פאַרנאַרט, פאַרפירט. פון קאַשאַו פאָרט מען קיין... דייטשלאַנד.

ווי אַזוי האָבן מיר זיך געלאָזט פאַרנאַרן? ווי אַזוי האָבן מיר נישט פאַראויסגעזען די מעגלעכקייט?

צו שפּעט זיך אַרומגעזען.

איבעריקנס — נישטאָ קיין צייט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן נייעם מצב. די טיר פון וואַגאָן עפנט זיך. אַ דייטשער אָפיציר באַווייזט זיך אין איר, באַגלייט פון אַן אונגאַרישן לייטענאַנט. דער דייטש האַלט אַ רעדע און דער אונגאַרישער לייטענאַנט זעצט איבער:

— פון איצט אָן גייט איר אַריבער אין רשות פון דער דייטשער אַרמיי: יעדער וואָס פאַרמאָגט געלט ביי זיך, אָדער גאָלד, אָדער זייגערלעך — זאָל עס אָהער געבן. מיר וועלן מאַכן רעוויזיעס. ביי דעם וואָס מיר וועלן עפּעס געפינען — וועט דערשאָסן ווערן. דאָס איז איינס. נומער צוויי: דער וואָס פילט זיך קראַנק, קען אַריבערגיין אין שפּיטאָל־וואַגאָן. דאָס איז אַלץ.

דער אונגאַרישער אָפיציר האָט אַרומשפּאַצירט צווישן אונדז און אין אַ קויש צונויפגענומען געלט און זייגערלעך פון געציילטע מענטשן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט פילן דעם טעם פון פחד.

דער פחד האָט זיך אַריינגעגראָבן אין האַרצן שוין פריִער, גלייך נאָכדעם ווי מיר האָבן דערזען דעם דייטשן אָפיציר. קאַלטע אויגן האָט ער געהאַט און אַן אכזריותדיק שמייכעלע אַרום די פליישיקע ליפּן. ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ מער אַנטוויקלטן חוש פאַרווירקלעכקייט וואָלטן מיר אין זיינע אויגן געקענט לייענען אונדזער צוקונפט. אָבער — דווקא דער דאָזיקער חוש האָט אונדז געפעלט.

— איר זייט דאָ אַכציק מאַן אין וואַגאָן, רופט זיך אָן צום סוף דער דייטש, אויב עמעצער פעלט ווערט איר אַלע דערשאָסן...

אָט איז די ווירקלעכקייט!

נישט געוואָלט זי אָנערקענען ביז איצט, האָט זי זיך אין אונדז נוקם געווען. אָט איז זי פאַר אונדזערע אויגן, אין איר שוידערלעכער נאַקעטקייט.

די אַפּיצירן האָבן פֿאַרלאָזט דעם וואַגאָן און הינטער זיי האָבן די טירן זיך פֿונדאַסנייַ פֿאַרהאַקט. אַ חרטה־שטימונג האָט מיטאַמאָל באַהערשט דעם עולם.

— וואָס האָבן מיר געטון — רופֿן אויס איניקע שטימע, — ממש אַרייַנגעקראָכן אין האַלדז פֿון דער חיה... ווען מיר וואָלטן געוווּסט... ווען...

ניין, איצט איז דער לעצטער ספֿק פֿאַרשוווּנדן. מיר זענען אַרייַנגעפֿאַלן אין דער פּאַסטקע. די טיר איז פֿאַרהאַמערט. דער וועג צוריק — פֿאַרשלאָסן. נישטאָ קיין וועג צוריק. נישטאָ מער קיין האָפֿענונג, נישטאָ קיין אויסוועג און קיין ברירה. מ'מוז וואַרטן, האָבן געדולד און וואַרטן און זען. וואָס עס דאַרף קומען — וועט ממילא קומען.

אַ פּאָר ייִדן האָבן אויפֿגעריסן מלבושים, אַרויסגענומען פֿון פֿאַרהוי־לענע פֿלעצער געלט־באַנקנאָטן און זיי פֿאַרברענט: אַ שאָד זיי זאָלן אַרייַנ־פֿאַלן אין די הענט פֿון שונא.

פֿון ווינקל האָט זיך נאָך געהערט אַ שוואַכע פּראָטעסט־שטימע, אַז ס'איז אַן עבֿירה צו פֿאַרברענען געלט, אַז מ'טאָר נישט עובֿר־זיין אויף בעל־תּשחית, אַז ס'קען נאָך ברענגען נוצן, אָבער — זי האָט קיין גרויסן אָפּקלאַנג נישט געפֿונען.

מיר האָבן אָנגעהויבן זען אַלץ קלאָרער, בולטער.

מיטאַמאָל האָבן מיר פֿאַרשטאַנען, אַז דער גורל האָט מיט אונדז אַ טראַגישן שפּיל געשפּילט.

אַ שפּיל, וואָס זייַן סוף ליגט אין דער פֿינצטערניש.

***

בשעת דער דריטער נאַכט פֿון אונדזער נסיעה, איז געשען אין אונדזער וואַגאָן אַ משונהדיקער אינצידענט וועלכן איך פֿאַרשטיי נישט ביזן היינ־טיקן טאָג.

אַ פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגישער אינצידענט, אָדער, — אויב איר ווילט: אַן אומפֿאַרשטענדלעכע, אַן אומנאָרמאַלע דערשיינונג פֿון פֿאָרגעפֿיל.

איך גלייב נישט אין פֿאָרגעפֿילן. קיין שום מענטש איז נישט מסוגל צו פֿאָרויסזען, אָדער פֿאָרויספֿילן זייַן צוקונפֿט. אַנדערש — וואָלטן מיר

געמוזט אָננעמען די הנחה, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ פֿאַטאַליזם אין לעבן פֿון אַ מענטש, אַז אַלץ איז אָנגעשריבן פֿון פֿאָרויס און דער מענטש קען נישט אַליין אויסוויילן זייַן צוקונפֿט, זייַן גורל און איך קעמף מיט אַלע מייַנע איבערצייַגונגען קעגן דעם אַ פֿאַטאַליזם אין פֿילאָזאָפֿיע.

פֿונדעסטוועגן איז דער אינצידענט פֿון יענער דריטער נאַכט אַ שאַרפֿע סתּירה צו מייַנע פֿילאָזאָפֿישע אָנשויאונגען.

אָט וואָס ס'איז געשען:

צוזאַמען מיט אונדז, אין זעלבן וואַגאָן, איז געפֿאָרן אַן עלטערע פֿרוי. איר נאָמען: פֿרוי שעכטער. אַרום 50 יאָר אַלט געווען. נעבן איר איז זיך געזעסן, טרויעריק און פֿאַרבענקט, איר צען־יעריק ייִנגעלע.

איר מאַן און אירע צוויי עלטערע זין זענען פֿאַרשיקט געוואָרן מיטן ערשטן טראַנספּאָרט — על פּי טעות — און איר האָט די אַ צעשיידונג זייער ווייַ־געטון.

איך האָב גוט געקענט די פֿרוי שעכטער. זי פֿלעגט אָפֿט אַרייַנקומען צו אונדז אין הויז און אין קראָם. אַ שטילע פֿרוי געווען, מיט פֿלאַמיקע, תּמיד־אָנגעשטרענגטע אויגן. איר מאַן איז געווען אַ בית־מדרש־זיצער, אַ פֿרומער תּורה־ייִד, וואָס פֿלעגט אָפּריכטן חצות און וויינען אויף גלות השכינה און זי — זייַן פֿרוי, איז געווען די פּרנסה־געבערין. אויך איר עלטערן זון — יוסי — האָב איך גוט געקענט. אין געטאָ פֿלעגן מיר אָפֿט שפּילן שאַך.

איז פֿרוי שעכטער מיטאַמאָל אַראָפּ פֿון זינען...

שוין אין אָנהייב, אין ע"שטן טאָג פֿון דער נסיעה, האָט זי אָן אויפֿהער געוויינט און געיאָמערט אויף איר אומגליק, וואָס מ'האָט זי צעשיידט פֿון אירע קינדער, פֿון איר מאַן, אָבער דאָס געוויין איז נאָך געווען אַ נאַטירלעכס, אַ לאָגישס. שפּעטער האָט עס באַקומען פֿאַרבן פֿון היסטעריע און צום סוף אַקצענטן פֿון — שגעון...

געשען איז דאָס בייַנאַכט אַרום צוועלף. העלפֿט מענטשן זענען געשלאָפֿן זיצנדיק, איינער אין שויס פֿון אַנדערן און העלפֿט מענטשן האָט געפּרוּווט דרימלען שטייענדיק. פּלוצים האָט אַ געשריי זיך אַרייַנגעריסן אין דער שטילער נאַכט:

— אַ פֿייַער! ייִדן! איך זע אַ פֿייַער! אַ פֿייַער זע איך!

מיר זענען אַלע אויפגעשפּרונגען פון אָרט. דאָס געשריי האָט אויפגע־בייטשט די נערוון, אויפגעוועקט דעם פּחד.

ווער האָט עס געשריגן?

באַלד האָבן מיר זי דערזען: פרוי שעכטער. זי איז געשטאַנען אינמיטן וואַגאָן, ווי אַ טרוקענער בוים אויף אַ באַרעגנטן פעלד און מיטן פינגער געוויזן ערגעץ־ווו, אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג:

— קוקט! זעט! ייִדן, אַ פייער זע איך! אַ פייער! האָט רחמנות! אַ פייער!

זענען מענטשן צוגעשפּרונגען צו די פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך און אויסגעשטאַרעט די אויגן צו דער דרויסנדיקער נאַכט, געפּרוּווט נישטערן אין דער פינצטערניש: ווו איז עס, דאָס פייער? אומזיסט. נישטאָ קיין פייער. נישטאָ אַפילו קיין זכר, קיין סימן פון אַ פייער אין דער אַרומיקער שטילער נאַכט.

אַ טומל אין וואַגאָן. צוערשט — זענען מיר געווען צו איבערגע־ראַשט פון אירע רייד. אונדזערע חושים — געפּלעפט, די צונג — קיין וואָרט האָט זי נישט באַוויזן אַרויסצוזאָגן. אַ מין מאָדנע שווייגן האָט אונדז אַלע באַהערשט. דער צוג איז זיך ווייטער געפאָרן מיטן מאָנאָטאָנעם ריטם זײַנעם. דאָס האָט געדויערט אייניקע מינוטן. דאַן — האָט מען זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז געפערלעך זיך צופיל צו פאַרטראַכטן איבער אירע רייד. בעסער — זען אין איר אַ משוגענע.

האָט מען זיך געשושקעט פון אויער צו אויער:

— פרוי שעכטער... נעבעך... משוגע געוואָרען... אַ ווונדער?

איז מען צוגעלאָפן צו איר, געבראַכט איר וואַסער (טראָץ דעם מאַנגל אין וואַסער), געלייגט איר נאַסע טיכלעך אויפן שטערן, געפּרוּווט זי באַרויִקן.

אָבער זי האָט ווייטער געשריִען און תּמיד די זעלבע ווערטער: זי זעט אַ פייער! אַ פייער זעט זי...

נעבן איר, אויף דער נאַסער פּאָדלאָגע, איז געזעסן איר קליין ייִנגעלע. ער האָט אויך געפּרוּווט באַרויִקן זײַן מוטער, זי בײַ דער האַנט אָנגענומען און געשעפּטשעט אַ תּפילה:

— מאַמע, באַרויִק זיך, באַרויִק זיך מאַמע...

אַ ציטערניש איז מיך באַפאַלן. עפּעס אַ טראַגישקייט האָט געשלאָגן

אין פּנים פון דער אַ, סצענע, פון ייִנגלס שטומען צער. דאָס ייִנגעלע האָט מיך מער דערשיטערט ווי זײַן — מאַמע.

וועגן טויט־לאַגערן האָט נאָך קיינער נישט געהערט. וועגן קרעמאַ־טאָריעס — אוודאי נישט. אוממעגלעך געווען זיך פאַרצושטעלן אַפילו, אַז אירע היסטערישע געוואַלדן דריקן־אויס אַ ווירקלעכקייט. פונדעסטוועגן — דערמאָן איך זיך איצט ערשט: געווען אַן אויסטערלישער אמת־קלאַנג אין איר קול.

פרויען האָבן זי געטרייסט:

— איר וועט אײַך זען מיט אײַערע, וואָרט. האָט געדולד, נאָך אַ פּאָר טעג, איר וועט זען.

אָבער זי האָט זיך נישט צוגעהערט צו קיינעם אויסער צו איר אייגענער שטימע:

— ייִדן! אַ פײַ־ע־ער זע איך!

גלייך אַ דיבוק וואָלט אין איר אַריין.

האָבן מיר געזאָגט און אויסגעטײַטשט איר משוגעת:

— מסתמא איז איר הייס און זי איז דורשטיק, דעריבער רעדט זי וועגן פייער.

אָבער פרוי שעכטערס משוגעת האָט אויף אונדז שלעכט געווירקט. די נערוון האָבן זיך אָנגעצויגן ווי סטרונעס. און וואָס מער זי האָט געשריגן, אַלץ מער האָבן אירע ווערטער אַ פּחד אויף אונדז אָנגעוואָרפן.

בלית־ברירה האָבן יונגע בחורים איר צוגעבונדן די הענט און אַרײַנ־געשטופּט אַ פאַטשיילע אין מויל.

די אוראַלטע שיטה: מ׳דערמאָרדעט דעם נביא, מיינענדיק דערמיט צו פאַרמײַדן די שלעכטע נביאות זײַנע.

די פרוי איז אַנטשוויגן געוואָרן. איר ייִנגעלע איז זיך ווייטער געזעסן בײַ אירע פיס און האָט נישט געוויינט, בלויז זײַנע אויגן זענען דערוואַק־סענער געוואָרן, עלטער.

מיר האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. די שטימע פון גורל איז פאַרשוויגן געוואָרן. איצט קען מען ווייטער שלאָפן, דרימלען, חלומען, פאַרגעסן...

צוויי שעה שפּעטער — האָט אַ פרישער געשריי אונדז אַרויסגעריסן פון

שלאָף: די משוגענע (אַזוי האָט מען זי שוין גערופן) האָט באַוויזן צו באַפרייען איר הענט און זי שרייט שוין ווידער:

— יי־דן! אַ פייער! האָט רחמנות! זעט! זעט דאָס פייער! פיי־ער!

ווי האָט זי באַוויזן צו באַפרייען זיך פון די שטריק?

איר יינגעלע האָט געקוקט צו אונדז מיט ביטערע, פאַריאושטע אויגן. אפשר האָט ער יאָ פאַרשטאַנען זיין מאַמע.

פונדאַסניי זענען בחורים צוגעטרעטן צו דער מלאכה, איר די הענט פאַרבונדן, אַ פאַטשיילע אין מויל אַריינגעשטופּט און דאָסמאָל — זי אויך געשלאָגן!

זי האָט נישט רעאַגירט. קיין ווייטיק נישט געפילט. וואָס איז דען ווייטיק פון אַ גוף ווען די נשמה איז דערגאַנגען ביז דער העכסטער מדרגה פון ווייטיק?

עפּעס האָבן מיר מורא געהאַט פאַר איר קול, פאַרן מאָדנעם קלאַנג פון אירע ווערטער. האָט מען טאַקע דערמוטיקט די בחורים:

— זאָל זי שווייגן, די משוגענע! שווייגן זאָל זי! וואָס מיינט זי? זי איז דען אַליין אין וואַגאָן? פאַראַן קינדער אין וואַגאָן און זיי קענען זיך דערשרעקן...

האָבן בחורים זי געשלאָגן.

איר יינגעלע האָט אַלץ נישט געוויינט. בלויז זיינע קינדערשע אויגן זענען געוואָרן טרוקענער, עלטער, טיפער.

אַ מוראדיקע נאַכט איז דאָס געווען.

צומאָרגנס האָט זי זיך באַרויִקט. זי איז זיך געזעסן איינגעקורטשעט אין אַ ווינקל און געקוקט, מיט אויסגעשטאַרטע אויגן, אין ליידיקן חלל אַריין, גלייך זי וואָלט אונדז נישט געזען בכלל. אירע בליקן האָבן נישט אָפּגעשפּיגלט קיין שגעון, בליקן פון אַ משוגענעם זענען ליידיקע. אירע — זענען געווען פולע. זיי האָבן געהאַט אין זיך אַזויפיל יאוש, אַזויפיל אימה, אַז מ׳האָט נישט געקענט פאַרטראָגן איר בליק.

איז כאָטש גוט וואָס זי שווייגט.

אָבער איר שווייגן האָט נישט לאַנג געדויערט. ביינאַכט איז זי ווידער רעדעוודיק, משוגע געוואָרן. די זעלבע היסטערישע געוואַלדן: זי זעט אַ פייער!

אוממעגלעך צו שילדערן מיט אָרעמע מענטשלעכע ווערטער דאָס, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געפילט. דאָס וואָס מיר האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט. דאָס פאָרן, דער דורשט, די היץ, די ענגשאַפט — אַלץ איז געווען ווי גאָרנישט אַקעגן דער מורא, וועלכע איז אונדז באַפאַלן, בשעת די משוגענע האָט צו אונדז געשיקט אירע נבואה־געשרייען, טייטלענדיק מיט איר פינגער צום פאַרקראַטעוועטן פינצטערן הימל, שילדערנדיק דאָס פייער פון מאָרגן, די פלאַמען פון דער צוקונפט...

און וואָס מער מיר זענען געפאָרן, אַלץ שאַרפער, אַלץ שניידנדיקער זענען אירע קולות געוואָרן.

קלאָר: מיר האָבן טאַקע געפרוווט זיך איבערצייגן, אַז מיר האָבן צו טון מיט אַ משוגענער, אַז אירע רייד זענען ווי שטויב, אַז זיי אַנטהאַלטן נישט קיין רמז בנוגע אונדזער לעבן. מיר האָבן געפרוווט טראַכטן לאָגיש. אָבער ס׳איז אונדז נישט געלונגען. דאָס האַרץ איז נישט לאָגיש. און אַ שיימע האָט געשעפּטשעט: און אפשר איז זי פאָרט נישט משוגע? אפשר איז זי גראָד די איינציקע נאָרמאַלע פרוי אין וואַגאָן? אפשר זעט זי טאַקע אַ פייער און אויב מיר זעען עס נישט, איז אַ סימן, אַז מיר זענען בלינד?!

פון מינוט צו מינוט איז אונדזער שפּאַנונג געוואַקסן. מיר זענען געוואָרן עמפּינדלעכער, נערוועזישער. אירס אַ וואָרט האָט אונדז ממש פון די כלים אַרויסגעבראַכט. מיר האָבן זיך געהיט נישט אָנצוצינדן קיין שוועבעלע, בכדי נישט צו צעפלאַקערן איר דמיון, איר כוח.

צוויי טעג האָט עס געדויערט. וואָלטן מיר געפאָרן אין די זעלבע באַדינגונגען נאָך עטלעכע טעג — וואָלטן מיר אַליין אויך פון זינען אַראָפּ. משוגעת איז, זעט אויס, אַן אָנשטעקנדיקע קרענק.

דאָן זענען מיר אָנגעקומען אויף אַ סטאַציע, אין אויבער־שלעזיען. די וועלכע זענען געשטאַנען נעבן די פענצטערלעך האָבן אונדז איבערגעגעבן דעם נאָמען פון דער סטאַנציע:

— אוישוויץ!

הייבן מענטשן אָן בלעטערן זייערע זכרונות, דערמאָנען זיך עפּעס וועגן אוישוויץ. אָן דערפאָלג. קיינער האָט קיינמאָל נישט געהערט דעם אַ נאָמען. קיינער ווייסט נישט וואָס ס׳איז אַמאָל געשען אין אוישוויץ, וואָס מ׳פּראָדוצירט אין אוישוויץ.

בלויז אײן מענטש, אײן אײנציקער מענטש האָט — איצט, שרייבנדיק די דאָזיקע שורות, בין איך כמעט זיכער אין דעם — געוווּסט. ריכטיקער: געפילט. זי, די משוגענע. זי האָט אַלץ געוווּסט.

אָבער — זי האָט געשוויגן.

צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג בלויז.

צו פרי. זי איז געווינט צו וואָרענען ביינאַכט.

מאַנאַטאָנע שעהן פאַרשווינדן ווי שיפן אויפן ים. עפּעס פאַרהאַלטן מיר זיך צופיל דאָ, אין אוישוויץ.

מיטאַמאָל האָבן די טירן פון וואַגאָן זיך געעפנט. צוויי מענטשן מעגן אַראָפּגיין ברענגען וואַסער.

צוריקקומענדיק האָבן זיי דערציילט:

זיי האָבן געגעבן אַ (באַהאַלטענעם) גאָלדענעם זייגער אַ דייטשן אָפּיציר. ער זעט אויס צו זיין אַן אָרנטלעכער מענטש לויט זייערע רייד. ער האָט געזאָגט, אַז מיר זענען אָנגעקומען צו דער ענד־סטאַציע. ס׳הייסט: דאָ ווערן מיר אויסוואַגאָנירט. אָט איז די נייע היים. נישט ווייט פון דאָ איז פאַראַן אַ לאַגער, אַן אַרבעטס־לאַגער. פּראַקטיקע באַדינגונגען. משפּחות וועלן ווינען צוזאַמען. בלויז יונגעלייט וועלן אַרבעטן אין פאַבריקן. אַלטע און שוואַכע — וועלן באַשעפטיקט ווערן אין פעלד־אַרבעט. בקיצור: אַ גן־עדן.

מער האָבן מיר נישט באַדאַרפט. די שטימונג איז געוואָרן אַ פריילעכע. דער באַראָמעטער פון בטחון האָט געגעבן אַ שפּרונג אַרויף צו זיינע העכסטע ציפערן. אַ סוף צום פּחד, אַ סוף צו די דאגות!

דאָס האַרץ — אַ טעות געהאַט! געלויבט צו גאָט!

בלויז די משוגענע איז זיך ווייטער געזעסן, איינגעקורטשעט אין איר ווינקל און געשוויגן.

דאָס יינגעלע — ביי אירע פיס — האָט געגלעט אירע הענט.

ערגעץ־ווו אין מערב־זייט איז די זון פאַרגאַנגען. גלייך זי וואָלט נישט געוואָלט בלייבן און צוקוקן זיך צום לעצטן אַקט פון אונדזער טראַגעדיע, צום המשך פון אונדזער חלומות, צום סוף פון דער גרויסער אילוזיע.

בין־השמשות. דער וואַגאָן פאַרפולט זיך מיט שאָטנס. איך ווייס נישט פאַרוואָס: דאָס בילד דערמאָנט מיך אַ שלש־סעודות ביים רבין. די לופט, אָנגעלאָדנט מיט סודותדיקייט, מיט רמזים. דאָס האַרץ — ווי בליי וואָלט אין אים געווען. עס ווילט זיך רעדן, אָבער — נישטאָ קיין ווערטער. אויסגעטרוקנט האָט זיך דער קוואַל פון ווערטער. איצט בענקט זיך נאָך אַ ליד, נאָך אַ טיף מעלאַנכאָליש ליד — אַזוי ווי ביים רבינס טיש, ביי שלש סעודות — נאָך אַ מיסטישער מעלאָדיע, וואָס זאָל זאָגן מער פון דעם וואָס מיר האָבן צו זאָגן, פון דעם וואָס מיר זענען מסוגל צו זאָגן.

אין דער האַלב־פינצטערניש, אין דער שטיל, עסט מען אָונטברויט. דער לעצטער מאָלצייט אין וואַגאָן. דער לעצטער מאָלצייט וואָס איז דערלאַנגט און צוגעגרייט געוואָרן דורך איר, דורך דער מאַמע.

מ׳שוויגט. צען אַזייגער. נאָך אַלץ אויף דער סטאַציע פון אוישוויץ. כדאי זיך צו לייגן אַביסעלע. מ׳מעג זיך גאַנץ רויִק אַנידערזעצן און כאַפּן אַ דרימל. ביינאַכט וועט מען דאָך אונדז מסתמא נישט אויסוואַגאָנירן...

פאַרוואָס נישט? אַזוי וויל די לאָגיק. שווערער אויסצוואַגאָנירן אַ טראַנספּאָרט ביינאַכט ווי בייטאָג. וועלן דעריבער די דייטשן צו וואַרטן ביז מאָרגן.

די מאַמע איז פּעסימיסטיש:

— קינדער, זאָגט זי, קינדער איך האָב אַ פאָרגעפיל. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז מיר וועלן נאָך היינט אָונט אָנקומען צום סוף פון דער רייזע... לייגט אייך נישט שלאָפן; זייט וואַך; זאָלן מיר זיין גרייט...

דער פאַרויסזאָגערישער געפיל פון אַ מאַמע!

מיר האָבן אַרויסגערוקט אַנדערע השערות:

— ס׳איז אַן אַבסורד, מאַמע. מעגסט רויִק איינדרימלען...

און מ׳האָט טאַקע געפּרוּווט כאַפּן אַ דרימל אויפן חשבון פון דער נאַכט.

מיטאַמאָל — די משוגענע! זי האָט זיך אויפגעוועקט פון איר פאַרשטיינערטקייט:

— אָט! אָט דאָס פייער! קוקט!

אינסטינקטיוו איז מען צוגעלאָפן צו די פענצטערלעך. דאָס קול פון דער משוגענער איז געווען אַזוי עקספּרעסיוו, אַזוי איבערצייגנדיק... גאַר־

נישט! נישטאָ קיין פייער אויפן האָריזאָנט. בלויז די פינצטערניש פון דער נאַכט. איז מען צוריק געקראָכן צו די ערטער, מיט אַ בושה־געפיל אין האַרצן: ס׳טייטש! מ׳האָט איר געגלויבט — כאָטש אויף אַ סעקונדע!

די משוגענע האָט באַקומען איר טעגלעכע פאַרציע קלעפּ און מיט אומגעהויערער מי איז געלונגען זי צו פאַרשטומען.

און כדי פּטור צו ווערן פון איר, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, האָט דער וואַגאָן־קאָמענדאַנט אונדזערער זיך געווענדט — דורכן פענצטערל — צו אַ דייטשן אָפיציר וואָס האָט אַרומגעשפּאַצירט אויפן וואָקזאַל:

— קומט און פירט איבער אַ משוגענע פרוי אין שפּיטאָל־וואַגאָן! ס׳איז אוממעגלעך אויסצוהאַלטן אירע יללות. פאַראַן קינדער צווישן אונדז... געדולד! וואַרט אונטער אַביסל... באַלד וועט זי אַריבערגעפירט ווערן אין... שפּיטאָל!

עלף אַ זייגער ביינאַכט.

איצט איז שוין געווען אוממעגלעך צו פאַרמאַכן די אויגן. אַן אומרו האָט זיך געטראָגן פון דער לופט.

מיטאַמאָל האָט דער צוג אָנגעהויבן רירן פון אָרט. ווי אַ מחנה שלאַנגען וואָלטן אונדז באַפאַלן, אַזוי זענען מיר צוגעשפּרונגען צו די פענצטערלעך.

די מאַמע בעט זיך ביי אונדז פונדאַסניי:

— קינדער... איך האָב אַ פאַרגעפיל... זייט גרייט!

דער צוג פאָרט לאַנגזאַם. ער איילט זיך נישט. צען מינוט, פופצן מינוט. דאַן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, דער צוג.

דורכן פענצטערל באַווייזט זיך אַ לאַגער. אַז דאָס איז אַ לאַגער, האָבן מיר פאַרשטאַנען צוליב די עלעקטרישע דראָטן, וועלכע האָבן זיך געצויגן קילאָמעטערסווייז... עלעקטרישע דראָטן אָן אַ סוף, אָן אַ סוף.

אין צווישן האָט מען פאַרגעסן אָן איר, אָן דער משוגענער.

זי האָט אויסגענוצט די אַלגעמיינע אומאויפמערקזאַמקייט. זי איז אויפגעשטאַנען פון איר אָרט, אויסגעגלייכט איר קערפּער און — אַ ביטערער ווײ־געשריי האָט דורכגעשניטן דעם אומרו פון דער נאַכט:

— אָט! ייִדן! ייִ־דן! זעט, זעט דאָס פייער! זעט!

און איר פינגער האָט געוויזן עפּעס. מיר האָבן געקוקט אין דער ריכטונג פון איר פינגער און געזען...

מיר האָבן דערזען דאָס פייער, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין צעפלאַקערטן פּנים פון אונדזער נביאהטע... אַ פייער האָבן מיר דערזען, אַ פייער וואָס גייט אַרויס פון אַ הויכן, ביז גאָר הויכן קוימען און וואָס די פלאַמען ציִען זיך ביזן הימל, ממש ביזן הימל.

האָבן מיר געזען דאָס פייער, געהערט דאָס קול פון דער משוגענער און נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען. עמעצער האָט זיך אָנגערופן:

— מסתמא איז דאָס אַ קוימען פון אַ פאַבריק...

נישט וויסנדיק האָט ער געטראָפן. דער קוימען פון אַ פאַבריק...

די משוגענע איז אַנטשוויגן געוואָרן דאָסמאָל פון זיך אַליין. אַ מין נצחון־אויסדרוק האָט זיך באַוויזן אויף איר פּנים, גלייך זי וואָלט געשפּעט פון אונדז:

— נו? איך האָב אייך געזאָגט, איך האָב אייך געוואָרנט... איר האָט נישט געגלייבט. שמאַטעס האָט איר אין מויל מיר אַריינגעשטעקט. מיט אַ פאַטשיילע מיינע ווערטער דערשטיקט!

לאַנגע, לאַנגע מינוטן זענען מיר געשטאַנען דאָרט און זיך איינגעקוקט אין פייער־בנין וואָס האָט באַלויכטן דעם הימל און דעם גאַנצן האָריזאָנט.

עפּעס אַ מאָדנער ריח שוועבט אין דער לופט.

פון אַ שכנותדיקן וואַגאָן דערגייט צו אונדז אַווילדער געשריי. מסתמא איז אויך דאָרט פאַראַן אַ משוגענע, טראַכטן מיר זיך.

מען עפנט די טירן פון וואַגאָן פון אויסנווייניק. איך רוף זיך אָן:

—דאָס זענען אוודאי סאַניטאַרן. זיי זענען געקומען אַריבערפירן די משוגענע אין שפּיטאָל־וואַגאָן...

דאָס זענען נישט געווען קיין סאַניטאַרן.

מאָדנע פאַרשוינען — ווי אַרויסגעקומען פון אַ בילד פון אַ גייסטיק־צעשטערטן מאָלערישן דמיון — זענען אַרויפגעשפּרונגען אין וואַגאָן. זיי זענען געווען מאָדנע געקליידט: געשטרייפטע רעקלעך, שוואַרצע הויזן. אין זייערע הענט האָבן זיי געהאַלטן עלעקטרישע לעמפּלעך און — שטעקנס. בלויז זייער אויסערלעכער אויסזען האָט אָנגעוואָרפן אַ קעלט.

זיי האָבן אָנגעהויבן שלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס און ערשט דאַן — געשריגן:

— יעדער גייט אַראָפּ! אַלץ דאָ איבערלאָזן! שנעל! לאָוס!

זענען מיר אַראָפּגעשפּרונגען פֿון וואַגאָן.

איך האָב געוואָרפן אַ לעצטן בליק צו דער משוגענער. איר ייִנגעלע האָט נאָך אַלץ נישט געוויינט. ער האָט זי געהאַלטן ביי דער האַנט. ער האָט זי געפירט צום מזבח.

...די פלאַמען פון קוימען האָבן פאַרבלענדט די אויגן. אַ שווערער ריח, אַ ריח פון געבראָטן פלייש האָט געשטיקט אין האַלדז.

צוועלף אַ זייגער ביינאַכט.

מיר זענען אָנגעקומען צום סוף פון דער רייזע.

קיין בירקענאַו.

קאַפּיטל צוויי

אין שאָטן פון פלאַמען

אַלץ איז געבליבן אין וואַגאָן: דאָס לעצטע ביסל פאַרמעגן, וואָס האָט אונדז דערלויבט צו גלייבן, אַז מיר פאַרמאָגן נאָך עפּעס.

אַלע זאַכן וועלכע מיר האָבן געשלעפּט אויף די פּלייצעס, מיט שוויס און טרערן, מיט יאוש און רעזיגנאַציע — אַלע זאַכן זענען געבליבן אין וואַגאָן.

און צוזאַמען מיט זיי — ענדלעך — אויך אונדזערע אילוזיעס.

איצט איז שוין אַלץ קלאָר געוואָרן. די אומזיכערקייט איז פאַרשוונדן.

ס. ס.־מענער, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז פוס, האָבן אונדז באַוואַכט. אויף יעדע צוויי מעטער — אַ ס. ס.־מאַן מיט זיין מאַשין־געווער. דאָ און דאָרט דערהערט זיך אַ שאָס און דערנאָך אַ גסיסה־רוף. העפטלינגען שלאָגן אונדז און מיר ווייסן נישט פאַרוואָס.

טראָט ביי טראָט זענען מיר נאָכגעגאַנגען דעם המון. די מאַמע, דער טאַטע, די באָבעשי, די דריי שוועסטער און איך.

אַן אויסגעשטערנטער הימל. עלעקטרישע דראָטן. העפטלינגען. מאַשין־געווער.

אַן ס. ס.־אָפיציר קומט אונדז אַנטקעגן. אין זיין האַנט — אַ שלאָג־רוט. ער באַפעלט:

— מענער לינקס, פרויען — רעכטס!

פיר ווערטער. אַרויסגעזאָגט האָט ער זיי רויִק, כמעט כלאחר־יד. פיר פשוטע, קורצע ווערטער. און פונדעסטוועגן זענען זיי דער אָפּשידס־סימבאָל פון מיין מאַמע. צוליב זיי האָבן מיר זיך נישט געזעגנט. איך האָב אָפילו נישט באַוויזן תופס צו זיין דעם באַדייט פון באַפעל און שוין האָב איך געפילט ווי מיין פאָטער דריקט פעסטער מיין האַנט: מיר זענען געבליבן אַליין, טאָרן מיר זיך נישט פאַרלירן!

איך האָב געזען — במשך אַן אומענדלעכן טייל פון אַ סעקונדע — מיין מאַמע, מיט די שוועסטער, ווי זיי זענען געגאַנגען רעכטס, אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. צפורהלע האָט געהאַלטן דער מאַמעס האַנט. אין דאָזיקן מאָמענט האָט מיין אָרעמער קינדערישער שכל נישט באַגריפן די טראַגעדיע, וועלכער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט פאַר מיינע אויגן. איך האָב געזען זיי גיין און פאַרשווינדן ווערן און... איך בין זיך ווייטער געגאַנגען, מיטן פאָטער, מיט די מענער. און נישט געוווּסט האָב איך, אַז דאָ, אויפן דאָזיקן אָרט, אין דאָזיקן מאָמענט האָב איך זיך צעשיידט מיט מיין מאַמע, מיט צפורהלען, אַז דאָ האָב איך בײדע פאַרלוירן — פאַרלוירן אויף אייביק!

...דערלויבט מיר צו עפענען אַ פּאַראַנטעזע. דערלויבט מיר, פריינט לעזער, צו פאַרמאַכן אויף אַ וויילע, אַ, בלויז אויף אַ קורצער וויילע, די אויגן, כדי אויפצולעבן אין זיך יענע מאָמענטן. אָט — איך זע. מיט פאַר־מאַכטע אויגן זעט מען בעסער. איך זע די מאַמע גיין אויף איר לעצטן וועג. מיט איר לינקער האַנט גלעט זי צפורהלעס גאָלדענע האָר, גלייך באַשיצן זי פון נאַכט־שונאים האָט זי געוואָלט... דאָרט גייט זי, די מאַמע. צווישן עלעקטרישע דראָטן. נישט געזעגנט זיך מיט איר. נישט באַקומען דעם לעצטן קוש. נישט באַוויזן. אַלץ איז געקומען אַזוי פּלוצימדיק! ס׳בלוטיקט דאָס האַרץ. בעסער איז צו פאַרשליסן צוריק די פאַראַנטעזע.

הינטער מיר איז אַן עלטערער ייִד געפאַלן צו דער ערד. נעבן אים שטייט אַ ס. ס.־מאַן. זיין רעוואָלווער רויכערט נאָך.

מיין האַנט קלאַמערט זיך אין טאַטנס אָרעם. איין געדאַנק אין מוח: נישט פאַרלירן אים! נישט בלייבן אַליין! ביז דעמאָלט בין איך נאָך קיינ־מאָל נישט געבליבן אַליין. צו־יונג געווען. תמיד געהאַט דעם טאַטן אָדער

די מאַמע נעבן מיר, מיט מיר. איצט איז נישטאָ מער די מאַמע. זאָל כאָטש ער, דער טאַטע, בלייבן. האָב איך זיך געקלאַמערט אין זיין אָרעם, כדי זיך צו פילן ווייטער ווי אַ קינד, וואָס האָט ווער ס׳זאָל אים באַשיצן.

באַפעלן פון ס. ס.־אָפיצירן:

— אין רייען צו פינף!

אַ טומל. שווער זיך אויסצופאָרען אַזוי, אַז קינדער און עלטערן, ברידער אָדער סתם פריינט זאָלן זיך געפינען אין דער זעלבער ריי.

— ייִנגל, ווי אַלט ביסטו? פרעגט מיך אַ העפטלינג. זיין פנים איז געווען אין דער פינצטער, אָבער זיין קול איז געווען אַ מידס, אַ וואַרעמס.

— נאָך נישט קיין 15 יאָר, האָב איך געענטפערט.

דער העפטלינג צעשרייט זיך:

— ניין! 18 יאָר!

— איר האָט אַ טעות, — ענטפער איך מיט עקשנות, — איך בין נאָך נישט אַלט קיין 18 יאָר...

— אידיאָט איינער, בייזערט ער זיך אויף מיר, הער וואָס איך זאָג דיר!

דאַן פרעגט ער מיין פאָטער די זעלבע פראַגע:

— 50 יאָר אַלט, ענטפערט נאַיִוו מיין פאָטער.

דער העפטלינג ווערט בייזער:

— ניין! נישט פופציק יאָר! פערציק! איר פאַרשטייט? אַכצן און פערציק...

מיר האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין: מ׳טאָר נישט זיין, נישט צו יונג און נישט צו אַלט.

דער העפטלינג איז אַוועק. פאַרשווונדן מיט די שאָטנס פון דער נאַכט. אַ צווייטער איז צוגעקומען און געבראַכט קללות אויף זיינע ליפּן:

— הינטישע זון, האָט ער געשריגן מיט אַ ווילדן צאָרן. צו־וואָס זענט איר געקומען? צו וואָס?

עמעצער האָט געוואַגט צו ענטפערן:

— וואָס מיינט איר? איר מיינט, אַז מיר זענען געקומען צוליב וויל־טאָג, ווייל מיר האָבן געוואָלט, זיך געבעטן צו קומען?

דער צווייטער העפטלינג האָט אים שיער נישט געמיתט:

— שווייג! שווייג, חמור בן המור, אײדער איך גיי דיך דורסן אויפן אָרט! געדאַרפט האָט איר אײך לאָזן דערהרגענען, ווי איר זענט געווען און נישט קומען אַהער! צי האָט איר דען נישט געוווּסט, וואָס מ׳האָט פאַר אײך צוגעגרייט דאָ אין אוישוויץ? אין 1944 נישט געוווּסט?

ניין. מיר האָבן נישט געוווּסט. קיינער האָט אונדז גאָרנישט געזאָגט. דער העפטלינג האָט נישט געוואָלט גלייבן. ער האָט זיך צעוואָרעמט, צע היצט אין זיינע דיבורים:

— איר זעט דאָרט דעם קוימען? איר זעט אים? איר זעט די פלאַמען? (יאָ, מיר האָבן זיי געזען, די פלאַמען). דאָרט, דאָרט אַהין פירט מען אײך באַלד. דאָרט קומט איר צו קבורה. איר פאַרשטייט נאָך אַלץ נישט? הינטישע זין! איר פאַרשטייט נישט?! מ׳גייט אײך פאַרברענען! פאַרברענען! אַש וועט מען פון אײך מאַכן! אַש! אַש! אַש!...

אַ היסטערישער כעס איז אים באַפאַלן.

זיינע רייד האָבן אונדז ווי פאַרטעמפּט. ווי געפּלעפּט זענען מיר געבליבן. נישט געגלויבט די אייגענע אויערן. די אייגענע אויגן. צי איז דאָס אַלץ נישט בלויז אַ קאָשמאַר? אַ נישט געוויינלעכער שרעק־חלום?

אין די רייען איז אויסגעבראָכן אַ טומל, אַ בהלה, אַ פּאַניק.

דער פּחד פאַרן טויט האָט אונדז גענומען ביי די האָר און מיטגעשלעפּט מיט אים, ווייט, ווייט, ביז דער גרענעץ פון גלויבן און ווירקלעכקייט.

דאָ און דאָרט האָט מען זיך געשושקעט:

— מ׳מוז מאַכן אַן אויפשטאַנד! נישט לאָזן זיך פאַרברענען! נישט גיין צו דער שחיטה ווי בלינדע שאָף! מ׳מוז רעוואָלטירן!

אין אונדזער טראַנספּאָרט האָבן זיך געפונען אַ פּאָר געזונטע יונגען, האָרעפּאַשניקעס, פלייש־האַקערס, געוועזענע סאָלדאַטן. זיי האָבן געהאַלטן מעסערס אין האַנט און געבונטעוועט די מחנה ייִדן, צו וואַרפן זיך אויף די באַוואָפנטע שומרים.

אַ יונגער בחור — וועמענס נאָמען ס׳איז מיר ליידער נישט פאַרבליבן אין זכרון — האָט שטיל געהאַלטן אַ מין רעדע:

— זאָלן מענטשן וויסן, אַז פאַראַן אַן אוישוויץ אויף דער וועלט! אַז מ׳ברענט מענטשן! זאָלן וויסן די וועלכע מ׳גייט פאַרנאַרן אַהער!

וואָס וואָלט געשען, ווען אונדזערע רעוואָלוציאָנערע בחורים וואָלטן אויסגעפירט זייער פּלאַן? שווער צו וויסן. וואַרשיינלעך וואָלטן אַ פּאָר מאַשין־ביקסן אָפּגעטון זייער מלאכה און פאַרשפּאָרט אַרבעט די גאַזקאַמערן. מיר וואָלטן אַלע אויפן אָרט אומגעקומען.

אמת: עס וואָלט געשאַפן אַ פּרעצעדענס...

זענען אָבער געווען עלטערע ייִדן — אָפּגעשוואַכטע, אויסגעמאַטערטע — וועלכע האָבן זיך געבעטן רחמים ביי זייערע קינדער נישט צו באַגיין קיין נאַרישקייטן, היות מ׳טאָר נישט פאַרלירן דעם בטחון ווען אַפילו דער חלף ליגט אויפן האַלדז. אַזוי האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט. און זיי, די חכמים, האָבן דאָך געוווּסט וואָס זיי זאָגן.

אפשר? קען זיין, אַז זיי האָבן געוווּסט וואָס זיי זאָגן. אָבער קיין בירקענאַו האָבן זיי נישט געמאַכט...

וואָס פאַר אַ וויכוחים וואָלטן די בעלי־התלמוד אָפּגעהאַלטן, אויב זיי וואָלטן פאַרשליידערט געוואָרן קיין בירקענאַו?

צי וואָלטן זיי ווייטער זיך געראַנגלט וועגן אַזאַ וויכטיקן פּראָבלעם ווי דער דין פון אַ שור שנגח את הפרה אָדער אַ ביצה שנולדה ביום־טוב?

דער צאָרן, דער רעוואָלט־ווינט האָט זיך אָפּגעקילט. נישט צוליב פּחדנות און אויך נישט צוליב די בקשות פון די עלטערן. סתם: מיטאַמאָל איז מען געוואָרן סקעפּטיש לגבי די וואָרענישן פון בידע העפטלינגען. דער קאָנסערוואַציע־חוש האָט זיך דערוועקט אין אונדז און דעריבער פאַרבלענדט די אויגן. מ׳האָט זיך געזאָגט, אַז ס׳איז אוממעגלעך, אַז דאָס אַלץ זאָל אמת זיין, אַז מ׳זאָל אונדז דערמאָרדן סתם אַזוי, אָן אַ פאַרוואָס, אָן אַ סיבה און אָן אַ ציל... אוממעגלעך, אַז מ׳זאָל גיין פאַרברענען הונדערטער אומשולדיקע ייִדן, וועלכע זענען קיין שום פאַרברעכן נישט באַגאַנגען...

אין צווישן גייען מיר פאָרויס. אָט, אַ קרײַץ־וועג. אין מיטן איז געשטאַנען ד״ר מענגעלע, דער באַרימטער ד״ר מענגעלע (אַ טיפּישער ס. ס.־אָפיציר: אַן אכזריותדיק און פונדעסטוועגן אינטעליגענט פּנים, אַ מאָנאָקל) וועלכער האָט געהאַלטן אַ דיריזשאָרן־שטעקעלע אין האַנט. אַרום אים — אַ פּאָר אַנדערע ס. ס. אָפיצירן. זיי האָבן זיך צוגעקוקט צו זיין אופן פון

דיריגירן. ד״ר מענגעלעס שטעקעלע האָט זיך באַוויגן אַן אויפהער. אַמאָל האָט עס געוויזן רעכטס און אַמאָל לינקס.

די סעלעקציע!

דאָ ווערט געחתמעט דער גזר־דין פון הונדערטער טויזנטער מענטשן. כבקרת רועה עדרו... מי לחיים ומי למות. מי באש...

איך האָב זיך דערמאָנט אין דער עצה פון אומבאַקאַנטן העפטלינג:

— פאָטער! — שושקע איך צו אים — פאָטער, פאַרגעס נישט! ביסט 40 יאָר אַלט! נישט 50!

און אָט שטיי איך שוין פאַר אים, פאַר ד״ר מענגעלע:

— ווי אַלט ביסטו?

אַן אומפּערזענלעכע שטימע, וואָס פּרווט אַפילו אַרויפצוציען אויף זיך אַ לבוש פון גוטקייט און פאָטערלעכע פאַרשטענדעניש.

— אַכצן יאָר.

אַ ציטערנדיקע שטימע... כמעט נישט געקענט רעדן פון אימה ופחד.

— געזונט?

— יאָ.

— פאַך?

דער מוח האָט געאַרבעט שנעל. זאָגן, אַז איך בין אַ ישיבה־בחור, וואָס לערנט קבלה? דאָס מויל פּליסטערט אַרויס — ווי פון זיך אַליין, נישט וואַרטנדיק אויפן מוחס באַפעל:

— לאַנדווירטשאַפט.

דער דאָזיקער געשפּרעך האָט געדויערט נישט מער ווי געציילטע סעקונדן. אָבער מיר האָט זיך געדוכט, אַז שעהן זענען אַריבער צווישן איין וואָרט און אַנדערן.

דאָס שטעקעלע ווייזט: לינקס. איך מאַך נישט קיין גאַנצן שפּאַן פאָרויס. בלויז אַ האַלבן. קודם געוואָלט זען ווו מיין פאָטער ווערט געשיקט. גייט ער רעכטס — וועל איך מיטלויפן מיט אים.

דאָס גורל־שטעקעלע האָט אויך אים געשיקט לינקס. אַ שטיין אַראָפּגעפאַלן פון האַרצן. איצט מעג מען שוין אָפּאָטעמען.

אין דאָזיקן מאָמענט האָב מיר נאָך נישט געוווּסט וועלכע ריכטונג איז די גוטע — די לינקע אָדער די רעכטע — וועלכע פירט צו אַרבעט

און וועלכע צום קרעמאַטאָריום. פונדעסטוועגן האָב איך זיך געפילט גליקלעך: צוזאַמען מיטן טאַטן.

אַ פרישער העפטלינג דערנענטערט זיך צו אונדז:

— נו? צופרידן?

— יאָ, ענטפערט עמעצער.

— אידיאָטן! —רופט אויס דער העפטלינג, — איר גייט דאָך גלייך אין קוימען!!!

מ׳פירט אונדז צום קוימען...

צי איז עס אמת? צי איז ער נישט אויסן בלויז אונדז צו דערשרעקן? צי איז ער נישט סתם אַ סאַדיסט וואָס האָט הנאה פון יענעמס מורא?

ניין. זעט־אויס, אַז ער זאָגט אמת. אַ סימן: זעכציק מעטער פאַר אונדז, שטייגן אויף פלאַמען פון אַ גרוב. ריזיקע פלאַמען. עפּעס ברענט מען דאָרט. וואָס? אַ לאַסט־אויטאָ דערנענטערט זיך צום גרוב און לאָדנט אין אים אויס, אויטאָמאַטיש, זיין משא. פּלוצים דערזע איך וואָס ער פירט, וואָס ער שיט אַריין אין גרוב: קליינע קינדער! זויגלינגען! קליינע עופהלעך! יאָ, אַליין געזען דאָס מיט מיינע אייגענע אויגן... געזען ווי מ׳וואַרפט לעבעדיקע קינדער אַריין אין פלאַמען!

(צי איז עס אַ וווּנדער, טייערער לייענער, וואָס שלאָף קומט מער נישט צו מיינע אויגן זייט דעמאָלט? צי איז עס אַ וווּנדער וואָס איך האָב אויפגעהערט גלויבן אין דער קדושה פון פייער? אין דער שכינה וואָס דאַרף רוען אויף עוללות ויונקים?).

דאָס בלוט ווערט פאַרגליווערט אין די אָדערן. קאַלטע פראָסט־ווינטן האָבן פּלוצים זיך צעבלאָזן אין מיין קערפּער. הייסט עס, גייען מיר טאַקע צום קוימען. אין דער ריכטונג פון פלאַמען־גרוב. מסתמא איז פאַראַן, אַביסעלע ווייטער אַן אַנדערער גרוב, אַ גרעסערער: פאַר דערוואַקסענע. פאַר אונדז. פאַר מיר.

אינסטינקטיוו קניים איך זיך אין דער באַק: צי לעב איך? צי בין איך וואַך? צי איז עס פאָרט נישט קיין חלום פון אַ היפּער־סענסיבל קינד? אפשר איז עס אַ שוידער־וויזיע? אָדער גאָר אַ פיבעריש בילד? אַ פּרוכט פון מיין קראַנקער פאַנטאַזיע?

געקניפּט האָב איך מיין באַק, דערפילט דעם ווייטיק פון קנופּ און

האָב נאָך אַלץ נישט געגלויבט אין דער ווירקלעכקייט פון די געשעענישן.

ווייל אין איינציקער געדאַנק האָט געעגבערט מיין מוח: ווי איז עס מעגלעך, ווי איז עס מעגלעך, אַז דאָ זאָל מען פאַרברענען מענטשן און זי, די וועלט, זאָל שווייגן?! ווי איז עס מעגלעך, אַז דאָ זאָל מען לעבעדיקע קינדער אַריינוואַרפן — ווי קוילן — אין אָפענע פייער־גריבער און די ציוויליזירטע וועלט, די קולטורעלע, די פּראָגרעסיווע וועלט אונדזערע זאָל נישט אויפהייבן איר צאָרן און פּראָטעסט־שטים?

— אוממעגלעך... אומגלויבלעך... — האָב איך געמורמלט צו זיך אַליין. די וועלט וואָלט נישט געשוויגן. די מענטשהייט וואָלט זיך אָפּגערופן, וואָלט רעוואָלטירט אָדער כאָטש רעאַגירט. מיר לעבן דאָך פאָרט נישט אין מיטלאַלטער, נאָר אין פאָרגעשריטענעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט! אַמאָל איז טאַקע דעם מענטשנס לעבן הפקר געווען, אָבער היינט? ניין, דאָס אַלץ איז נישט אמת. דאָס אַלץ קען נישט זיין אמת. אַ חלום. בלויז אַ חלום איז עס. איך חלום. אַ קאָשמאַר... באַלד, באַלד וועל איך זיך אויפכאַפּן פון שלאָף — מיט אַזאַ האַרץ־קלאַפּעניש — און וועל דערזען פון דאָסניי מיין קינדער־שטוב, די ספרים־שאַנק...

די שטים פון פאָטער האָט מיך אַרויסגעריסן פון מיין פאַנטאַזיאַרישן וויכוח:

— אַ שאָד... אַ שאָד וואָס דו ביסט נישט געגאַנגען מיט דער מאַמען... איך האָב אַ סך קינדער, אַפילו אין דיין עלטער, געזען גיין מיט זייערע מאַמעס...

אומגעהויער טרויעריק איז זי געווען, זיין שטים. איך האָב פאַרשטאַנען: ער וויל נישט זען, וואָס מ׳גייט מיר אָפּטון! ער וויל נישט זען ווי מ׳פאַרברענט זיין בן־יחיד לעבעדיקערהייט...

ווייל איר מוזט וויסן: דעמאָלט האָבן מיר נאָך נישט געוווּסט וועגן דער פּערפעקציאָנירונג פון דער דייטשער טויט־פאַבריק, וועגן די עלעגאַנטע גאַז־קאַמערן. מיר האָבן געמיינט: פּשוט — מ׳ברענט מענטשן לעבעדיקערהייט... און געוווּנדערט האָבן מיר זיך אַפילו: ווי קומט עס וואָס מיר הערן נישט קיין גסיסה־געשרייען? קיין וויי־רופן?

אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַגאָסן. שטאַרבן אין פייער! דער

שרעקלעכסטער טויט. דער לענגסטער. ניין, אַזאַ טויט וויל איך נישט דורכמאַכן; בשום אופן נישט!

אָבער צו וואָס פאַרשאַפן ווייטיק דעם פאָטער? איך זאָג אים, אַז איך גלויב נישט, אַז מ׳זאָל פאַרברענען מענטשן אין אונדזער מאָדערנער וועלט. די מענטשהייט וואָלט עס נישט צוגעלאָזט...

— די מענטשהייט? — ענטפערט דער פאָטער — די מענטשהייט אינטערעסירט זיך נישט מיט אונדז. קיין פינגער אין קאַלטן וואַסער וואָלט זי פאַר אונדז נישט איינגעטונקען. אונדזער תקופה איז די תקופה פון מעגלעכקייטן, פון אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן... היינט איז אַלץ מעגלעך, אַלץ דערלויבט: אַפילו קוימענס...

זיין שטים האָט זיך געוואָרגן מיט איינגעהאַלטענע טרערן.

— פאָטער, זאָג איך, אויב אַזוי באַגיי איך זעלבסטמאָרד. איך וועל צולויפן צו די עלעקטרישע דראָטן. זאָל מען מיך שיסן. ווען נישט וועל איך עלעקטריזירט ווערן. בעסער שטאַרבן מיטאַמאָל, איידער גוססן שעהן־לאַנג קעמפן מיט די פלאַמען... אויב שטאַרבן, פאָטער, זאָל עס זיין ווי אַ מענטש און נישט ווי האַלץ!

ער האָט נישט געענטפערט, מיין פאָטער. געוויינט האָט ער. זיין גאַנצער קערפּער, זיין גאַנצער וועזן האָט ספּאַזמירט מיט טרערן. אַלע האָבן געוויינט.

עמעצער האָט אָנגעהויבן זאָגן קדיש. אַן אַנדערער — ווידוי.

איך ווייס נישט, צי ס׳איז שוין געשען אַזאַ זאַך אַפילו אין דער פיין־געשיכטע פון ייִדישן פאָלק: מענטשן זאָגן קדיש נאָך זיך אַליין!

יתגדל... ויתקדש... שמיה רבא... הער איך אויך דעם פאָטער מורמלען.

דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל רעוואָלטירט קעגן גאָט, קעגן הקדוש־ברוך־הוא.

פאַרוואָס הייליקן זיין נאָמען? פאַרוואָס קומט עס אים? מיט וואָס האָט ער עס זיך פאַרדינט? אויב די מענטשהייט שווייגט, טאָ הייליק איך נישט איר נאָמען. אָבער אויך ער, דער האַר פון באַשאַף, דער האל הגדול והגבור והנורא, אויך ער שווייגט — טאָ פאַרוואָס זאָל איך אים דאַנקען, פאַרוואָס זיין נאָמען הייליקן? פאַרוואָס אים לויבן?

אין צווישן גייט מען פאַרויס. מיר דערנענטערן זיך צום גרוב, צו די פלאַמען. ס'שלאָגט פון דאָרט אַ גיהנום־היץ. נאָך צוואַנציק שפּאַן. אויב איך האָב בדעה צו באַגיין זעלבסטמאָרד מוז איך זיך צוגרייטן. נאָך פופצן שפּאַן. איך פאַרבייס די ליפּן, כדי דער פאָטער זאָל נישט הערן דאָס שלאָגן פון מיין האַרץ, דאָס ווילדע קלאַפּן פון די ציין. נאָך צען שפּאַן. אַכט. זיבן שפּאַן. מיר גייען פּאַמעלעך, ווי אויף אַ לויה, ווי אויף דער אייגענער לויה. פיר שפּאַן: ס'איז מיר הייס און קאַלט צוזאַמען. אָט, דריי שפּאַן. אָט, דער גרוב. אָט, די פלאַמען. איך זאַמל אין זיך כוח, דאָס לעצטע ביסל כוח, בכדי אַרויסצושפּרונגען פון דער ריי און לויפן צו די דערלייזערישע דראָטן. אין האַרצן געזעגן איך זיך מיטן פאָטער, מיט דער גאַנצער וועלט און נישט ווילנדיק פאָרמירן זיך ווערטער אין מוח, אַן דעם זיי זאָלן אַריבערגיין די שוועל פון מויל: יתגדל ויתקדש שמיה רבא. פונדעסטוועגן געטראַכט וועגן אים, וועגן גאָט. נאָך צו נאָענט געשטאַנען דעמאָלט צו מיין עבר, צו מיינע אילוזיעס. דאָס האַרץ גייט פּלאַצן פון צופיל שפּאַנונג. שוין! אָט, דער ראַנדעווו מיטן מלאך־המות...

ניין. אומזיסטיקער פּחד געווען. צוויי שפּאַן פאַרן גרוב האָט מען אונדז געהייסן פאַרקירעווען זיך לינקס: צום באַד־באַראַק.

דער אָטעם איז לענגער געוואָרן, דויערנדיקער.

געראַטעוועט.

אויף וויפיל צייט? אויף ווי לאַנג?

איך דריק פעסטער דעם פאָטערס האַנט. פּלוצים רופט ער זיך אָן:

— דו געדענקסט... געדענקסט די משוגענע?

צי איך געדענק זי?

קיינמאָל וועל איך זי נישט פאַרגעסן, קיינמאָל!

***

קיינמאָל וועל איך נישט פאַרגעסן אויך יענע נאַכט, די ערשטע לאַגער־נאַכט, וועלכע האָט מיין גאַנץ לעבן אין אַ לאַנגער נאַכט פאַרוואַנדלט.

קיינמאָל וועל איך נישט פאַרגעסן יענעם רויך, וועלכער האָט אַרויפגעבראַכט מיין מאַמע און צפּורהלען קרבנות פאַרן הימל.

קיינמאָל וועל איך נישט פאַרגעסן די קליינע פּנימלאַך קינדער, וואָס איך האָב געזען זייערע קערפּערלעך און נשמהלעך פאַרוואַנדלט ווערן אין וואָלקנס אויפן פּוסטן, פאַרברעכעריש־שוויַיגנדיקן הימל.

קיינמאָל וועל איך נישט פאַרגעסן דאָס פייער, וואָס האָט אויף תמיד פאַרברענט מיין גלויבן אין אַלץ וואָס איז שיין, אין אַלץ וואָס איז אמת, אין אַלץ וואָס איז הייליק.

קיינמאָל וועל איך נישט פאַרגעסן יענע שטילקייט פון דער נאַכט וועלכע האָט פון מיר צוגערויבט דעם חשק צו לעבן און די מעגלעכקייט שלום צו מאַכן מיטן עתיד.

קיינמאָל וועל איך נישט פאַרגעסן יענע מאָמענטן וועלכע האָבן דערמאָרדעט מיין גאָט אין מיין נשמה און מיין גאַנצן חלום אין אַ מדבר פאַרוואַנדלט.

קיינמאָל וועל איך דאָס אַלץ נישט פאַרגעסן, אַפילו ווען איך וועל פאַרמשפּט זיין צו לעבן מער ווי גאָט אַליין! קיינמאָל!

***

אין באַד־באַראַק.

אַ לאַנגער זאַל. אין דאַך — אַ פּאָר בלויע פענצטערלעך. אַזוי מוז אויסזען דער קאָרידאָר פון גיהנום. אַזויפיל צעחושטע מענטשן, אַזויפיל געוואַלדן, אַזויפיל געשרייען, אַזויפיל בעסטיאַלע ברוטאַליטעט! כמעט אוממעגלעך איינצושטיין דאָ דריי מינוט.

צענדליקער העפטלינגען האָבן אונדז מקבל־פּנים געווען מיט שטעקנס אין האַנט און זיי האָבן געשלאָגן, נישט־קוקנדיק ווו, נישט זאָגנדיק פאַר־וואָס.

באַפעלן: אויסטאָן זיך! אין גאַנצן! נאַקעט! שנעל! לאָוס! בלויז דעם רימען און די שיך מעג מען האַלטן אין האַנט...

די קליידער האָט מען געדאַרפט טראָגן אין עק באַראַק. אַ ריזיקער באַרג פון קאָסטיומען האָט זיך דאָרט שוין אָנגעזאַמלט. שיינע, עלעגאַנטע קאָסטיומען און אַלטע, אָפּגעריסענע מאַנטלען. אַלע האָבן זיך אויסגעמישט צוזאַמען. אָט די אמתע גלייכקייט: די גלייכקייט פון מלבושים.

נאַקעט. איך ציטער פון קעלט.

אַ פּאָר ס. ס.־אָפיצירן דרייען זיך אַרום אין באַראַק און זוכן געזונטע, ספּעציעל געזונטע מענטשן.

אויב געזונט איז אַזאַ גוט אַרטיקל דאָ, אפשר זיך שטופּן זיי אין די אויגן? זיך פּרוּוון פאַרשטעלן פאַר אַ גיבור?

כדאי אָדער נישט כדאי? דעם טאַטנס ענטפער — אַ נעגאַטיווער. בעסער נישט שטופּן זיך. בעסער אונטערוואַרטן. וואָס ס'וועט זיין מיטן כלל, וועט זיין אויך מיט אונדז.

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט ווי גוט מיר האָבן געטון. די אַלע וועלכע זענען אויסגעקליבן געוואָרן דעמאָלט דורך די ס. ס.־אָפיצירן, זענען געפירט געוואָרן צו דער „זאָנדער־קאָמאַנדאָ". דאָס הייסט: די קאָמאַנדאָ וועלכע האָט געאַרבעט אין קרעמאַטאָריום. די אַרבעט איז געווען אַ מערדעריִשע. און נאָך יעדע דריי חדשים האָט מען די גאַנצע קאָמאַנדאָ ליקווידירט. צופיל געוווּסט!

בעלאַ כ"ץ — דער זון פון אַ באַוווּסטן סיגעטער סוחר — איז אָנגעקומען אין בירקענאַו מיטן ערשטן טראַנספּאָרט. אַ וואָך פאַר אונדז. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מיר זענען שוין אויך דאָ — האָט ער באַוויזן אונדז אַריבערשיקן אַ בריוועלע בזה הלשון: „איך האָב געמאַכט בורא מאורי האש אויפן טאַטן!".

ער האָט פאַרברענט — מיט זיינע אייגענע הענט — זיין אַלטן טאַטן...

אויך צו־געזונט האָט מען נישט געטאָרט זיין אין בירקענאַו.

די מלאכי־חבלה שלאָגן ווייטער אין באַד־באַראַק:

— צום פריזיער!

האַלטנדיק דעם פּאַסעק מיט די שיך אין דער רעכטער האַנט, לאָז איך זיך שטופּן צום פריזיער. צענדליקער פריזירער אַרבעטן דאָ. אכזריות־חיות! די מאַשינדלעך זייערע האָבן געריסן מיט אַ סאַדיסטישן תענוג די האָר פון קאָפּ, פון אונטערן אָרעם און פון די פאַרהוילענע טיילן פון גוף.

זעט אויס, אַז דער מענטש פאַרגעסט זיינע אייגענע ליידן, אויב ער פאַרשאַפט ווייטיק זיין גורל־חבר.

און מסתמא האָבן אויך זיי, די פריזירער, געליטן נישט ווייניק.

נאָך אַלץ דער זעלבער געדאַנק אין מוח: נישט דערווייטערן זיך

פון פאָטער. בלייבן מיר טאַקע תמיד צוזאַמען, גלייך אומזעבאַרע קייטן וואָלטן אונדז צוגעשמידט איינער צום אַנדערן.

ווען מיר זענען ביידע ניצול־געוואָרן פון פריזירערס הענט האָבן מיר אַביסל אַרומגעוואַנדערט צווישן המון, באַגעגנט פריינט, באַקאַנטע. אַ פרייד — איך חזר איבער: אַ פרייד! — באַהערשט ביי אַזאַ באַגעגעניש: געליבט צו גאָט! אויך „דו" לעבסט נאָך...

אַ פּאָר עלטערע באַקאַנטע וויינען. זיי באַנוצן זיך מיט דער לעצטער ענערגיע זייערער, כדי צו וויינען: אַזאַ שדים־נאַכט! פאַרוואָס זענען זיי נישט געשטאָרבן אויף זייער אייגן בעט? תשעה־באבדיקייט אין זייער קלאַג.

איצט איז שוין פאַר יעדן קלאָר געוואָרן דער מצב. מיר געפינען זיך אין פאַרניכטונגס־לאַגער פון בירקענאַו, ווו גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס און פייער־גריבער פאַרטיליקן הונדערטער טויזנטער מענטשן. איצט ווייסן מיר עס שוין, כאָטש קיינער איז נישט מסוגל תופס צו זיין דעם באַדייט, דעם רעאַלן און פילאָזאָפישן באַדייט פון די דאָזיקע ווערטער.

פלוצים פאַלט עמעצער אַרויף אויף מיין האַלדז און צעקושט זיך מיט מיר: יחיאל, דעם סיגעטער רבס ברודער. ער וויינט מיט בלוט־טרערן און אַ שד טאַנצט אויף זיינע ליפּן. איך האָב געמיינט, אַז ער וויינט פון שמחה, וואָס ער איז לעבן געבליבן.

— וויין נישט יחיאל, זאָג איך צו אים, אַ שאָד די טרערן!

— נישט וויינען? פרעגט ער מיט אַ געוויין. — מיר שטייען דאָך פאַרן טויער פון טויט! באַלד קומען מיר אַריין אינעווייניק... פאַרשטייסט? אינעווייניק! און איך זאָל נישט וויינען?

יחיאל האָט נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז מיר זענען — כאָטש צייטווייליק — געראַטעוועט. האָט ער דעריבער געוויינט און מיך געקושט: געוואָלט זיך געזעגענען מיט מיר.

ער איז נישט געווען דער איינציקער. אַ סך האָבן נישט געגלויבט, אַז עס וואַרטן נאָך אויף אונדז זוניקע טעג און רויִקע נעכט, אַז מיר האָבן נאָך נישט געטרונקען דעם כוס פון לעבן ביזן דנאָ. צו־נאָענט זענען מיר געשטאַנען צום טויט!

דורך די בלויע פענצטערלעך פון דאַך, האָט די נאַכט אָנגעהויבן

אַפּוואַשן פון זיך די טונקעלע פלעקן. די פינצטערניש איז ביסלעכווייז און אומבאַמערקלעך דינער געוואָרן.

איך האָב אויפגעהערט מורא האָבן. איך האָב געפילט אַז מיר דעם טויט, האָט ער מיך מער נישט געשראָקן. און שנית — אַן איבערמענטשלעכע מידקייט איז מיך באַפאַלן. די נסיעה, די משוגענע, די שפּאַנונג, דאָס אָנקומען, די סעלעקציע — אַלץ צוזאַמען האָט מיך צעבראָכן און אויסגעצאַפּט פון מיר דאָס לעצטע ביסל כּוח.

אוממעגלעך געווען די אויגן אָפן צו האַלטן. זיי האָבן זיך פון זיך אַליין פאַרמאַכט. צופיל שוידער־בילדער האָבן זיי איינגעזאַפּט אין זיך במשך די לעצטע פּאָר שעה.

וועגן די וועלכע זענען אַוועק פון אונדז האָבן מיר בכלל נישט געטראַכט. מיר האָבן גערעדט וועגן זיי — „ווער ווייסט וואָס מיט זיי איז געשען" — אָבער נישט געטראַכט וועגן זייער גורל. פּשוט: מיר זענען נישט געווען פעיִק צו טראַכטן וועגן וואָס ס'זאָל נישט זיין. די חושים האָבן זיך פאַרטעמפּט. אַלץ אַרום האָט זיך געטובלט אין נעפּל. ווי אין אַ צוויבער־לעגענדע. דער קאָנסערוואַציע־חוש, דער ווידערשטאַנדס־חוש, דער זעלבסט כּבֿוד־חוש — אַלץ האָט זיך פון אונדז דערווייטערט, ווי פון אַ מחנה מצורעימדיקע הינט.

און מיטן לעצטן פונק פון קלאָרקייט האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מיר זענען פאַרשאָלטענע נשמות אויפן עולם־התוהו, נשמות וואָס מוזן וואָגלען אין דער וועלט, ביזן סוף פון אַלע דורות — זוכנדיק אַ תיקון, זוכנדיק אַ מיטל ווי צו פאַרגעסן דאָס וואָס מ'האָט געזען און — נישט געפינען אים.

***

אַרום פינף אַ זייגער פאַרטאָג האָט מען אונדז אַרויסגעטריבן אויפן הויף.

העפטלינגען האָבן ווייטער אונדז געשלאָגן, אָבער איך האָב אויפגעהערט פילן ווייטיק.

אַזויפיל קברים זענען במשך דער נאַכט אויסגעגראָבן געוואָרן אין האַרץ, אַז די אַ. פיזישע ליידן האָבן גורם געווען אַ מין מאַזאָכיסטישע

הנאה: אַ הנאה וואָס אויך מיר ליידן... וואָס מיר האָבן „זיי" נישט פאַרלאָזט אין דער איינזאַמקייט פון צער.

אַ קאַלטער ווינט פאַרגליווערט די טרערן אין די אויגן. מיר זענען נאַקעט. אין האַנט — די שיך און דער פּאַסיק. באַפעלן: לויפן! לויפט מען. נאָך אַ פּאָר מינוט לויפן: אין אַ נייעם באַראַק.

אַ פאַס מיט נאַפט אין דער טיר. דעזינפעקציע. יעדער ווערט געטובלט. דאַן — אַ הייסער טוש. און דאָס אַלץ — בליץ־שנעל. אַרויס פון אונטערן הייסן וואַסער — גלייך אויפן פרייען הויף. מ'לויפט שוין ווייטער. אַ דריטער באַראַק: דער מאַגאַזין. לאַנגע טישן. הויפנס מיט העפטלינג־קליידער. לויפנדיק וואַרפט מען אונדז הויזן, אַ רעקל, אַ העמד און שקאַרפּעטן.

געציילטע סעקונדן דערנאָך — זענען מיר געוואָרן אויס מענטשן: העפטלינגען.

וואָלט דער מצב נישט געווען אַזוי טראַגיש, וואָלט איך אויסגעשאָסן אין אַ ווילד געלעכטער. מוראדיק קאָמיש איז געווען צו זען אַזויפיל באַקאַנטע און פריינט אין זייערע נייע מלבושים! מאיר כ"ץ, אַ געזונטער, פעסט־געבויטער מאַן האָט באַקומען קינדערישע הויזן, און שטערן, אַ נידעריקער אויסגעדאַרטער ייִד — אַ רעקל פון אַ ריז.

האָט מען זיך גלייך אַן עצה געגעבן: אָרגאַניזירט אַן אויסטויש פון קליידער.

ווי שנעל מ'האָט זיך צוגעפּאַסט צום ניי־געשאַפענעם מצב...

איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויפן פאָטער און פאַרפינצטערט — צום טויזנטסטן מאָל — איז מיין וועלט געוואָרן: ער האָט זיך אַזוי געענדערט, מיין פאָטער! במשך געציילטע שעהן האָט זיין פּנים פאַרלוירן פאַרב און אויסדרוק. זיינע אויגן זענען געוואָרן טונקעלער, פאַרשטיינערטער, אַנטשלאָסענער. איך האָב געוואָלט אים עפּעס זאָגן, אָבער נישט געוווסט וואָס, און וואָלט איך עס יאָ געוווסט וואָלט איך נישט געוווסט: ווי אַזוי?

די לעצטע רעשטלעך פון דער נאַכט זענען פאַרשוווּנדן. אָט, דער מאָרגנשטערן אין מזרח. קיינמאָל וואָלט איך נישט געדאַרפט זאָגן —

מער ווי איצט — בכוונה, די תפילה פון אויפשטיין: מודה אני לפניך מלך חי וקיים שהחזרת בי את נשמתי בחמלה רבה.

באַלד וועט די זון אויפשיינען. באַלד וועלן אירע וואַרעמע שטראַלן אַריינדרינגען מיט כח אין בירקענאַו און פאַרפולן מיט בענקשאַפט די הערצער פון טויזנטער געפּייניקטע. דער ערשטער טאָג פון בירקענאַו דערנענטערט זיך מיט חיהשע טריט. אין האַרצן, אויף דער נשמה איז אַזוי קאַלט, אַזוי קאַלט...

אין דער לעצטער נאַכט בין איך געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. שוין נישט מער דאָס וואָס איך בין אַמאָל געווען. דער ישיבה־בחור, דאָס קינד אין מיר — איז פאַרברענט געוואָרן. געבליבן איז עמעצער וואָס איז ענלעך בלויז צו מיר, אָבער וואָס האָט נישט קיין שום שייכות מיט מיין עבר. אַ שוואַרץ פייער האָט זיך אַריינגעריסן אין מיין נשמה און זי פאַרטיליקט.

עס זענען געווען אַרום מיר אַזויפיל נייע זאַכן, וועלכע האָבן באַדאַרפט דערוועקן נייגיר, אָבער איך בין נישט געווען נייגעריק. אַלץ האָט געשיינט מיטאַמאָל צו זיין אַזוי נאַטירלעך. אַלץ: דער קוימען פון וועלכן אַ שוואַרצער רויך האָט זיך געשלענגלט צום הימל, דער אינהאַלט פון רויך — וועמענס קערפּערס??? — די העפטלינגען, די זון און מיר אַליין.

אַזויפיל געשעענישן האָבן זיך אָפּגעשפּילט במשך די לעצטע פּאָר שעה, אַז מיר האָבן פאַרלוירן דעם חוש פון צייט, פון דויער.

ווען האָבן מיר פאַרלאָזט די היים? און דעם געטאָ? און דעם צוג? בלויז אַ וואָך? נישט מער? בלויז איין נאַכט — איין נאַכט?

אומגלויבלעך.

ווען זענען מיר אָנגעקומען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, אין דער אין־סופיקער וועלט פון עלעקטרישע דראָטן? נעכטן?! בלויז מיט איין מעת־לעת צוריק?

אומפאַרשטענדלעך.

זייט ווען שטייען מיר דאָ, אָט אַזוי, אין ווינט, פאַרן מאַגאַזין־באַראַק? אַ שעה? סתם אַ שעה? זעכציק מינוט?

מיר לעבן אויסער דער צייט. צייט איז אַ באַגריף פאַר נאָרמאַלע

מענטשן, פאַר פרייע מענטשן. מיר זענען נישט פריי און אפשר אויך שוין נישט נאָרמאַל.

דערוועקט זיך פונדאָסניי די אַלטע כשוף־מחשבה: און אפשר איז עס פאַקטיש אַ חלום? איז דאָך אויך אַ חלום אויסער דער צייט?

ניין, דאָס איז ווייט געווען פון צו זיין אַ חלום.

* * *

נישט ווייט פון אונדז האָבן העפטלינגען געאַרבעט.

אייניקע האָבן געגראָבן גריבער, אַנדערע האָבן געשלעפּט זאַמד אָדער געפירט גרויסע קעסלען מיט שוואַרצע קאַווע. קיינער פון זיי האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אונדז. טרוקענעביימער אין האַרץ פון אַ וויסטן מדבר זענען מיר געווען. אָן לעבן, אָן חשק צו לעבן. הינטער מיר האָבן מענטשן זיך געשושקעט. האָט מיך אַפילו נישט אינטערעסירט צו הערן וואָס זיי רעדן, ווער עס רעדט און וועגן וואָס זיי רעדן. וואָס איז די נפקא־מינא?

הויך רעדן האָט קיינער נישט געוואַגט. כאָטש קיין שום מערדעריש געשטאַלט איז נישט געשטאַנען אין דער נאָענט. סתם — געשושקעט זיך. אפשר האָט מען בכלל נישט געקענט רעדן הויך? צוליבן רויך, צוליבן געדיכטן רויך, וואָס האָט אַזוי געשטיקט, געוואָרגן אין האַלדז...

נאָך אַ געוויסער צייט האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ פרישן באַראַק — ערגעץ־ווו — אין ציגיינער־לאַגער און אונדז אויסגעשטעלט אין רייען, צו פינף.

— נישט רירן זיך פון אָרט! — איז דער באַפעל געווען.

קיין פּאַדלאָגע איז אין באַראַק נישט געווען. בלויז אַ דאַך און פיר ווענט. מער גאָרנישט. די פיס זענען איינגעזונקען אין בלאָטע. ניין, נישט אין בלאָטע זענען זיי איינגעזונקען, נאָר אין אַ שמוציקן זומפּ.

מען וואַרט. מען רירט זיך נישט פון אָרט. קיין זייגער האָבן מיר נישט פאַרמאָגט. ווי שפּעט איז? אוממעגלעך צו דערגיין. אָבער וועמען אינטערעסירט עס בכלל?

פון צופיל שטיין ווערט מען מיד. אַ פּאָר „גבורים" פֿאַלן ממש פון די פיס און זעצן זיך אַוועק אין דער בלאָטע. דער עולם בייזערט זיך:

— צי זענט איר משוגע געוואָרן? מ׳האָט געהייסן שטיין, מוזט איר דווקא זיצן? איר ווילט טאַקע ברענגען אומגליקן אויף אונדזערע קעפּ?

קאָמישע ווערטער. גלייך מ׳האָט נישט געבראַכט אויף אונדז אַלע אומגליקן פון דער וועלט!

ביסלעכווייז ווערט מען מוטיקער, ווייל — מידער. באַלד זענען מיר שוין אַלע געזעסן אין בלאָטע. בלויז ווען עמעצער פלעג אַריינקומען אין באַראַק זענען מיר 'אויפגעשפּרונגען פון אָרט און געפּרוווט שטיין אין דער ריי.

דער רעזולטאַט: מ׳האָט איטלעכע פּאָר מינוט געמוזט אויפשפּרינגען, ווייל איטלעכע פּאָר מינוט איז אַריינגעקומען אַ נייער העפטלינג. געקומען זענען זיי בכדי צו קאָנטראָלירן, אויב עמעצער פון אונדז פאַרמאָגט נישט אַ פּאָר שיינע שיך. אויב יאָ, פלעגט ער מוזן זיי אַוועקשענקען פאַרן העפטלינג און בלייבן באָרוועס. אַקעגנשטעלן זיך האָט נישט געהאָלפן. פאַרקערט: אייניקע פון אונדז האָבן געפּרוווט זאָגן ניין — האָבן זיי באַקומען קלינגענדיקע פּעטש און צום סוף סיי ווי סיי פאַרלוירן זייער איינציקן אוצר.

מיינע שיך זענען געווען שפּאָגל־ניי. אָבער אַ דאַנק דער בלאָטע האָט זיי קיינער נישט באַמערקט. האָב איך געמאַכט אַ ספּעציעלע 'ברכה, וואָס גאָט האָט אויך בלאָטע באַשאַפן אין זיין גרויסער, געטלעכער וועלט.

אין דאָזיקן באַראַק בין איך צום 'ערשטן מאָל אין מיין לעבן געשלאָפן שטייענדיק. אַזוי ווי איר הערט: די אויגן האָבן געצויגן צו דער ערד, מיד בין איך געווען — האָט מיך גאָרנישט געאַרט און בין אַנדרימלט געוואָרן — שטייענדיק. געשלאָפן, שטייענדיק.

עס רעדט זיך אַזוי: געשלאָפן שטייענדיק. איך שרייב די אַ, ווערטער און דערמאָן זיך, אַז היינט צו טאָג קלינגט עס אַזוי משונהדיק, אַזוי נישט־אמתדיק פאַר מיינע אויערן... אַפילו איך 'אַליין — וואָס האָב דאָס אַלץ איבערגעלעבט — קען עס נישט מער באַגרייפן... וואָסזשע זאָלט איר, טייערע לייענער, זאָגן? איר, וואָס האָט אפשר געהאַט דאָס גליק נישט

אַדורכצומאַכן וואָס איך און הונדערטער טויזנטער אַנדערע האָבן דורכגעמאַכט?

איך בין געשלאָפן שטייענדיק. פאַרמאַכט די אויגן אויף אַ רגע, דאַן ווידער געעפנט זיי. און אין צווישן געחלומט, אויסגעחלומט אַ וועלט. געחלומט לאַנגע, פּרעכטיקע חלומות, וועגן אַ ווייך בעט, וועגן אַ צאַרטן גלעט פון דער מאַמעס האַנט. דאַן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט: איך שטיי אין בלאָטע.

איך האָב געחלומט, אַז דאָס אַלץ איז נישט מער און נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ חלום. דאַן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט: ס׳איז נישט קיין קיין חלום.ווירקלעכקייט.

פלוצים איז די שטילקייט אין באַראַק נאָך שטילער געוואָרן. אַ הויכער, שוואַרצער ס. ס.־אָפיציר איז אַריינגעקומען. מיט אים — דער ריח פון מלאך־המות. אַלע בליקן הענגען אויף זיינע פליישיקע ליפּן. ער איז שטיין געבליבן אינמיטן באַראַק און געהאַלטן אַ רעדע:

— איר געפינט אייך אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. אין אוישוויץ...

פּאַוזע. דער רעדנער האָט געוואַרט אויפן עפעקט פון זיין הקדמה. נישט ווילנדיק האָט מען אים בעסער באַטראַכט, דעם רעדנער. און זיין פּנים איז געבליבן אין מיין זכרון ביזן היינטיקן טאָג. אַ הויכער מאַן אין די דרייסיקער יאָרן. אכזריותדיקע ליפּן. אויגן וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט תאווה פון מאָרד. ער האָט געקוקט אויף אונדז, ווי אויף אַ מחנה קראַנקע הינט, וועלכע קלאַמערן זיך אָן לעבן, ווי צו אַ פּייער־פונק וואָס האַלט זיך אין פאַרלעשן.

— געדענקט דאָס! — זאָגט ווייטער דער שליח פון טויט — געדענקט דאָס תמיד, קריצט עס גוט איין אין זכרון. איר זענט אין אוישוויץ. און אוישוויץ איז נישט קיין דערהאָלונגס־־אָרט. דאָס איז אַ קאַצעט. דאָ מוזט איר אַרבעטן. אַנדערש — גייט איר גלייך אין קוימען. אין קרעמאַטאָריע. אַרבעטן אָדער אין קוימען — די ברירה ליגט ביי אייך אין די הענט.

כאָטש מיר האָבן זיך שוין גענוג אָנגעהערט און אָנגעזען במשך דער לעצטער נאַכט, כאָטש מיר האָבן געמיינט, אַז מער קען מען נישט דערוועקן קיין מורא ביי אונדז, האָבן דאָך זיינע טרוקענע, קאַלטע רייד

אונדז אויפגעטרייסלט. דאָס וואָרט „קוימען" איז נישט געווען דאָ אַ ליידיק וואָרט: עס האָט געשוועבט אין דער לופט, צוזאַמען מיטן רויך. עס האָט געהאַט אַ רעאַלן, טראַגישן זין.

אוישוויץ איז נישט קיין קור־אָרט, נאָר אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אַ ריזיקע פאַבריק, אַ מאָרד־אינדוסטריע. דער רוי־מאַטעריאַל? מיר! מיר זענען עס דער רוי־מאַטעריאַל. מיר, אונדזער בלוט, אונדזער פלייש.

און דער אינדוסטריעלער? אָט, שטייט ער פאַר אונדז, געקליידט אין שוואַרצן, די פאַרב פון טויט.

דער אָפיציר האָט פאַרלאָזט דעם באַראַק. גלייך דערנאָך האָבן זיך באַוויזן קאַפּאָס וועלכע האָבן געשריגן ווי פאַרשכורטע טייוואָלאָנים:

— אַלע ספּעציאַליסטן — איינטרעטן!

שלאָסערס, טישלערס, עלעקטריציסטן, זייגערמאַכערס...

נישט אַלע ספּעציאַליסטן זענען אַרויסגעטראָטן. בעסער געוואָלט בלייבן מיט אונדז. מיטן כלל. מורא געהאַט פאַר אייגענער איניציאַטיוו בעסער זיך לאָזן פירן, מיטשלעפּן מיטן שטראָם. זאָל דער גורל טון דאָס זייניקע.

מאָדנע: במשך געציילטע שעהן האָבן מיר זיך שוין אַדאַפּטירט צום לאַגער־לעבן; מענטשן וועלכע זענען נעכטן געווען אמתע מענטשן, מיט אַ כאַראַקטער, מיט אַ ווילן — זענען איצט אַלטע, אויסגעפּרוווטע לאַגער־ניקעס. זיי ווייסן שוין וואָס גוט איז און וואָס נישט, פון עקזיסטענץ־שטאַנדפּונקט אין לאַגער.

אַ סימן אַז דער כוח פון מענטשלעכן וועזן איז נישט אין דעם, וואָס ער איז פעיִק צו באַהערשן אַ ניי־געשאַפענעם מצב, נאָר אין זיין פעיִקייט זיך צו אים צוצופּאַסן, צו אַדאַפּטירן.

די ספּעציאַליסטן האָבן אונדז פאַרלאָזט. מיר זענען געבליבן אין באַראַק. נאָך אַ געוויסער צייט האָט מען אויך אונדז אַוועקגעפירט אין אַ... פרישן באַראַק, דאָס מאָל אַ שטיינערנעם. דאָרט האָבן מיר שוין באַקומען די רעכט צו זיצן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע. אַ שוואַרץ־געקליידטער ציגיינער האָט אונדז געהיט.

מיטאַמאָל האָט מיין פאָטער באַקומען בויך־ווייטיקן.

זיינע אויגן זוכן אַ טואַלעט־צימער. נישטאָ. בלית־ברירה שטייט ער אויף, מיין פאָטער, און גייט צו צום ציגיינער און פרעגט אים העפלעך (אויף דייטש):

— אַנטשולדיקן זי מיר ביטע... קענען זי מיר ציינגן דעם וועג צום טואַלעט־צימער?

דער ציגיינער האָט אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם. במשך אַ גאַנצער לאַנגער מינוט האָט ער אים בלויז אָנגעקוקט. באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז פיס, גלייך ער האָט געוואָלט זען, צי דער מאַן וואָס רעדט צו אים איז טאַקע אַ בשר ודם, אַ רעאַלער מענטש מיט אַ קערפּער און מיט אַ בויך. דאַן — ווי ער וואָלט זיך פון אַ לעטאַרגישן שלאָף אויפגעוועקט — האָט ער אַראָפּגעלאָזט מיין פאָטער אַ הילכיקן פּאַטש, וואָס האָט אָפּגעהילכט ווי אַ טרוקענער ביקסן־שאָס אין באַראַק. דער טאַטע איז געפאַלן צו דער ערד און קריכנדיק אויף אַלע פיר איז ער צוריקגעקומען צו זיין פריִערדיק אָרט.

— באַרבאַרן!... באַרבאַרן!... — האָט ער געמורמלט.

איך בין געבליבן ווי פאַרשטיינערט. איך האָב זיך אַליין נישט פאַרשטאַנען. וואָס איז מיט מיר געשען? אָט האָט מען געשלאָגן מיין אייגענעם טאַטע — פאַר מיינע אויגן — און איך האָב אַפילו נישט רעאַגירט! איך בין נישט אויפגעשפּרונגען פון אָרט און נישט געלאָפן אים צו הילף! איך האָב זיך צוגעקוקט און — געשוויגן! וואָלט עס געשען אין נאָרמאַלע אומשטענדן, וואָלט איך זיך געוואָרפן מיט די נעגל אויפן שלעגערישן רוצח. און דאָ — בין איך געבליבן קאַלט. קערפּערלעך גלייכגילטיק. צי האָב איך זיך אַזוי שנעל געענדערט?

אַ טיפער בושה־געפיל האָט מיך אָנגעהויבן פּייניקן. איך האָב זיך געטראַכט: קיינמאָל וועל איך זיך עס נישט מוחל זיין.

דעמאָלט האָב איך נאָך נישט געוווסט צו וואָס אַ מענטש איז פעיִק אונטערן דרוק פון אומשטענדן...

מיין פאָטער האָט אוודאי פאַרשטאַנען מיין צער, ווייל ער האָט מיר געשושקעט אין אויער אַריין:

— עס טוט מיר... נישט וויי!

און זיין[1] באַק האָט געפלאַמט, גלייך די פלאַמען פון בירקענאַו וואָלטן זיך אין איר אָפגעשפיגלט.

מחשבות — פאַרנעפלטע, פאַרוואָגלטע — אין אַנגעוויטיקטן, פאַרמאַטערטן מוח: אָט בין איך אין אוישוויץ, אין בירקענאַו. אין אַ פרעמדער, פינטלעכער וועלט; אין אַ וועלט ווי ס'איז נישטאָ קיין געטריישאַפט פון קינד צום פאָטער; אין אַ וועלט ווו די האַנט, דער פוס, דאָס מויל האָבן קיין שליטה נישט. בלויז די אויגן ווייסן ווי אַזוי צו זען. זיי קען מען נישט פאַרמאַכן. אָבער אויך אין זיי איז אַן ענדערונג פאַרגעקומען. זיי קוקן און זען נישט. ווי די אויגן פון אַ מת: זיי קוקן און זעען נישט.

מיר זיצן אויף דער פאַדלאָגע און וואַרטן פונדאַסניי. אויף וואָס? אויף וועמען? ביז ווען? דאָס איז דער סוד פון עתיד. מען וואַרט. אין צווישן איז דאָס האַרץ מיד געוואָרן קלאַפנדיק, די אויגן מיד געוואָרן קוקנדיק און די נשמה — די נשמה איז מיד געוואָרן צאַפלענדיק...

* * *

— אַרויס!

צען שוואַרץ־געקליידטע ציגיינערס קומען צוהילף אונדזער שומר. עלף קאַנטשיקעס אָדער שטעקנס הייבן זיך אין דער לופט. די פיס לויפן, אַנטלויפן. דער גוף פרוווט זיך אויסבאַהאַלטן פון קלעפ — הינטער אַנדערע קערפערס.

ווידער אויפן הויף. אויפן בלויען ריינגעוואַשענעם הימל — אַ פרייִלינגס־זון. צאַרטע, גלעטנדיקע שטראַלן. איניקע גנבענען זיך אַפילו אַרויף אויפן פנים.

— איינטרעטן! צו פינף!

עס גייט נישט צו גלאַט. קרובים און פריינט ווילן זיין צוזאַמען אין דער זעלבער ריי. קאָמפליקאַציעס. די שטעקנס פאָכען. צעבלוטיקטע קעפ. נישט ווייט פון אונדז אַרבעטן נאָך אַלץ די העפטלינגען, וועלכע איך האָב אין דער פרי געזען.

נישטאָ קיין שומר נעבן זיי. קיינער האַלט נישט קיין בייטש הינטער זייער רוקן. פונדעסטוועגן אַרבעטן זיי מיט אַלע כוחות. אַ וואונדער? דאָ שטייט מען אין שאָטן פון קוימען...

ווי האָט געזאָגט דער שוואַרצער ס. ס.־אָפיציר אין בלאָטיקן באַראַק? „אַרבעטן אָדער אין קוימען!“. אָט איז די אַלטערנאַטיווע.

עס ווילט זיך ווידעראַמאָל איינדרימלען. אונטער דער זון שטייגט די מידקייט. אַלץ ווערט ליידיק. דער קאָפ, דער מוח. אַלץ. איך פרווו פונדאַסניי זיך לאָזן וויגן דורך די כוואַליעס פון חלום. איך פאַרמאַך די אויגן. זאָלן זיי מיך פאַרפירן, די כוואַליעס, ערגעץ ווו, ווייט, ווייט...

— קום, מיין זון!

דער פאָטער ציט מיך ביים אַרבל. מ'הייבט אָן גיין. ענדלעך! ווו גייט מען?

טויערן עפענען זיך, שליסן זיך. אַ סך טויערן. מיר גייען נאָך אַלץ צווישן עלעקטרישע שטעכל־דראָטן. יעדע פאָר מעטער — אַ ווייסע טאָוול, פון וועלכן אַ טויטן־קאָפ קוקט צו אונדז אַראָפ. אונטער אים, אַן אויפשריפט: אַכטונג! טויט געפאַר!

הערט אַ שפאַס! בלויז דאָרט, נעבן די דראָטן איז פאַראַן טויט־געפאַר! און ערגעץ אַנדערש? צי איז דען פאַראַן אַן אָרט אין בירקענאַו, אין אוישוויץ ווו טויט־געפאַר זאָל נישט לויערן אויף אונדז?

די ציגיינער שטעלן זיך אָפ, בלייבן נעבן אַ באַראַק. אויף זייער אָרט באַווייזן זיך ס. ס.־מענער, וועלכע רינגלען אונדז אַרום. רעוואָלווערן, מאַשין־געווער, פאָליציי־הינט.

דער מאַרש האָט געדויערט אַ האַלבע שעה. דאַן האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז פאַראַן אַ סוף צו די עלעקטרישע צוימען: זיי זענען פאַרשוונדן.

בירקענאַו איז געבליבן הינטער אונדז.

אַ שיינער אַפריל־טאָג איז עס געווען. אַ פרילינגס־ריח אין דער לופט. די זון האָט געהאַלטן אַ קורצע פויזע, איידער זי גייט זיך לייגן אין מערב־זייט. אַ ראָמאַנטישע שקיעה. קיינמאָל איז נאָך די זון אַזוי קאַלט נישט געווען צו אונדז, קיינמאָל איז נאָך דער הימל אַזוי ווייט נישט געווען פון אונדז, ווי אין דאָזיקן טאָג. נישטאָ מער קיין גאָט אין הימל, האָט געשעפטשעט דער ווינט פון האַרץ. נישטאָ מער קיין גאָט אין הימל און נישטאָ מער קיין מענטש אויף דער ערד. דער באַשאַף — אין צווייען זיך געשפאָלטן: אין מלאכי־מות און אין מתים.

בין־השמשות. דער אייביקער קאַמף צווישן טאָג און נאַכט, צווישן ליכט און שאָטן. דאָסמאָל האָט די נאַכט געזיגט אָן שום אָנשטרענגונגען.

נאָך אַ פּאָר צענדליק מינוט און דאָס אויג כאַפּט אויף פונדאַסניי עלעקטרישע צוימען. אַ לאַגער. אַ פרישער לאַגער. אָט, דער אייזערנער טויער. אַן אויפשריפט הענגט אויף אים: אַרבעט מאַכט פריי!

דער לאַגער שטייט, הייסט עס, אונטערן צייכן פון איראָניע. אוישוויץ.

דער ערשטער איינדרוק: בעסער ווי בירקענאַו. שטיינערנע צוויי־שטאָקיקע בנינים אָנשטאָט די בירקענאַוער האָלץ־באַראַקן. דאָ און דאָרט סימנים פון אַ גערטנדל.

מ׳פירט אונדז צו אַ געוויסן באַראַק (אויפן היגן לשון: בלאָק) און מ׳הייסט וואַרטן. האָבן מיר זיך אַוועקגעלייגט אויף דער שוואַרצער ערד און געוואַרט.

צייטנווייז איז אַרויסגעקומען אַ העפטלינג און אַריינגערופן איניקע פון אונדז. זיי זענען פון בלאָק מער נישט אַרויסגעקומען.

אַ מינוט פון פחד. דאַן — באַרויִקט זיך. מיר זענען געלעגן פאַר דער באָד. די באָד איז געווען דער ערשטער אָנשטאַלט, מיט וועלכן מיר האָבן זיך באַקענט אין יעדן לאַגער. ווער עס האָט געטוישט דריי לאַגערן אַ טאָג, האָט געמוזט דריי מאָל דורכמאַכן די טבילה און די טוש־צערעמאָניע.

מיין פאָטער און איך האָבן באַשלאָסן פּטור צו ווערן פון באָד. אַריינגעקומען אין זאַל, זיך אויסגעטאָן נאַקעט, זיך געלאָזט אַריינפאַלן אין נאַפּטפאַס, אָפּגעוואַשן זיך. די קליידער האָבן מיר געלאָזט ביי דער טיר.

— איר וועט באַקומען אַנדערע! — האָט מען אונדז געזאָגט.

נאַקעט האָט מען אונדז אַרויסגעטריבן אויפן הויף. פון אונטערן הייסן וואַסער אין קאַלטן אָוונט! איך בין דערשטוינט געווען: ווי איז עס מעגלעך, אַז איך זאָל נאָך נישט האָבן באַקומען אַ לונגען־אַנטצינדונג? מסתמא ווערט אין לאַגער יעדער מענטש צענפאַכיק שטאַרק און ווידערשטאַנד־פעיִק.

שוין שפּעט אין אָוונט געווען. אַ ווינטל האָט זיך צעבלאָזן און אַריינגעדרונגען מיט פראָסט אין קערפּער, אין די ביינער. די ערשטע נאַכט

פון אוישוויץ האָט געעפנט פאַר אונדז איר טויער, הינטער וועלכן ס׳האָבן געוואַרט אויף אונדז אומזיכערקייט און יאוש.

***

אַרום צוועלף אַזייגער ביינאַכט: מ׳הייסט לויפן.

— שנעלער! שנעלער! — רופן איניקע אויפזעערס — לויפט שנעלער וועט איר שנעלער גיין שלאָפן! לויפט!

געלאָפן אַ פאָר מינוט און דאַן אָנגעקומען אין קאָרידאָר פון אַ בלאָק. דאָרט האָט אויף אונדז געוואַרט דער בלאָק־עלטסטער. אַ יונגער פּאָליאַק. אַ סימפּאַטיש, ענערגיש פּנים. אָפענע קלאָרע אויגן. אַ גוטסקייט־שמייכל אַרום די ליפּן. ער האָט פאַר אונדז געהאַלטן אַ רעדע. און מיר האָבן זיך צו איר צוגעהערט. טראָץ דער איבערמענטשלעכער מידקייט וואָס האָט אונדז באַהערשט. מיר הערן תמיד דאָס, וואָס ס׳איז אָנגענעם צו הערן.

דער בלאָק־עלטסטער האָט געזאָגט:

— קאַמעראַדן! איר געפינט אייך אין אוישוויץ. אין קאַצעט. אַ לאַנגער יסורים־וועג וואַרט אויף אייך. סכנות, ליידן, פחד אויף יעדן טריט און שריט. אָבער — פאַרלירט נישט אייער מוט. די גרעסטע סכנה האָט איר שוין גובר געווען: די סעלעקציע. איצט זאַמלט כוחות, האָט קוראַזש. מיר וועלן אַלע נאָך זוכה־זיין צו זען די זון פון פרייהייט. דעריבער — בטחון! בטחון, בטחון און טויזנט מאָל בטחון! פאַרטרייבט דעם יאוש פון אייך און איר האָט דעם טויט פאַרטריבן. דער גיהנום דויערט נישט אייביק... און איצט — אַ בקשה צו אייך. אַ בקשה וואָס איז אייגנטלעך אַן עצה: זאָל הערשן צווישן אייך אַ גייסט פון פריינדשאַפט, פון חברישקייט. מיר זענען אַלע ברידער. איבער אונדזערע קעפּ — דער זעלבער גורל. דער זעלבער רויך. דערפאַר: העלפט איינער דעם אַנדערן און — נישט פאַרקערט! נאָר אַזוי זענען פאַראַן אויסזיכטן צו איבערלעבן דעם קאַשמאַר. גוט. גענוג גערעדט. איר זענט מיד. הערט־זשע: איר געפינט אייך אין בלאָק 17. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָרדענונג דאָ. יעדער קען קומען צו מיר און דערציילן, אויב עמעצער טוט אים עפּעס שלעכטס. דאָס איז אַלץ. איצט גייט שלאָפן. צוויי מאַן אין אַ בעט. אַ גוטע נאַכט!

די ערשטע מענטשלעכע ווערטער אין אַן אוממענטשלעכער וועלט. איך וועל זיי געדענקען.

מיר זענען אַריינגעלאָפן אין שלאָף־זאַל, אַרויפגעשפּרונגען אויף די האָלצערנע בעטלעך און באַלד איז אויך אונדז געפאַלן אַ שווערער, טיפער שלאָף.

ווען מ׳האָט אונדז צומאָרגנס אויפגעוועקט, האָבן מיר זוכה געווען צו אַ קאָרעקטער באַציִונג מצד די שטובנעלטסטע. אַזאַ איז געווען דער באַפעל פון סימפּאַטישן בלאָק־עלטסטן: היות מיר זענען נאָך גרינע, דאַרף מען אונדז פאַמעלעך, עטאַפּנווייז צופּאַסן צו דער שוואַרצערווירקלעכקייט, נישט מיטאַמאָל!

מיר זענען געגאַנגען אין וואַש־זאַל, זיך אָפּוואַשן, דאַן האָט מען אונדז פאַרטיילט נייע קליידער. שפּעטער — שוואַרצע קאַפּע, אַנשטאַט פרישטיק. אַרום צען אַ זייגער האָבן מיר געדאַרפט פאַרלאָזן דעם בלאָק. אַרויסגיין אויפן הויף. מ׳מוז וואַשן, ריין מאַכן דעם בלאָק.

אין דרויסן האָט די זון געשיינט. די שטימונג — אַ בעסערע. נישט געווען אַזוי מיד ווי נעכטן. די ווירקונג פון אַ טיפן שלאָף. באַקאַנטע האָבן זיך באַגעגנט. מ׳האָט גערעדט. וועגן אַלץ, וועגן אַלעמען. נאָר נישט וועגן אונדזערע נאָענטע — וועמענס געשטאַלטן ס׳האָבן געשוועבט פאַר די אויגן.

עפּעס אַ נישט אַרויסגעזאָגטער הסכם איז צווישן אונדז געשלאָסן געוואָרן: נישט דערמאָנען די וועלכע זענען דורכן ווינט צעשפּרייט געוואָרן.

האָט מען געפּלאַפּלט וועגן דער מלחמה, וועגן דער רוסישער אָפּענסיווע. די אַלגעמיינע מיינונג: די מלחמה וועט זיך אָט אָט פאַרענדיקן.

די פרילינגס־זון האָט צוריקבאַקומען איר וואַרעמקייט. אַ תענוג געווען צו זיצן אויף דער ערד, סתם אַזוי, אָן באַשעפטיקונג, אָן דאגות (אָן דאגות...).

אַרום צוועלף אַ זייגער האָט מען אונדז געבראַכט זופּ. יעדער באַקומט אַ שיסל געדיכטע זופּ. כאָטש איך האָב געפילט ווי דער מאָגן רייסט פון מיר שטיקער, האָב איך זיך נישט געקענט צורירן צו איר. דער

אַמאַליקער מפונק האָט זיך נאָך נישט אונטערגעגעבן. דער פאָטער האָט אויפגעגעסן אויך מיין פּאָרציע:

— מ׳מוז זאַמלען כוחות, מיין זון!

נאָכמיטיק האָבן מיר זיך צוגעלייגט שלאָפן אויף דער ערד, אין שאָטן פון בלאָק. דער שוואַרצער ס. ס.־אָפיציר פון בלאָטע־באַראַק אין בירקענאַו האָט, זעט אויס, ליגן געזאָגט: אוישוויץ איז יאָ אַ קוראָרט...

אַרום פיר אַ זייגער האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אין איין ריי. דריי אַלטע העפטלינגען האָבן געבראַכט אַ טיש און מעדיצינישע אינסטרומענטן. יעדער האָט געמוזט אַרויפשאַרן דעם לינקן אַרבל, אידער ער איז צוגעקומען צום טיש: נומערן! די דריי העפטלינגען האָבן געהאַלטן נאָדלען אין האַנט, זיי איינגעטונקען אין שוואַרצן טינט און טאַטויִרט נומערן אויף אונדזער לינקער האַנט.

מיין נומער: אַ־7713.

געענדיקט! פון איצט אָן האָב איך נישט קיין נאָמען. דער נאָמען איז געווען די לעצטע בריק צווישן אַמאָליקן און היינטיקן לעבן. איצט איז אויך די אַ, בריק צעשטערט געוואָרן. אַ נומער בין איך. לויטן נומער וועל איך באַקומען עסן, קליידער, לויטן נומער וועל איך זיין געצוווּנגען צו גיין אַרבעטן, לויטן נומער וועל איך זיך דערווערבן די רעכט צו לעבן.

אין אָוונט: אַן אַפּעל. די אַרבעט־קאָמאַנדאָס זענען צוריקגעקומען פון זייערע אַרבעטס־ערטער. נעבן טויער האָט דער לאַגער־אָרקעסטער געשפּילט מיליטערישע מאַרשן. אַפּעל. צענדליקער טויזנטער העפטלינגען האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען, בלאָקנווייז. ס. ס.־מענער האָבן געציילט, קאָנטראָלירט, צי ס׳פעלט חלילה קיינער נישט.

דאַן — נאָכן פאַרענדיקן פון אַפּעל — האָבן בלאָקן זיך צוזאַמענגעגאָסן און העפטלינגען האָבן געזוכט באַקאַנטע און אויספרעגן וועגן אוישוויצער לעבן.

די טעג זענען נאָרמאַליזירט געוואָרן. אין דער פרי: קאַפּע. צוועלף אַ זייגער: זופּ. (אגב: אויפן דריטן טאָג האָב איך שוין געגעסן מיט אַפּעטיט אַלע זופּן!). זעקס אַ זייגער: אַפּעל. דערנאָך: ברויט מיט צולאָגע. ניין אַ זייגער: שלאָפן.

גרויע, פּוסטע טעג. לאַנגע, טרוימלאָזע, שכּחהדיקע נעכט.

מיר זעען שוין געווען אַ וואָך אין אוישוויץ, ווען אַן אויסטערלישער פּאַל איז פּאָרגעקומען.

געווען איז עס בשעתן אַפּעל. מיר זענען געשטאַנען אין דער ריי פאַר אונדזער בלאָק. דער ס. ס.־מאַן האָט אונדז שוין אָפּגעציילט און דעריבער האָבן מיר געוואָרט דער גלאָק זאָל זיך צעקלונגען, כדי מיר זאָלן מעגן גיין באַקומען אָונט־ברויט.

פלוצים הערן מיר ווי עמיצער פרעגט זיך נאָך:

— ווער איז צווישן אייך וויזל פון סיגעט? וויזל פון סיגעט?

דער וואָס האָט זיך אויף אונדז נאָכגעפרעגט איז געווען אַ נידעריקער מאַן, מיט ברילן, אַ פאַרקנייטשט אַלט פּנים. מיין פאָטער ענטפערט:

— איך בין וויזל, פון סיגעט.

דער נידעריקער מאַן ווערט אַנטשוויגן. ער באַטראַכט דעם טאַטן און אַ פונק פון צער צעגליט זיך אין זיינע אויגן:

— איר דערקענט מיך נישט... איר קענט מיך נישט... איך בין אייערס אַ קרוב. שטיין! שוין פאַרגעסן? שטיין! שטיין פון אַנטווערפּן! רייזלס מאַן! אייער פרוי איז געווען רייזלס טאַנטע... זי פלעגט אונדז אָפּט שרייבן... הערלעכע בריוו געווען!

מיין פאָטער האָט נישט געדענקט, ווייל ער איז געווען תמיד מער פאַרטון אין קהלישע ענינים ווי אין משפּחה־זאַכן. איך גערענק: אַ קוזינקע — דבורה האָט זי געהייסן — איז אַמאָל געקומען צו אונדז קיין סיגעט, געווינט ביי אונדז. געגעסן ביים טיש צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפּחה. צוויי וואָכן איז זי שוין געווען אין שטוב, ווען דער פאָטער האָט זי ערשט באַמערקט: „ווער איז דאָס שיינע מיידל ביים טיש?״ — האָט ער געפרעגט מיין מוטער.

ניין, מיין פאָטער האָט נישט געקענט געדענקען שטיינען. איך האָב יאָ זיך דערמאָנט. איך האָב געקענט רייזלען, אײדער זי איז געפאָרן קיין בעלגיע. אַ וווּנדערשיינע, שלאַנקע פרוי געווען. שטיין דערציילט:

— מיך האָט מען דעפּאָרטירט אין 1942. גלייך פון אַנטווערפּן. איצט האָב איך געהערט, אַז מ׳האָט געבראַכט ייִדן פון אייער סביבה, האָב איך זיך געטראַכט: איך וועל פּרוּוון אייך געפינען. אפשר וועט איר מיר קענען

עפּעס דערציילן וועגן רייזלען, וועגן מיינע צוויי ייִנגלעך, וואָס זענען פאַרבליבן אין אַנטווערפּן...

איך האָב גאָרנישט געוווּסט וועגן זיי. זייט 1940 האָט די מוטער קיין איין בריוו נישט באַקומען פון רייזלען. פונדעסטוועגן — האָב איך באַשלאָסן ליגן צו זאָגן און איך בין זיך בכלל נישט מצער, וואָס איך האָב דעמאָלט ליגן געזאָגט:

— מאַך דיר נישט קיין איבעריקע זאָרגן. האָב איך זיך געווענדט צום קרוב. מיין מאַמע האָט באַקומען בריוו פון אַנטווערפּן. רייזל איז געזונט. די קינדער אויך...

שטיין האָט געוויינט פאַר פריד. ער האָט נאָך געוואָלט בלייבן לענגער מיט אונדז, זיך אויסשמועסן, אָנזעטיקן זיך מיט מיינע גוטע ידיעות, אָבער — אַ ס. ס.־מאַן האָט זיך דערנענטערט. שטיין האָט געמוזט אַנטלויפן. ער האָט אַ זאָג געטון, אַז מאָרגן וועט ער אונדז נאָכאַמאָל אויפזוכן און איז פאַרשווונדן.

ווי קליין, ווי ענג די קאָנצענטרירטע וועלט איז!

דער אַפּעל האָט זיך געענדיקט. דער גלאָק האָט געמאָלדן, אַז די רייען מעגן זיך צעפאַלן. מיר זענען געגאַנגען נעמען אָונט־ברויט. צולאָגע: מאָרגאַרין. איך בין הונגעריק געווען. די גאַנצע פאָרציע גלייך אויפן אָרט אויפגעגעסן. מיין פאָטער האָט געזאָגט:

— עס נישט אַלץ אויף מיטאַמאָל. אויך מאָרגן איז אַ טאָג...

און זעענדיק, אַז זיין עצה איז געקומען צו שפּעט, היות פון אָונטברויט איז מער קיין זכר נישט געבליבן, האָט ער זיין אייגענע פאָרציע אַריינגעלייגט אין קעשענע:

— איך האָב נישט קיין הונגער...

ער האָט זי געהאַלטן פאַר מיר.

***

אין אוישוויץ זענען מיר פאַרבליבן בערך דריי וואָכן. מיר האָבן גאָרנישט געהאַט און גאָרנישט געדאַרפט טון. זיך אַרומגעדרייט ליידיק. ניט געאַרבעט. אַ סך געשלאָפן, נאָכמיטאָג און ביינאַכט. צוליב פיזישע סיבות

(אַן אָפּגעשוואַכטער גוף פֿאָדערט מער שלאָף) און פּסיכישע סיבות (געפּרוווט אַנטלויפֿן פֿון דער ווירקלעכקייט).

געגעסן האָבן מיר ווייניק. גערעדט — אַ סך. געשוויגן — נאָך מער.

די איינציקע דאגה: זיך אַרויסדרייען פֿון טראַנספּאָרטן. בלייבן וואָס מער, וואָס לענגער אין אוישוויץ. אַ ביטערן נסיון געהאַט מיט טראַנספּאָרטן. דאָס וואָרט אַליין האָט אויף אונדז אַ מורא אָנגעוואָרפֿן. די בריק צווישן דער היים און לאַגער האָט זיך אויסגעדריקט אין איין איינציק וואָרט: טראַנספּאָרט. האָבן מיר זיך דערפֿאַר געקלאַמערט אין הוה. אין עקזיסטירנדיקן. אין דער סטאַטישער שעה. מורא געהאַט פֿאַר ענדערונגען, פֿאַר נײַקייט.

מיר האָבן נישט געוווסט, ווו מ'פֿירט די טראַנספּאָרטן. אפֿשר האָבן אויף זיי ליכטיקערע טעג געוואַרט? מעגלעך. אָבער — נישט וויכטיק. ס'האָט אונדז נישט געאַרט. מיר זענען דאָ, לאָמיר מיר פֿאַרבלייבן דאָ. פֿאָרן — בלויז אין לעצטן מאָמענט. ווען ס'וועט קיין ברירה מער נישט זײַן. אוישוויץ האָט נישט געשײַנט צו זײַן דער ערגסטער לאַגער אין יענע טעג.

זיך אַרויסדרייען פֿון טראַנספּאָרטן איז לײַכט אָנגעקומען. גענוג געווען נישט צו מעלדן זיך אַלס פֿאַכמאַן. פּשוטע אַרבעטער האָט מען געלאָזט צום סוף. נישט איך, נישט דער פֿאָטער זענען געווען פֿאַכמענער. זענען מיר פֿאַרבליבן ביזן סוף.

אין אָנהייב פֿון דער דריטער וואָך, איז אונדזער סימפּאַטישער בלאָק־עלטסטער אַראָפּגעזעצט געוואָרן פֿון זײַן פּאָסטן. צו מענטשלעך געווען צו די העפֿטלינגען...

אונדז — די אַלע פֿאַרבליבענע פֿון אונדזער טראַנספּאָרט — האָט מען איבערגעפֿירט אין אַ נײַעם בלאָק: 17־א. דאָ איז דער בלאָק־עלטסטער געווען אַ רשע און זײַנע געהילפֿן — ערגערע רשעים.

די גן־עדן־תּקופֿה האָט זיך געענדיקט. אין נײַעם בלאָק האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן: אפֿשר וואָלט געווען בעסער אָוועקצופֿאָרן אויף אַ טראַנספּאָרט?

שטײַן, דער אַנטוועדפּענער קרוב, פֿלעגט אונדז ווײַטער באַזוכן און צומאָל אויך מיטברענגען אַ האַלבע פּאָרציע ברויט:

— דאָס איז פֿאַר דיר, אליעזר!

דאָס ברויט פֿלעגט ער מיר ברענגען נישט דערפֿאַר, וואָס איך בין זײַן קרוב, נאָר דערפֿאַר וואָס איך האָב אים גוטע בשׂורות געבראַכט.

תּמיד, ווען ער פֿלעגט קומען האָבן טרערן זיך געגאָסן פֿון זײַנע מידע אויגן. ער איז געווען דער ערשטער מאַן, וועמען איך האָב געזען וויינען אין לאַגער. איך האָב קיינמאָל נישט באַוויזן צו וויינען. די טרערן זענען פֿאַרפֿרוירן געוואָרן, טראָפּנס אײַז.

שטײַן פֿלעג וואָרענען מײַן פֿאָטער:

— היט אָפּ דײַן זון. ער איז אַ שוואַכער, מאָגער, אויסגעדאַרט. היט אײַך בײדע פֿאַר סעלעקציעס. עסט! נישט וויכטיק וואָס און ווען! אַבי עסט! שוואַכע זענען נישט מאריך ימים!

און ער אַליין איז געווען אַזוי מאָגער, אַזוי אויסגעדאַרט...

— די איינציקע זאַך וואָס דערהאַלט מיך בײַם לעבן, פֿלעג ער זאָגן, איז דער געדאַנק, אַז רייזל לעבט, אַז די קינדערלעך לעבן. ווען נישט זיי וואָלט איך עס נישט אויסגעהאַלטן!

איינמאָל איז ער געקומען מיט אַ פֿריילעכער מינע:

— אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט יידן פֿון אַנטווערפּן, האָט ער אונדז געמאָלדן. איך דאַרף זיך מאָרגן טרעפֿן מיט באַקאַנטע פֿון דאָרט. מסתּמא וועלן זיי מיר געבן פֿרישע נײַעס וועגן דער היים...

דאַן איז ער אַוועק און מער האָבן מיר אים נישט געזען, פֿאַרשווּנדן געוואָרן.

האָב איך זיך דערמאָנט אין מײַן ליגן, אין די אַנטווערפּענער יידן וואָס זענען נאָר וואָס אָנגעקומען און איך האָב פֿאַרשטאַנען.

שטײַן האָט עס נישט אויסגעהאַלטן.

דער אמת האָט אים דערמאָרדעט.

* *

שטײַן איז געווען די איינציקע נײַע פֿאַרב אין אונדזער איינקלאַנגיק לעבן. ווען ער איז פֿאַרשוווּנדן, האָבן זיך צוריקגעקערט די אַלטע, פּוסטע טעג. צײַטנווײַז פֿלעגן מיר זיך פֿאַרזאַמלען אין בלאָק, אויף אַ פּאָר

בעטלעך און זינגען חסידישע לידער, אָדער חזנות: יאָסעלע ראָזענבלאַט, קוואַרטין, קוסעוויצקי. אָפּט פלעגן מיר אַפילו דאַווענען בציבור. עקיבא דרומער — אַ וויזשנעצער חסיד, אַ סיגעטער קרעמער, וואָס האָט תמיד זיין הויכן קאָפּ געהאַלטן אין די הימלען — פלעגט צעברעכן הערצער מיט זיין וויכער, זיידענער שטים און מעלאַנכאָלישן נוסח־התפילה.

פרומע ייִדן פלעגן רעדן וועגן גאָט, וועגן זיינע דרכים, וועגן עבירות פון ייִדישן פאָלק און וועגן אתחלתא דגאולה.

איך האָב אויפגעהערט דאַווענען. אויפגעהערט זיך ווענדן צו גאָט. ביז בין איך אויף אים געווען. ביז און איוביש אויפגעבראַכט.

געטראַכט האָב איך נאָך אַלץ ישיבה־בחוריש: אָדער גאָט איז נישט ראוי מיר זאָלן צו אים דאַווענען, אָדער ער האָט פאַרשטאָפּט זיינע אויערן צו אונדזערע תפילות.

אַן אפיקורס בין איך געוואָרן. נאָך אַלץ געגלייבט אין גאָטס־עקזיס־טענץ, אָבער דווקא דערפאַר האָב איך געצווייפלט אין זיין אַבסאָלוטער גערעכטיקייט.

עקיבא דרומער פלעג זאָגן:

— דאָס איז אַ נסיון. גאָט פּרוּווט אונדז אויס. ער וויל זען צי מיר וועלן גובר־זיין דעם יצר־הרע, דעם שטן. טאָרן מיר זיך נישט מייאש זיין. בטחון מוז מען האָבן. פאַרגעסט נישט: גאָט שטראָפט בלויז דעם וועמען ער האָט ליב. און אויב ער שטראָפט אונדז אַזוי שטאַרק, איז אַ סימן, אַז ער ליבט אונדז ביז־גאָר...

הערש גענאַד — אַ כוסטער ייִד, אַ האַלבער מקובל — פלעגט רעדן וועגן חבלי־משיח.

מ׳האָט נישט געגלייבט אין די אייגענע רייד.

סתם גערעדט.

אַמאָל אַמאָל האָט אַ מחשבה רעוואָלטירט, אַראָפּגעריסן פון זיך די צביעות־קייטן און אַרויסגעקומען אויף דער פריי:

— ווער ווייסט וואָס עס טוען איצט אונדזערע נאָענטע... די מאַמע, די שוועסטער, צפורהלע, די קליינע...

אין אַזאַ מאָמענט האָבן מיר געמאַכט געדאַנקען־אַקראָבאַטיק: יעדער האָט געזוכט אַ בעסער טרייסט־וואָרט, אַ מער אָפּטימיסטישע השערה. מיר

האָבן טאַקע נישט געגלייבט אין די אייגענע ווערטער, אָבער געטראַכט האָבן מיר: אפשר וועט יענער יאָ גלויבן? און אויב יענער גלייבט — אַ סימן, אַז ס׳איז נישט אינגאַנצן אויסגעשלאָסן ס׳זאָל טאַקע נישט זיין אַזוי טונקל ווי אונדז דוכט זיך...

— די מאַמע איז נאָך אַ יונגע פרוי, האָט אַמאָל דער פאָטער זיך געפּרוּווט טרייסטן. זי איז מסתמא אין אַן אַרבעטס־לאַגער. און צפורהלע? זי איז שוין אַ גרויס, דערוואַקסן מיידל: אויך אין אַ לאַגער...

און רעדנדיק אַזוי — גלאָט אין דער וועלט אַריין — האָט אַ תפילה זיך דערוועקט אין האַרצן (צו גאָט, צום גורל אָדער אַפילו צום שטן אַליין):

— הלוואי... הלוואי זאָלן אונדזערע השערות האָבן אַ יסוד...

ס׳האָט זיך אַזוי געוואָלט גלויבן, האָבן בטחון. דעריבער טאַקע האָט קיינער נישט אַרויסגעבראַכט אַ שלעכט וואָרט פון מויל. מ׳האָט אָפּגעהיט יענעמס רעכט צו האָפן. אַ שפּיל האָבן מיר געשפּילט. געטראָגן אַ שטילע רויִקייטס־מאַסקע אויפן פּנים. געוווּסט האָט מען טאַקע, אַז ס׳איז בלויז אַ שפּיל, אַז ס׳איז סך הכל אַ פּחדנותדיקער ליגן, אַז יעדנס האַרץ איז אויף שטיקער צעריסן, אָבער זאָגן דאָס ברבים האָט קיינער נישט גע־וואַגט.

דער פּרינציפּ איז געווען: יעדער מעג טאָן וואָס ער וויל מיט זיינע אייגענע דאגות. יעדער איז אַ האַר פאַר זיך. וויל ער — האָפט ער; וויל ער נישט — איז נישט. אָבער — קיינער האָט נישט די רעכט צו צושטערן יענעמס האָפענונג. די אייגענע — אפשר? יענעמס — נישט.

און אַזוי זענען לייִדיקע טעג און שווערע נעכט פאַרשוווּמען.

און איך האָב אַליין נישט געוווּסט פאַר וואָס איך האָב מורא: פאַר די טעג צי פאַר די נעכט.

***

אויף יעדן קומט די ריי. ווי לאַנג קען מען אַזוי ציִען דעם שטריק אַן דעם, אַז ער זאָל זיך צערייסן? ווי לאַנג קען מען עס זיך אַזוי אַרויס־דרייען פון טראַנספּאָרטן?

אַלע פֿאַכמענער זענען שוין פֿאַרשיקט געוואָרן. געבליבן זענען מיר בערך אַ הונדערט פּשוטע אַרבעטער.

— היינט גייט איר אויף טראַנספּאָרט! האָט אונדז מודיע געווען דער בלאָק־שרייבער.

צען אַ זייגער אין דער פֿרי האָט מען אונדז פֿאַרטיילט די טעגלעכע ברויט־פּאָרציע. באַלד פֿאַרלאָזן מיר אוישוויץ. אין אַ שעה אַרום. מיר שטייען שוין פֿאַרן בלאָק. אין רייען צו פֿינף. מ׳וואַרט בלויז אויף ס. ס.־שומרים, וועלכע דאַרפֿן אונדז באַגלייטן. וווהין? ווו פֿירט מען דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט?

קלאַנגען: קיין בונא. אַן אַרבעטס־לאַגער. אין דער אוישוויצער געגנט. וואָס פֿאַר אַ לאַגער? אַ גוטער? אַ שווערער?

לויט די קלאַנגען איז עס אַ גאַנץ גוטער לאַגער. אָבער צי מעג מען גלייבן אַלץ וואָס מען זאָגט? זאָגט מען דאָך אַזויפֿיל זאַכן דאָ...

נאָר אַ ברירה האָט מען? לאָמיר האָפֿן, אַז אַלץ איז אמת.

אַ צענדליק ס. ס.־מענער זענען אָנגעקומען און אונדז אַרומגערינגלט. מ׳הייסט מאַרשירן. באַלד זענען מיר אויסערן לאַגער. ביים טויער — „אַרבעט מאַכט פֿריי!“ — האָבן צען אָפּיצירן אונדז צען מאָל געציילט. איצט זענען מיר אויפֿן פֿרייען פֿעלד. אויפֿן הימל — ווייסע, פֿאַרשכורטע וואָלקנדלעך. אַ ברענענדיקע זון.

מ׳גייט כמעט פֿאַמעלעך. די שומרים איילן זיך נישט. גם זה לטובה. מ׳גייט אַדורך אַ שטעטל. אַ סך דייטשן אויף די גאַסן. זיי קוקן אויף אונדז. אין זייערע אויגן — ביטול. זיי באַטראַכטן אונדז אָן אינטערעס, אָן רחמנות, אָן דערשטוינונג. זיי פֿרעגן נישט ווער מיר זענען, וואָס מיר זענען, פֿון ווו מיר קומען, ווו מיר גייען. זיי ווייסן אַלץ. זיי זענען צוגעוווינט צו אַזעלכע פּראָצעסיעס. ווייגען זיי דאָך נעבן אוישוויץ...

טיילמאָל באַגעגנט מען יונגע דייטשקעס. די שומרים אונדזערע טשעפּען זיך צו זיי. די שיקסעס לאַכן. באַלד פֿלירטעוועט מען אויף אַן אמת. פֿלירט, ליבע־שפּיל, ליבע. אַלץ ווי געוויינלעך, אַלץ ווי אין אַ נאָר־מאַלער וועלט. זיי לאַכן, שפּאַסן, טראַכטן וועגן ליבע און מיר גייען אין שאָטן פֿון טויט. עפּעס גלויבט עס זיך נישט. עפּעס איז עס נישט רעאַל דאָס אַלץ! עפּעס איז עס אוממעגלעך, אַז אין אונדזער מטורפֿדיקער תקופֿה,

ווען דער מענטש איז אַזוי טיף געפֿאַלן, זאָלן זיך געפֿינען מענטשן — מענטשן? — וואָס טראַכטן וועגן געפֿילן, וועגן דער תאווה פֿון גוף, וועגן פֿרויען־געלעכטער.

צווישן די אינוווינער וואָס מיר באַגעגענען געפֿינט זיך נישט איי־נער וועלכער זאָל אונדז אַ וואָרט אָדער אַ שטיקל ברויט צווואַרפֿן. מיר — מיר עקזיסטירן נישט. שאָטנס באַוועגלעכע זענען מיר. שאָטנס אין אַ זוניקן טאָג.

מיר האָבן מזל. די דייטשקעס באַגלייטן אונדזערע שומרים אַ שטיק וועג. דעריבער איילן זיי זיך נישט אָנצוקומען, די ס. ס.־מענער. אַ שאָד איבערצולאָזן אַזוי שנעל ריינע, אַרישע טעכטער!

נאָך פֿיר שעה גיין זענען מיר אָנגעקומען אין נייעם לאַגער.

די קלאַנגען זענען דאָסמאָל באַשטעטיקט געוואָרן: בונא.

מיר זענען אין בונא. אין אונדזער אַרבעטס־לאַגער. דאָ וועלן מיר געשטעלט ווערן פֿונדאַסניי פֿאַר דער אַלטערנאַטיווע: אַרבעטן אָדער גיין אין קוימען. דאָ וועלן מיר שוין פֿאַרבלייבן ביזן סוף. ביזן סוף פֿון דער מלחמה. אַזוי האָפֿט מען.

דער אייזערנער טויער האָט זיך פֿאַרמאַכט הינטער אונדז; מיר זענען אָנגעקומען אין אונדזער נייער היים.

קאַפּיטל דריי

טעג פון פּײַן

דער לאַגער האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ מגפה: ליידיק. בלויז אַ פּאָר עלעגאַנט־געקליידטע העפטלינגען האָבן שפּאַצירט פון איין בלאָק צום צווייטן.

איבעריק צו דערמאָנען, אַז קודם־כל האָט מען אונדז געפירט אין באָד. די אַלטע לאַגער־טראַדיציע. אויך אין גהינום קומט מען נישט אָן טבילה.

אין באָד־זאַל האָט אונדז באַזוכט דער לאַגער־עלטסטער. אַ הויכער, פעסט־געבויטער מאַן, אַ ריז, מיט ברייטע פּלייצעס, אַ ברייט מויל, אַ געזונטן קאַרק און גרויע, געקרייזלטע האָר. דער ערשטער איינדרוק: אַ גוטער מאַן. אַ שטיפערישער שמייכל האָט פון צייט צו צייט זיך אָנגעצינדן אין די בלוי־גרויע אויגן זיינע. אַ מענטש מיט אַזעלכע קלאָרע אויגן, קען נישט זיין קיין שלעכטער — האָב איך געטראַכט.

אין אונדזער טראַנספּאָרט האָבן זיך געפונען אַ פּאָר קינדער. צען־יעריקע, צוועלף־יעריקע קינדער. דער לאַגער־עלטסטער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט זיי. געשפּאַסט און געהייסן זיי ברענגען עפּעס צו פאַרבייסן.

נו — זאָגט איר אַליין: מיר האָבן געקענט אַריינפאַלן אין אַ פיל ערגערן לאַגער.

נאָך דער באָד האָבן מיר באַקומען ריינע קליידער און דאַן האָט מען אונדז צוגעפירט צו צוויי צעלטן. דאָרט וועלן מיר וווינען ביז מ'וועט

אונדז פאַרטיילן אין אַרבעטס־קאָמאַנדאָס. דאַן וועלן מיר אַריבערגיין אין אַ בלאָק.

אין אונדזער צעלט — נומער איינס — האָט געהערשט אַ מוראדיקע היץ. אַפילו אָטעמען איז כמעט אוממעגלעך געווען. פון פרווון שלאָפן האָט קיין רייד נישט געקענט זיין. ווי וועל איך דאָס אויסהאַלטן? האָב איך זיך געפרעגט.

אָבער נאָכן זון־אונטערגאַנג איז אַביסל קילער געוואָרן אין דרויסן און אויך אין צעלט. אין צווישן זענען די אַרבעטס־קאָמאַנדאָס צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. אַפּעל. מ'זוכט באַקאַנטע. מ'כאַפּט שמועסן דאָ און דאָרט. געננוי ווי אין אוישוויץ. מ'פרעגט זיך נאָך וועלכע קאָמאַנדאָ איז אַ גוטע, וועלכע אַ שלעכטע, אין וועלכן בלאָק ס'איז כדאי זיך אַריינצובאַקומען און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער.

אַלטע העפטלינגען האָבן דערציילט:

— בונא איז אַ גאַנץ גוטער לאַגער. נישט ווי בירקענאַו. די אַרבעט איז טאַקע אַ שווערע, אָבער — מ'קען אויסהאַלטן. דער עיקר: נישט אַריינפאַלן אין אַ בוי־קאָמאַנדאָ...

גלייך מ'קען עפּעס טון קעגן אַזאַ עווענטואַליטעט.

גלייך נישט אָן אַנדערער באַשליסט וועגן אונדזער גורל, נאָר טאַקע מיר אַליין.

***

די קינדער צווישן אונדז האָבן נושא־חן געווען ביים צעלט־עלטסטן.

אַ מאָדנער טיפּ איז ער געווען, דער צעלט־עלטסטער. אַ דייטש. אַ מערדער־פּנים מיט גראָבע, פליישיקע ליפּן און לאַפּעס פון אַ וואָלף. זיין גאַנצער וועזן האָט דערמאָנט אַ וואָלף, און ספּעציעל ווען איר האָט אים געזען אַרומגיין אין צעלט. פון לאַגער־עסן איז ער געוואָרן אומנאָרמאַלדיק, קוים וואָס ער האָט זיך גערירט. ער איז נישט געווען קיין דורכויס שלעכטער פּאַרשוין. אָבער האָט עמיצער אים אויפגערעגט, האָט ער אים ממש די ביינער צעבראָכן.

קינדער האָט ער ליב געהאַט.

תיכף נאָך אונדזער אָנקומען, האָט ער זיי געבראַכט ברויט, זופּ און מאַרגאַרין.

האָב איך זיך געוווּנדערט: ווי קומט עס? אַזאַ מענטשלעכע באַציִונג צו קינדער אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער?

דעמאָלט האָב איך נאָך נישט געוווּסט וועגן שענדלעכן קינדער־מסחר, וועגן דער שוידערלעכער האָמאָסעקסואַליטעט וואָס בליט אין יעדן לאַגער און אויך אין בונא.

וועגן דעם האָט איך זיך דערוווּסט ערשט שפּעטער.

דער צעלט־עלטסטער האָט אונדז געמאָלדן:

— איר בלייבט ביי מיר דריי טעג. קוואַראַנטין. דערנאָך גייט איר אַרויס צו דער אַרבעט. מאָרגן — אַרצטלעכע אונטערזוכונג.

איינער פון זיינע געהילפן — אַן אַלט קינד מיט רוצחישע אייגעלעך און אַ סאַדיסטיש געשפּרינקלט פּנים — קומט צו צו מיר:

— ווילסט אַריינפאַלן אין אַ גוטער קאָמאַנדאָ?

— יאָ, ענטפער איך אים, אָבער — מיט איין באַדינג: צוזאַמען מיטן טאַטן...

— אין אָרדענונג, — זאָגט דער מאַכער, — איך קען עס דערליידיקן. פאַר אַ גאָרנישט: דיינע שיך. באַקומסט אַנדערע...

איך האָב זיך אָפּגעזאָגט.

די שיך האָב איך געבראַכט פון דער היים. די איינציקע זאַך וואָס איז מיר געבליבן פון אַמאָל. אַ נעבעכדיקער אָנדענק. אָבער, פאַרט אַן אָנדענק. די שיך זענען אין מיינע אויגן אַ מין קוואַל מיט זכרונות.

— באַקומסט נאָך עפּעס: אַ פּאָרציע ברויט מיט אַ שטיק מאַרגאַרין דערצו, שלאָגט־פאָר דער קליינער געהילף.

די שיך זענען באמת אים געפעלן געוואָרן.

אָבער איך האָב זיך געהאַלטן ביי מיינעם. ביי מיינע שיך.

און ביזן היינטיקן טאָג, ווייס איך נישט צי איך האָב גוט געהאַנדלט.

די שיך האָט מען מיר שפּעטער סיי ווי סיי צוגענומען!

אומזיסט פאַרלוירן אַ גוטע קאָמאַנדאָ, אַ פּאָרציע ברויט מיט מאַרגאַרין דערצו!

***

אַרצטלעכע אונטערזוכונג. אונטערן פרייען הימל. אין די פאַרמיטאָג־שעהן, דריי דאָקטוירים זיצן אויף אַ באַנק און מיר גייען צו צו זיי לויט דער ריי.

אַ קאָמעדיע.

דער דאָקטאָר, פאַר וועלכן איך בין געשטאַנען, באַהאַנדלט מיך בכלל נישט. בלויז אַ פרעג געטון:

— ביסט געזונט?

דאָס איז אַלץ. ווער וועט עס וואַגן צו זאָגן, אַז מ'איז קראַנק? בונא איז צו נאָענט צו אוישוויץ און צו בירקענאַו...

דערפאַר איז אָבער דער ציין־דאָקטאָר מער באַוווּסטזיניק וועגן זיין מיסיע. ער הייסט עפענען דאָס מויל ברייט־אָפן. ער זוכט נישט קיין שלעכטע ציין. עפּעס אַנדערש זוכט ער: גאָלד, גאָלדענע קאָראָנעס, גאָלדענע ציין. עמעצער וואָס פאַרמאָגט גאָלד אין מויל מוז פאַרשרייבן זיין נומער. איך האָב געהאַט אַ גאָלדענע קאָראָנע.

די ערשטע דריי טעג זענען פאַרביי שנעל.

אויפן פערטן טאָג אין דער פרי, בעת מיר זענען געשטאַנען פאַרן צעלט נומער איינס, זענען דערשינען אַ פּאָר קאַפּאָס און יעדער פון זיי האָט אויסגעקליבן פאַר זיך די וואָס זענען אים געפעלן.

מיר האָבן נושא־חן געווען ביי אַ יונגן קאַפּאָ. אפשר 18 יאָר אַלט געווען.

— דו... דו... דו... — האָט זיין פינגער געטייטלט אויף אַ צען מאָן. איר אַלע קומט מיט מיר.

אַלע צען — אייגענע. גוט. די גאַנצע צייט זיך צוזאַמען געהאַלטן, וועלן מיר בלייבן צוזאַמען. געלויבט צו גאָט פאַר דעם.

דער קאַפּאָ גייט פאָרויס. מיר גייען אים נאָך. אָפּגעשטעלט זיך ביים אַריינגאַנג פון ערשטן באַראַק, נעבן לאַגער־טויער. דער אָרקעסטער־בלאָק. דער קאַפּאָ — זיין נאָמען: אידעק — האָט אונדז באַפוילן אַריינגיין. אַלגע־מיינע איבעראַשונג: וואָס פאַר אַ שייכות האָבן מיר מיט מוזיק?

דער אָרקעסטער שפּילט נאָך אַלץ. אַ מיליטער־מאַרש. תמיד דעם

זעלבן. צענדליקער אַרבעטס־קאָמאַנדאָס מאַרשירן אַרויס דורכן טויער. לויטן ריטם. קאַפּאָס קאָמאַנדעווען: „לינקס! לינקס! לינקס, צוויי, דריי, פיר! לינקס!“ ס. ס.־אָפיצירן האַלטן פעדער און פּאַפּיר אין האַנט. זיי ציילן, פאַרשרייבן וויפיל העפטלינגען יעדע קאָמאַנדאָ פירט אַרויס. דער אָרקעסטער שפילט נאָך אַלץ. ביזן סוף. ביז די לעצטע קאָמאַנדאָ האָט פאַרלאָזט דעם לאַגער. און אַלץ דעם זעלבן מאַרש. עס רייצט אויף די נערוון. אָט אָט פּלאַצן זיי. אינצווישן ווייסן מיר ווייטער נישט צו וועלכער קאָמאַנדאָ מיר געהערן.

ענדלעך!

די לעצטע קאָמאַנדאָ איז פאַרשוווּנדן אויף יענער זייט טויער. דער קאַפּעל־מייסטער האָט אויפגעהערט דיריגירן. דער אָרקעסטער — צו שפּילן. אידעק, דער קאַפּאָ צעשרייט זיך:

— איינטרעטן!

שטעלט מען זיך אויס צו פינף אין אַ ריי. צוזאַמען מיט די מוזיקער. מיר גייען אַרויס. פאַרלאָזן דעם לאַגער. אָן מוזיק. לויטן ריטם פונדעסטוועגן. דער מאַרש קלינגט נאָך אין די אויערן, שטורעמט נאָך אויף דאָס בלוט.

— לינקס! שרייט אידעק, לינקס! לינקס, צוויי, דריי, פיר! לינקס!

נו — יענע זייט טויער. איצט קען מען כאַפּן אַ שמועס. די מוזיקער זענען כמעט אַלע ייִדן. יוליעק, אַ פּוילישער בחור מיט ברילן און אַ ציניש געלעכטערל אויפן בלאַסן פּנים; לואי, אַ האָלענדישער בחור: אַ באַרימטער וויאָליניסט געווען. תמיד וויינט ער וואָס מ׳לאָזט אים נישט שפּילן בעטהאָווען. ייִדן טאָרן נישט שפּילן דייטשע מוזיק; אַזוי האָט הימלער באַשלאָסן. האַנץ, אַ בערלינער ייִנגל מיט אַ גלענצנדן חוש פאַר הומאָר. און אַנדערע.

דער פאָר־אַרבעטער איז אַן אינטעליגענטער פּאָליאַק. אַ וואַרשעווער סטודענט: פראַנעק.

יוליעק דערציילט:

— מיר אַרבעטן אין אַן עלעקטרע־מאַגאַזין. נישט ווייט פון לאַגער. די אַרבעט איז נישט צו שווער. נישט איבעריק געפערלעך. נאָר — אידעק,

דער קאַפּאָ ווערט צומאָל משוגע און דעמאָלט איז סכנת־נפשות צו געפינען זיך נעבן אים.

האַנץ שמייכלט צו מיר:

— האָסט מזל, קליינער, ביסט אַריינגעפאַלן אין אַ גוטער קאָמאַנדאָ...

דער וועג האָט געדויערט צען מינוט. אָט, דער עלעקטרע־מאַגאַזין.

אַ דייטשער ציוויל־באַאַמטער (אויפן לאַגער־לשון: אַ מייסטער) קומט אונדז אַקעגן. ער שענקט אונדז אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט, ווי אַ סוחר שענקט אַ טראַנספּאָרט אַלטע שמאַטעס. ער באַטראַכט אונדז מבינותדיק, צי מיר זענען גענוג שטאַרק צו אַרבעטן, צי מיר מאַכן נישט דעם איינדרוק פון פוילע בטלנים און דאַן פאַרפירט ער אַ שמועס מיטן קאַפּאָ וועגן דער אַרבעטס־צעטיילונג.

אונדזערע חברים־מוזיקער זענען געווען גערעכט: אַ לייכטע אַרבעט. זיצן אויף דער פּאָדלאָגע פון מאַגאַזין און ציילן שרויפן, עלעקטרישע לעמפּלעך און אַנדערע קליינע אינסטרומענטן.

דער קאַפּאָ דערקלערט אונדז די וויכטיקייט פון דער אַרבעט און זאָגט, אַז אויב עמעצער וועט פּרוּוון זיך אַרויסדרייען פון אַרבעט, וועט ער אים ווייזן וואָס ער קען.

די מוזיקער־חברים באַרויִקן מיך:

—האָבן נישט קיין מורא, קליינער, ער זאָגט נאָר אַזוי. ער מוז אַזוי זאָגן. דער מייסטער שטייט דאָ. אידעק איז געפערלעך נאָר ווען אַ מאַרדשגעון באַפאַלט אים... האָב נישט קיין מורא, קליינער.

מורא? שוין לאַנג אויפגעהערט מורא צו האָבן. וואָס קען נאָך געשען, וואָס ס׳איז שוין נישט געשען?

מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין עלעקטרע־מאַגאַזין. אַ סך ציווילע פּוילישע אַרבעטער. איניקע פראַנצויזישע פרויען. זיי ווינקען זיך איבער מיט די מוזיקער. מן־הסתם אַלטע באַקאַנטע.

פראַנעק, דער פאָר־אַרבעטער זעצט מיך אַוועק אין אַ ווינקל און הייסט מיך ציילן שרויפן:

— דאָ וועסטו אַרבעטן, זאָגט ער, מאַטער זיך נישט. יאָג זיך נישט. נאָר זיי פאָרזיכטיק: אַן ס. ס.־מאַן זאָל דיך נישט פּאַקן! פאַרשטאַנען?

— פֿאַרשטאַנען, — ענטפֿער איך. — אָבער הער פֿאַר־אַרבעטער... איך וויל זיין נעבן פֿאָטער!

פֿראַנעק האָט זיך פֿאַרטראַכט אַ ווײַלע, דאַן געענטפֿערט:

— אין אָרדענונג. דיין פֿאָטער וועט אויך אַרבעטן דאָ. נעבן דיר.

איך האָב אים געדאַנקט, פֿראַנעקן.

מיין פֿאָטער איז צופֿרידן. ער זאָגט:

— מיר האָבן מזל. אויב מיר וועלן נישט האָבן קיין אַנדערע אַר־בעט, וועלן מיר איבערלעבן די מלחמה.

עקיבא דרומער אַרבעט נישט ווייט פֿון אונדז. ער שעפּטשעט אַ תּפֿילה. אַ קאַפּיטל תּהילים. אַן אויסטערליש יאוש־געלעכטערל צעגיסט זיך אויף זיין הויכן, פֿאַרבענקטן שטערן.

צו אונדזער גרופּע זענען צוגעטיילט געוואָרן נאָך צוויי ייִנגלעך: יאַסי און טיבי. צוויי ברידער. פֿון אונגוואַר (טשעכאָסלאָוואַקיע). יאַסי איז דער עלטערער. זיי ווייסן: זיי זענען יתומים. די עלטערן אומגעקומען. גלייך ביי דער סאַמע ערשטער סעלעקציע. אין בירקענאַו. זאָרגן זיי בלב ובנפש איינער פֿאַרן אַנדערן. יעדער וויל געבן דעם צווייטן זיין שיסל זופּ, זיין פּאָרציע ברויט. אַן אַבסאָלוטער מסירת־נפש.

מיר האָבן זיך מיט זיי שנעל באַפֿריינדעט.

אין דער היים האָבן זיי געהערט צו אַ ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַני־זאַציע. געלערנט העברעיִשע לידער. פֿלעגן מיר טאַקע אונטערזינגען — פּיאַניסימאָ — לידער וועגן דער שטילקייט פֿון ירדן און דער מאַיעסטע־טישקייט פֿון ירושלים.

אָפֿט האָבן מיר גערעדט וועגן ארץ־ישראל. אויך זייערע עלטערן האָבן נישט געהאָט דעם מוט צו ליקווידירן אַלץ און עולה זיין. אויך אין אונגוואַר האָט מען געקענט קויפֿן סערטיפֿיקאַטן.

האָבן מיר טאַקע באַשלאָסן, אַז אויב מיר וועלן דערלעבן די באַ־פֿרייונג, וועלן מיר קיין טאָג נישט וואַרטן און — הײַדאַ! מיט דער ערש־טער שיף קיין חיפֿה!

עקיבא דרומער האָט געפֿונען אַ פּסוק אין תּנ״ך, וואָס לויט זיינע גמטריות, וועלן מיר זוכה זיין צו דערלעבן די גאולה אין די נאָענטסטע פּאָר וואָכן.

אָבער ווער גלייבט נאָך אין גמטריות? ווער גלייבט נאָך אין דער תּורה? און אין אמת פֿון דער תּורה? ווער האָט נאָך כּוח צו גלייבן אין וואָס עס זאָל נישט זיין?

***

מאָנטאָגנע טעג.

מיר האָבן זיך צוגעוווינט צום נייעם לעבנס־שטייגער.

מיר האָבן פֿאַרלאָזט דעם געצעלט און איבערגעגאַנגען וווינען אין מוזיקער־בלאָק: נומער 36. דאָ האָבן מיר באַקומען אַ שיינע דעק, אַ שיסל און אַ שטיקל זייף. דער בלאָק־עלטסטער איז געווען אַ דייטשער ייִד. אַ פֿאַרגעניגן צו האָבן אַלס הערשער איבער זיך אַ ייִד!

אַלפֿאָנס האָט ער געהייסן. אַ קליינער, אויסגעדאַרטער יונגערמאַן מיט אַ דערשטוינענדיק אַלט פּנים. אין בלאָק האָט מען אים ליב געהאַט. ער האָט געזאָרגט פֿאַר זיין בלאָק, ווי פֿאַר אייגענע חברים. ביי יעדער גע־לעגנהייט פֿלעגט ער „אָרגאַניזירן" אַ קעסל־זופּ פֿאַר יוגנטלעכע, שוואַכע און סתם אַזוי פֿאַר אַלע, וואָס האָבן געחלומט מער וועגן אַ שיסל זופּ ווי וועגן פֿרייהייט.

יעדן אין דער פֿרי פֿלעגן מיר אויפֿשטיין אַרום פֿינף אַ זייגער און צוואַרטן ביז אַלע קאָמאַנדאָס האָבן אַרויסמאַרשירט. דאַן פֿלעגן מיר אויך גיין צו דער אַרבעט.

אַ פּוסטע גרויקייט, אַ ליידיקע לאַנגווייליקייט האָט פֿאַרשלייערט אונדזערע טעג און אויך אונדזערע מחשבות.

אַמאָל, צוריקקומענדיק פֿון דער אַרבעט רופֿט מען מיך צום בלאָק־שרייבער:

— דו ביסט עס א־7713?

— יאָ.

יאָ, איך בין עס. א־7713. נישט אליעזר וויזל, נאָר א־7713. אַ נומער. אַ נומער איז געוואָרן דער אינהאַלט פֿון מיין „איך". האָט מיך עמעצער גערופֿן ביים נאָמען — האָב איך נישט געענטפֿערט, נישט געוווּסט, אַז מיך מיינט ער. געטראַכט בלויז, אַז אַ ווייט, פֿרעמד קול רעדט צו מיר פֿון טיפֿן גרוב פֿון דורות. מיין נאָמען איז געוואָרן אַן אַנאַכראָניזם, אַ סתירה

צו מיר אַליין. בלויז דער נומער האָט גערעדט צו מיין באַוווסטזיין. אַפילו פון שלאָף פלעג איך אויפשפרונגען, אויב מ'האָט מיין נומער גערופן. געווען צייטן ווען איך האָב מיין נאָמען בכלל פאַרגעסן. פאַרגעסן ווי איך הייס.

— א־7713, — זאָגט דער בלאָק־שרייבער, — גלייך נאָכן אונטברויט מוזטו גיין צום ציין־אַרצט. אומבאַדינגט!

— וואָס וויל ער פון מיר? —פרעג איך, די ציין טוען מיר נישט וויי...

— נישט מיר שטעל פראַגן, — ענטפערט דער בלאָק־שרייבער, נאָר אים, דעם אַרצט...

וואָס קען ער וועלן פון מיר, דער ציין־אַרצט? די אַלטע מורא פאַרן אומבאַקאַנטן דערוועקט זיך אין מיר פונדאָסניי.

גלייך נאָכן אָונט־ברויט בין איך געגאַנגען אין ק. ב. (ראשי תיבות: קראַנקען־בוי: שפּיטאָל). אַ ריי פון אַ צוואַנציק העפטלינגען האָבן געוואַרט פאַר דער טיר.

— וואָס וואַרט איר דאָ? פרעג איך זיי.

— מ'האָט אונדז גערופן, קלינגט פשוט זייער ענטפער.

באַלד אָבער זענען מיר געוויר־געוואָרן: מ'רייסט גאָלדענע ציין! דערפאַר האָט מען פאַרשריבן אונדזערע נומערן, בעת דער אַרצטלעכער אונטערזוכונג...

נישטאָ קיין מיטל קעגן דעם? ניין. מסתמא אַ באַפעל פון לאַגער־קאָמענדאַנט. אפשר נישט גיין? אַ נאַרישע עצה. אויסבאַהאַלטן זיך? ווו? מען מוז גיין. מ'האָט גערופן!

אָט, בין אין איך טאַקע שוין אינעווייניק.

דער ציין־אַרצט איז אַ טשעכישער ייִד, מיט אַ טויטן־מאַסקע אויפן פאַרטרוקנטן פנים. ווען ער רעדט, זעט מען זיינע פאַרפוילטע און צעקאַליעטשעטע ציין. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף דער אָפּעראַציע־שטול. ער האָט זיך געוואָלט נעמען צו דער עבודה.

— וואָס גייט איר טון, הער דאָקטאָר? — פרעג איך אים הכנעהדיק.

— אַראָפּנעמען דיין גאָלדענע קאָראָנע, — ענטפערט ער כמעט גלייכגילטיק.

אַ געדאַנק פאַלט מיר איין:

— איר מוזט עס טון היינט, הער דאָקטאָר? אפשר קענט איר עס אָפּלייגן אויף אַ פּאָר טעג? איך האָב גראָד איצט פיבער...

ער פאַרטראַכט זיך, נעמט אָן מיין פּולס... איך האָב געזיגט.

— גוט, קליינער. ווען דו וועסט זיך בעסער פילן — קום! אָבער וואַרט נישט איך זאָל דיך לאָזן רופן!

געווונען אַ פּאָר טעג. כולו רווח.

אַ וואָך דערנאָך בין איך ווידער צו אים געקומען — מיטן אַלטן תירוץ: היכע פיבער. אים איז געפעלן געוואָרן וואָס איך בין געקומען אַליין, כמעט פרייוויליק און ער האָט ווייטער מסכים געווען צוצוואַרטן אַביסעלע. דריי מאָל האָב איך געשפּילט דאָס זעלבע שפּיל. דאָס פערטע מאָל האָב איך מער קיין תירוץ נישט באַדאַרפט.

זיין קאַבינעט איז פאַרשלאָסן געוואָרן אויף מערערע טעג.

און ער, דער טשעכישער ציין־אַרצט, איז געזעסן אין בונקער. ס'האָט געוואַרט אויף אים די תליה. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן: ער האָט געהאַנדלט — אויף זיין אייגענעם חשבון — מיט די גאָלדענע ציין פון די העפטלינגען.

טויט־שטראָף!

קיין רחמנות צו אים האָב איך נישט געפילט. רחמנות האָבן אויף אים, דאַן ווען איך בין נישט פעיִק אויף מיר אַליין רחמנות צו האָבן?

פאַרקערט: איך בין צופרידן געווען. צופרידן וואָס איך האָב געראַטעוועט די גאָלדענע קאָראָנע. אפשר וועט זי מיר צונוץ קומען שפּעטער... וואָס קען מען וויסן? פאַר גאָלד קויפט מען ברויט און — לעבן!

שפּעטער האָב איך זי טאַקע פאַרלוירן, די גאָלדענע קאָראָנע... און פאַר גאָרנישט. אָבער — וועגן דעם אין אַן אַנדערן קאַפּיטל .

***

זענען ווייטער טעג זיך געלאָפן. טעג. לאַנגווייליקע, אָן ליכט, אָן ענדערונג, אָן פאַרב, אָן אינטערעס.

איין טאָג איז געווען גלייך צום אַנדערן, איין טאָג האָט זיך געיאָגט

נאָכן אַנדערן און מיר האָבן זיך געפֿונען אין אַ פֿאַרכישופֿטן קרייז. אוממעגלעך געווען זיך אַרויסצורייסן פֿון אים.

אין האַרצן האָט זיך פֿאַרוואָרצלט די קרענק פֿון גלייכגילטיקייט צו אַלעמען. גאָרנישט האָט מיך אינטערעסירט. גאָרנישט — אויסער די נעבעכדיקע שיסל זופּ אָדער די קליינע, פֿאַרשרומפּענע פּאָרציע ברויט. ברויט, זופּ — אָט צו וואָס דאָס לעבן האָט זיך רעדוצירט. צו חיי־שעה. און מיר האָבן איינגעגראָבן אונדזערע שוואַרצע נעגל אין אָט דער חיי־שעה־עקזיסטענץ, אין אָט דעם פֿאַרגעניגן פֿון פֿאַרגייענדיקן מאָמענט.

צו דער אַרבעט זענען מיר ווייטער געגאַנגען גאַנץ פֿרי, האַרט פֿאַר זון־אויפֿגאַנג. אין עלעקטרע־מאַגאַזין האָבן קיין נייע געשעענישן זיך נישט אָפּגעשפּילט, נייע אַרבעטער זענען נישט צוגעקומען, דער היינט איז תמיד געווען גלייך צום נעכטן.

אַ מזל־ — אַ מזל... — וואָס אידעק, דער יונגער קאַפּאָ, פֿלעגט האָבן סאַדיסטישע שגעון־אַנפֿאַלן... אַזוי אַרום, אַ דאַנק זיי, האָבן מיר געפֿילט די פֿאַרעם פֿון דער צייט. און אויך איר אינהאַלט. איר וואָג.

אידעק...

אַ דאַנק אים האָב איך באַקענט זיך מיט אַ מאָדנער פֿראַנצויזישער פֿרוי אין מאַגאַזין.

אַ שיינע, יונגע פֿרוי איז זי געווען. אָפּט פֿלעג איך אַרבעטן נעבן איר. טרויעריקע, שוואַרצע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פֿון איר פֿאַרטרוימט פּנים. זעלטן האָבן מיר געהאַט אַ געלעגנהייט צום אַרויסרעדן אַ וואָרט צווישן זיך. דייטש האָט זי נישט געקענט, נאָר פֿראַנצויזיש. פֿראַנצויזיש האָב איך ווידער נישט פֿאַרשטאַנען. פֿלעגן מיר אַרבעטן צוזאַמען, אויסטיישן בליקן צייטנווייז און דאָס איז געווען אַלץ.

אָבער איך ווייס נישט פֿאַרוואָס, איך האָב געהאַט דעם אַבסורדאַלן און נישט באַגרינדעטן איינדרוק, אַז זי, די פֿראַנצויזקע, איז אַן „אנוסה״, אַ יידיש מיידל, וועלכער ס׳איז געלונגען זיך אויסגעבן פֿאַר אַ קריסטין און דערפֿאַר איז זי נישט אין קאַצעט, נאָר אויף פֿשוטער צוואַנגס־אַרבעט.

איז געקומען אַ טאָג ווען אידעק איז משוגע געוואָרן און צו מיין אומגליק בין איך געשטאַנען צום נאָענטסטן פֿון אים. בין איך טאַקע געווען דער אויסדערוויילטער קרבן זיינער. ער האָט זיך געוואָרפֿן אויף

מיר, מיך געשלאָגן מיט זיינע פֿויסטן — ביז בלוט האָט מיך באַגאָסן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. און דער פֿאַקט וואָס איך האָב געשוויגן — נישט געהאַט קיין כוח צו שרייען — האָט נאָך מער צעפֿלאַקערט זיין סאַדיסטישן כעס, וועלכן ער האָט אויסגעלאָזט צו מיר.

דאַן האָט ער זיך באַרויִקט און מיך צוריקגעשיקט אַרבעטן, גלייך ס׳וואָלט גאָרנישט געשען, גלייך מיר וואָלטן בײדע זיך באַטייליקט אין זעלבן שפּיל און מיין ראָל איז געווען פּונקט אַזוי וויכטיק ווי זיינע.

איך האָב זיך צוריקגעשלעפּט צו מיין אַרבעטס־פּלאַץ און האָב געמיינט, אַז דער גאַנצער הימל האָט אויף מיר זיך איינגעבראָכן.

פּלוצים האָב איך געפֿילט, אַז עמעצער געפֿינט זיך נעבן מיר און פּרוּווט אָפּווישן דאָס בלוט פֿון מיין פֿאַרוווּנדעטן שטערן: זי! די פֿראַנצויזישע אַרבעטערן! זי האָט געשמייכלט צו מיר מיט איר אייביקן אבל־שמייכל, מיר דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט און זי האָט געקוקט גלייך אין מיינע אויגן אַריין, כדי איך זאָל זען, כדי איך זאָל פֿילן, אַז זי איז מיט מיר, אַז זי פֿילט וואָס איך פֿיל...

איך האָב באַמערקט, אַז זי וויל עפּעס זאָגן, נאָר — האָט מורא. געציילטע סעקונדן האָט זי געפֿירט אַן אינערלעכן קאַמף מיט זיך אַליין: רעדן אָדער נישט רעדן. דאַן האָט זי מסתמא אָנגענומען אַ באַשלוס... זי האָט מיט פֿיל צאַרטקייט געגלעט מיין שטערן און אָנגעהויבן רעדן צו מיר — אויף אַ כמעט גוטן דייטש:

— פֿאַרבייס דיינע ליפּן, ברודערל... וויין נישט. האַלט, באַהאַלט דעם צאָרן אין דיר. אויף שפּעטער. אַ טאָג וועט קומען ווען דו וועסט קענען אים ווייזן דער וועלט. אָבער — ער איז נאָך נישטאָ, דער טאָג. דערווייל — וואַרט פֿאַרבייס דיינע ליפּן און וואַרט...

אירע ווערטער — און דער פֿאַקט וואָס זי רעדט און פֿאַרשטייט דייטש — האָבן מיך ביז־גאָר איבערגעראַשט און געהאַט אויף מיר אַ ווונדערלעכע ווירקונג.

אַ ווײַלע דערנאָך האָט זי מיך געפֿרעגט:

— פֿילסטו נאָך ווייטיק?

איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. יאָ, מיין גאַנצער גוף איז דורכ־

אויס ווייטיק. פון קאָפּ ביז פּיס. זי האָט געגלעט מיין האַנט, מיין שטערן און אַ מאָדנער חלום האָט זיך באַוויזן אויף איר הערלעך־שיין טונקל פּנים.

און דאָ מוז איך עפענען אַ פּאַראַנטעזע: שפּעטער, מיט אַ סך יאָרן דערנאָך, בין איך געפאָרן אַמאָל אין פּאַריזער מעטראָ. איך האָב געלייענט אַ צייטונג. אַקעגנאיבער מיר איז געזעסן אַ שיינע, שוואַרצינקע פרוי מיט אויסערגעוויינלעך טרויעריקע אויגן. האָב איך געוווּסט: ערגעץ־ווו האָב איך שוין די אָ, אויגן געזען. אַזעלכע אויגן קען מען נישט פאַרגעסן. זיי האָבן אין זיך אַזויפיל טרויער, אַז ער ווערט אויך אין דיר אַריינגעגאָסן... ווו האָב איך זיי געזען? דאַן האָב איך זיך דערמאָנט: בונא! זי איז דאָס, די פראַנצויזקע פון עלעקטרע־מאַגאַזין! זי האָט מיך נישט דערקענט. קלאָר: זי האָט מיך נישט געקענט דערקענען. זיך געענדערט אין צווישן. אונטערגעוואַקסן. דאָס קינד איז אַ מענטש געוואָרן. דער העפטלינג — אַ ציווילער מענטש געוואָרן. אָבער — זי, זי האָט זיך כמעט נישט געענדערט. ספּעציעל — אירע אויגן: די זעלבע ווי דאָרט, אין בונא.

— איר דערקענט מיך נישט מאַדאַם! — האָט איך זי געפרעגט.

— ניין, מיין טייערער הער, — האָט זי געענטפערט.

— טאָ וועל איך פּרווון אייך דערמאָנען. אין 1944 זענט איר געווען אין דייטשלאַנד. אין בונא. אמת?

— יאָ.

— איר האָט געאַרבעט אין עלעקטרע־מאַגאַזין...

— שטימט.

איר שטערן האָט זיך פאַרקנייטשט:

— ...

איך האָב געלאָזט אירע מחשבות זיך קאָנצענטרירן.

— וואַרט, מיין טייערער הער... וואַרט אַביסל... איך דערמאָן זיך...

— איר געדענקט, מאַדאַם? אידעק, דער קאַפּאָ... דאָס ייִדישע ייִנגל... זיין צעבלוטיקטער קערפּער... און איר, אייערע ווערטער: „פאַרבייס דיינע ליפּן!"

יאָ, איצט האָט זי שוין אַלץ געדענקט.

נישט זי, נישט איך זענען געגאַנגען צו אונדזערע באַגעגענישן. מיר האָבן צוזאַמען פאַרלאָזט דעם מעטראָ און באַשלאָסן גיין טרינקען שוואַרצע

קאַפע. דעם גאַנצן אָוונט האָבן מיר פאַרבראַכט, אויפמישנדיק פאַרשטויבטע בלעטער פון געמיינזאַמען זכרונות־בוך, אויפלעבנדיק געשטאַלטן, בילדער, סיטואַציעס — וועלכע מיר האָבן בײדע נישט פאַרגעסן. האַרט פאַרן צעשיידן־זיך, האָב איך מער נישט געקענט צוריקהאַלטן זיך און זי געפרעגט:

— אַנאַ (אַזוי האָט זי געהייסן), דערלויבט מיר צו שטעלן אייך אַ פראַגע.

— איך ווייס וואָס איר ווילט פרעגן, אליעזר.

— וואָס? האָב איך געפרעגט מיט דערשטוינונג.

— צי איך בין אַ ייִדישקע...

— געטראָפן!

— יאָ, איך בין אַ ייִדיש קינד. פון פרומע עלטערן אַפילו. בשעת דער אָקופּאַציע האָב איך זיך באַזאָרגט מיט אַרישע פּאַפּירן. אַ דאַנק זיי בין איך געקומען ווי אַ ציווילע צוואַנגס־אַרבעטערן קיין דייטשלאַנד. אנשטאָט פאַרשיקט צו ווערן אין קאַצעט. אין מאַגאַזין האָט קיינער נישט געוווּסט, אַז איך רעד דייטש. עס וואָלט דערוועקט אַ חשד. ווי קומט דייטש צו אַ ריין פראַנצויזישער שיקסע? בלויז ייִדישע קינדער באַהערשן אויך די דייטשע שפּראַך. און ווען איך האָב דעמאָלט צו אייך גערעדט — איז עס טאָקע געווען אומפאַרזיכטיק פון מיין זייט. אָבער — איך האָב נישט געקענט נישט רעדן צו אייך אין יענעם מאָמענט. און — איך האָב געהאַט צוטרוי צו אייך. איך האָב געוווּסט: איר וועט מיך נישט פאַראַטן. נישט געהאַט קיין טעות...

נו, לאָמיר צוריק פאַרמאַכן אונדזער פּאַראַנטעזע און צוריקקערן זיך צום קאַפּאָ, צו אידעקן, דעם סאַדיסט וואָס האָט ליב געהאַט זיך שפּיגלען אין זיינע בלוטיקע הענט.

אַמאָל איז געשען אַזאַ מעשה. מיר האָבן געהאַט אַ שווערן טאָג. געדאַרפט אויפלאָדן אַ וואַגאָן מיט דיזל־מאָטאָרן. דייטשע מייסטערס זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען נעבן אונדז און קאָנטראָלירט די אַרבעט. דאָס האָט אַרויסגעבראַכט אידעקן פון די כלים. זיין האַרץ און כעס — האָט ער צו אונדז אויסגעלאָזט. דאָסמאָל איז דער נאָענטסטער קרבן צו אים געווען — מיין פאָטער.

— דו אַלטער פוילער! — האָט ער אויף אים געשריגן, און מיט אַן אײַזערנער רוט געשלאָגן איבערן פּנים, איבער די פּלייצעס.

מײַן אַלטער פֿאָטער האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן אין צווייען, ווי אַן אַלטער בוים, אין וועלכן דער דונער האָט אַרײַנגעשלאָגן.

איך האָב זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיקער סצענע און — נישט רעאַגירט. געשוויגן האָב איך. און געטראַכט אַפילו זיך צו דערווײַטערן פֿון אָרט, בכדי דער קאַפּאָ זאָל זיך אויף מיר אויך נישט וואַרפֿן.

נאָכמער: אויב איך בין בייז געווען, אויב איך בין אויפֿגעבראַכט געווען אין דאָזיקן מאָמענט, איז עס געווען נישט אויפֿן קאַפּאָ, אויף אידעקן, נאָר אויפֿן פֿאָטער. בייז געווען וואָס ער האָט נישט געוווּסט זיך אויסצוהיטן פֿון אידעקס היסטערישן אָנפֿאַל.

אָט וואָס דער לאַגער האָט געמאַכט פֿון אַ בן־יחיד, פֿון אַ געטרייען זון, פֿון אַן עמפּינדלעך קינד.

איך בין מער בייז געווען אויפֿן פֿאָטער, ווי אויפֿן רוצח וואָס האָט אים געשלאָגן.

עקיבא דרומער, דער לאַגער חסיד, האָט מיך באַשולדיקט שפּעטער. ער האָט געזאָגט:

— אליעזר, איך פֿאַרשטיי דיך נישט! ווי אַזוי האָסטו זיך געקענט צוקוקן צו אידעקן, ווי ער שלאָגט דײַן אייגענעם פֿאָטער און — נישט וואַרפֿן זיך אויפֿן קאַפּאָ?! הרגענען אים אָדער דיך אַליין וואָלסטו באַדאַרפֿט... ס׳טייטש! מ׳שלאָגט דײַן טאַטע און דו — שווייגסט!

דאָס לעצטע ביסל בלוט פֿון די אָדערן איז געלאָפֿן אין קאָפּ. איך האָב זיך פֿאַרשעמט. עקיבא דרומער איז גערעכט — האָב איך געטראַכט. וואָס איז געוואָרן פֿון מיר?

אין האַרצן האָב איך אָנגענומען אַ באַשלוס: אויב אַזאַ סצענע וועט זיך איבערחזרן וועל איך מער נישט שטיין מיט פֿאַרלייגטע הענט.

אָבער געוווּסט האָב איך, אַז וואַרשײַנלעך וועל איך נישט זײַן בכוח אַדורכצופֿירן דעם באַשלוס.

דער פֿאָטער האָט מן־הסתם פֿאַרשטאַנען וואָס עס שפּילט זיך אין מיר אָפּ. ער האָט אָפּגעווישט דאָס שנירל בלוט, וואָס האָט זיך געשלענגלט פֿון זײַן מויל און מיר געזאָגט:

— מאַך דיר נישט קיין יסורים. עס טוט בכלל נישט וויי...
זײַן פּנים איז געווען אָנגעשוואָלן.
און איך האָב זיך געמאַכט נישט זעענדיק.

***

פֿראַנעק, דער וואַרשעווער סטודענט, דער פֿאָר־אַרבעטער האָט מיטאַמאָל דערזען בײַ מיר דעם גאָלדענעם צאָן אין מויל. האָט ער חשק באַקומען צו אים.

— ייִנגל, גיב מיר דײַן צאָן, האָט ער זיך צו מיר אין אַ שיינעם טאָג געווענדט.

האָב איך געענטפֿערט, אַז ס׳איז ניט אוממעגלעך זײַן ווונטש צו דערפֿילן. אָן דעם צאָן קען איך נישט עסן.

— ייִנגל, האָסטו דען וואָס צו עסן?

האָב איך געפֿונען אַן אַנדערן ענטפֿער. דער צאָן איז פֿאַרשריבן בײַם צײן־אַרצט. איז אויב איך וועל אים אַוועקגעבן במתּנה — קען עס מיך און אים, פֿראַנעקן, גאַנץ טייער אָפּקאָסטן.

— ייִנגל, — ענטפֿערט דער פֿאָר־אַרבעטער, — לעבסט אין אַ טעות. אויב דו וועסט נישט געבן מיר דעם צאָן, קען עס דיך טייערער קאָסטן!

מאָדנע: דער סימפּאַטישער, דער אינטעליגענטער פֿראַנעק האָט אויפֿגעדעקט זײַן אמתן פּרצוף. די תּאווה צו גאָלד איז שטאַרקער פֿון דערציִונג, פֿון איבערצײַגונג, פֿון פּרינציפּן. אומעטום איז עס אַזוי. ספּעציעל — אין לאַגער.

האָב איך געענטפֿערט פֿראַנעקן, אַז איך מוז זיך שואל־עצה זײַן בײַם פֿאָטער.

— פֿרעג דײַן פֿאָטער, ייִנגל, זאָגט פֿראַנעק מיט זײַן ווייכער שטימע. מאָרגן ברענג אַ תּשובה! מאָרגן!

ווען איך האָב דערציילט דעם טאַטן וועגן דער נײַער גזירה, איז ער בלאַס געוואָרן, ווי דער ווײַסער הימל איבער אונדזערע קעפּ.

— ניין, מײַן קינד, האָט ער געזאָגט, מיר טאָרן עס נישט טון.

— און אויב ער וועט פּרוּוון זיך נוקם־זײַן אין אונדז?

— ער וועט נישט וואַגן, מיין קינד.

פראַנעק האָט יאָ געוואַגט.

ער האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט. זיין מענטשלעכקייט האָט אים פאַרלאָזט. אַפילו זיינע זשעסטן און זיינע אויגן האָבן באַקומען אַ האַרטן אויסדרוק.

קלוג איז ער געווען, פראַנעק. האָט ער געוווסט מיין שוואַכן פונקט. געוווסט ווו צו קלאַפּן, בכדי איך זאָל עס פילן.

מיין פאָטער האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין מיליטער־דינסט. דערפאַר איז אים שווער אָנגעקומען צו גיין אין שפּאַן אַריינקומענדיק און אַרויסגייענדיק פון לאַגער. האָט טאַקע מיין פאָטער נישט איינמאָל באַקומען געשלאָגן פון אידעקן אָדער פון אַן ס. ס.־מאַן פאַר זיין נישט־דיסציפּלינירטן גיין.

מיר האָבן ביידע — דער פאָטער און איך — זייער געליטן דערפון. יעדן טאָג האָבן זיך די זעלבע אינצידענטן איבערגעחזרט. אין דער פרי און אין אָוונט.

האָב איך אַמאָל באַשלאָסן צו געבן דעם פאָטער לעקציעס. לערנען אים גיין אין שפּאַן. ווי אַזוי טוישן דעם שריט, ווי אַזוי צו מאַרשירן מיטן זעלבן ריטם.

מיר פלעגן מאַכן די איבונגען אונדזערע פאַרן בלאָק. איך האָב געשריגן: „לינקס! לינקס!“ און ער, דער פאָטער פלעגט — — — גיין.

אָפטמאָל האָבן העפטלינגען זיך פאַרזאַמלט אַרום אונדז און — געלאַכט:

— קוקט! העי, חברה, קוקט! דער קליינער אָפיציר לערנט דעם אַלטן גיין! העי, קליינער, גענעראַל איינער, וויפיל פּאַרציעס באַקומסטו פון אַלטן דערפאַר?

אין מיר האָט דאָס האַרץ געבלוטיקט.

לעצטנס האָט דער פאָטער געמאַכט פאָרשריט. זיין גיין איז שוין געווען צום דערליידן. איז אָבער פראַנעק דערשינען אויף אונדזער האַריזאַנט. און אים האָט זיך פאַרגלוסט מיין גאָלדענער צאָן.

האָט זיך געעפנט אַ קאַפּיטל פון שלעק.

יעדן טאָג, ביים אַרויסמאַרשירן און אַריינמאַרשירן, האָט ער געשלאָגן דעם פאָטער:

— קענסט נאָך אַלץ נישט גיין אין שפּאַן, דו אַלטער?

—עס איז נישט מיין שולד, — האָט דער פאָטער תמיד געשטאַמלט און זיין פנים האָט זיך פאַרקרימט פון ווייטיק און בזיונות.

בערך צוויי וואָכן האָט עס אַזוי געדויערט. מער האָבן מיר נישט געקענט אויסהאַלטן. מען מוז זיך אונטערגעבן. נישט ביישטאַנען דעם נסיון.

ווען איך האָב מודיע געווען פראַנעקן, אַז ער האָט געזיגט, דער צאָן איז זיינער — האָט ער מיר נישט געדאַנקט, נאָר האָט אויסגעשאָסן אין אַ ווילד געלעכטער:

— איך האָב געוווסט, געוווסט יינגל, אַז דו וועסט קומען צום שכל. בעסער פריִער ווי שפּעטער. איצט אָבער, ווייל דו האָסט מיך געלאָזט אַזויפיל וואַרטן, וועט עס דיך קאָסטן אַ פּאַרציע ברויט. אַ פּאַרציע ברויט פאַר מיינס אַ באַקאַנטן. ער איז אַ צייןְ־אַרצט. אַ באַרימטער ציין־אַרצט פון וואַרשע. ער וועט דיר אַרויסנעמען דעם צאָן. דער פּריַיז: אַ פּאַרציע ברויט!

צום ערשט האָב איך נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט:

— וואָס?! האָב איך זיך געוואָרגן מיט ווערטער. — דו ווילסט טאַקע, אַז איך זאָל געבן דעם ציין־אַרצט מיין ברויט, כדי דו זאָלסט באַקומען דעם צאָן?

פראַנעק האָט געלאַכט — צופרידן און גליקלעך פון זיין געלונגענעם איינפאַל:

— וואָס זשע דען וואָלסטו געוואָלט? איך זאָל דיר דעם צאָן מיט אַ שטעקן אָדער מיט דער פויסט אויסברעכן?

זיין אַרגומענט איז געווען איבערצייגנדיק.

אין זעלבן אָוונט האָט מיר דער וואַרשעווער ציין־אַרצט אַראָפּגעריסן די גאָלד־קאָראָנע. די „אָפּעראַציע“ איז פאַרגעקומען אין בית־הכסא. געאַרבעט האָט ער, דער אַרצט, מיט אַ פאַרזשאַווערטן לעפל. ס'איז נישט צוגעגאַנגען אַזוי לייכט. ס'האָט וויי־געטון. אָבער צום סוף האָט ער באַקומען זיין פּאַרציע־ברויט און פראַנעק — דעם גאָלדענעם צאָן.

די מאַרש־צרות האָב טאַקע אויפגעהערט. פראַנעק איז געוואָרן צוריק מענטשלעך. פון מאָל צו מאָל האָט ער מיר אַפילו צוגעוואָרפן אַ פּאָר לעפל זופּ.

אָבער — קיין סך נוצן פון צאָן האָבן מיר נישט געהאַט.

צוויי וואָכן נאָך אונדזער קאַפּיטולאַציע פאַר פראַנעקן, איז אָנגעקומען אַ באַפעל, אַז אַלע פּאָליאַקן מוזן איבערגעפירט ווערן אין אַן אַנדערן לאַגער. דער פּראַנט איז צו־נאָענט...

אידעק, פראַנעק — ביידע האָבן אונדז פאַרלאָזט. איך האָב נישט געבענקט איבעריק נאָך אידעקן. נאָך פראַנעקן — אויך נישט. געבענקט האָב איך בלויז נאָך מיין צאָן.

— מיר וואָלטן געקענט באַקומען פאַר אים ברויט און זופּ, — האָב איך טרויעריק זיך מתחרט געווען אויף מיין שוואַכקייט לגבי פראַנעקן.

מילא. צו־שפּעט חרטה צו האָבן.

אַן אומזיסטיקער קרבן געווען.

***

אידער אידעק האָט זיך מיט אונדז געזעגנט האָט ער מיר איבערגעלאָזט לעצט־געלט. ער האָט מיר געגעבן אַ לעקציע ווי מ׳שלאָגט מלקות. 25 מלקות האָב איך באַקומען פון אים. פאַרוואָס? ווייל איך האָב געוואָגט צו קוקן. קוקן אויף אים, אויפן קאַפּאָ.

געווען איז דאָס אין אַ זונטיקדיקן פאַרמיטאָג. אונדזער קאָמאַנדאָ האָט גראָד דעם טאָג געמעגט בלייבן אין לאַגער. איז אָבער אידעקן געגאַנגען ממש אין לעבן מיר זאָלן אַרויסמאַרשירן. גיין אַרבעטן. פאַרוואָס די דאָזיקע פלוצימדיקע התלהבות צו דער אַרבעט?

צוויי שעה שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען די סיבה.

אידעק איז געקומען צו אַ ראַנדעוו. צו אַ ראַנדעוו מיט אַ שיקסע. גלייך נאָכדעם ווי מיר זענען אַריינגעקומען אין עלעקטרע־מאַגאַזין האָט ער אונדז איבערגעגעבן אין פראַנעקס רשות און געזאָגט:

— טוט וואָס איר ווילט. אָבער — טוט עפּעס. אַרבעט! ווען נישט — וועט דער טייוול אייך נעמען...

און איז פאַרשוווּנדן אין מיסטעריעזן לאַבירינט פון מאַגאַזין.

קיין פּרעציזע און וויכטיקע אַרבעט האָבן מיר נישט געהאַט. האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אין מאַגאַזין און געזוכט, גענישטערט, אפשר האָט אַ ציוויל־אַרבעטער איבערגעלאָזט בטעות, אַ שטיקל שיריים, אַ שטיקל ברויט.

צופעליק בין איך דערגאַנגען צו אַ זייטיק צימערל. איך האָב געהערט אַז עפּעס שושקעט מען זיך דאָרט. דער נייגיר האָט מיך געשטופּט צו זען וואָס דאָרט קומט פאָר. און איך האָב געזען. אַלץ. אַ שטרוי־בעט. אידעק און אַ יונגע פּוילישע שיקסע, וועמענס לאַנגע, שוואַרצע צעפּ זענען געווען צעלאָזן, צעבורזשעט. זי איז געלעגן אויפן בעטל — האַלב נאַקעט. אידעק — אויך. ער איז אויך געלעגן האַלב־נאַקעט. יעדן טאָג פלעג איך זען די דאָזיקע שיקסע געבן ווייס ברויט און וווּרשט אידעקן. איצט האָב איך פאַרשטאַנען פאַרוואָס אידעקן האָט זיך אַזוי פאַרגלוסט צו אַרבעטן. איך געדענק נישט וואָס ס׳אַראַ טייוול ס׳האָט מיך איבערגערעדט. איך געדענק בלויז, אַז איך האָב זיך צעלאַכט אויפן הויכן קול. עפּעס איז עס מיר אויסגעקומען קאָמיש, אַז אידעק זאָל שלעפּן הונדערטער מענטשן צו דער אַרבעט, בכדי ער זאָל קענען באַפרידיקן זיין יצר־הרע, בכדי ער זאָל קענען ליגן מיט אַ פּוילישער שיקסע אויף אַ שטרוי־בעט...

אידעק האָט דערהערט מיין לאַכן. ער האָט מיך דערזען. ער איז אויפגעשפרונגען פון בעטל. די שיקסע האָט געפּרוּווט פאַרדעקן איר נאַקעטע ברוסט. מיינע פיס האָבן געוואָלט אַנטלויפן. אידעק איז געווען פלינקער. ער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער. איך האָב געוווּסט: איצט בין איך פאַרלוירן.

אידעק האָט זיך צוגעבויגן צו מיין פּנים און מיט אַ קאַלטער, איינגעהאַלטענער שטים געזאָגט:

— וואַרט אַ ביסל, קליינער... וועסט באַלד זען, אַז מ׳טאָר זיך נישט אויפהייבן פון דער אַרבעט און גיין בלאָנדזשען אין דייטשע מאַגאַזינען... וועסט באַלד זיך איבערצייגן, אַז ס׳איז געפערלעך צו זיין נייגעריק...

דאַן האָט ער מיך צוריקגעשיקט צו מיין אַרבעטס־פּלאַץ. אַ מורא איז מיך באַפאַלן. דאָס האַרץ האָט פאָראויסגעזאָגט טונקעלע נבואות. און ס׳האָט נישט געזאָגט קיין ליגן.

אַ האַלבע שעה אײדער די אַרבעט האָט זיך געדאַרפט אָפּשטעלן, האָט דער קאַפּאָ צונויפגערופן די גאַנצע קאָמאַנדאָ. אַפּעל. קײנער האָט נישט פאַרשטאַנען די סיבה דערפון. בלויז איך. איך האָב פאַרשטאַנען. דער קאַפּאָ האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע:

— דאָ אין קאַצעט איז פאַראַן אַ געזעץ: אַן אײנפאַכער העפטלינג האָט נישט די רעכט צו מישן זיך אין יענעמס געשעפטן. מ׳טאָר נישט זײן נײַגעריק. אײנער פון אײַך האָט עס נישט — אָדער: שלעכט — פאַרשטאַנען. וועל איך זיך באַמיִען אים דאָס געבן צו פאַרשטײן...

אַ שטיק אײַז איז אַדורכגעלאָפן מײַן רוקן־בײן.

— אַ־7713 צו מיר!

רבונו־של־עולם וואָס וועט איצט געשען מיט מיר? — האָב אַלע מײַנע אברים מיך געפרעגט. איך בין אַרויסגעטראָטן פון דער ריי און צוגעגאַנגען צו אים, צו אידעקן.

— ברענגט אַ קלײן קעסטל, האָט דער קאַפּאָ באַפוילן.

עמעצער האָט אויסגעפירט זײַן באַפעל.

— בײג זיך איבערן קעסטל! — האָט ווידער געקלונגען אידעקס באַפעל.

איך האָב געפאָלגט. מעכאַניש. זיך געבויגן. טיף געבויגן .

אידעק האָט דאַן אַרויסגענומען אַ לעדערנעם שפּיץ־רוט און אָנגעהויבן שלאָגן מײַן פאַרבויגענעם קערפּער, מיט אַ סאַדיסטישן שמײכעלע אַרום די ליפּן, מיט אַ רציחה־אויסדרוק אויף זײַן קלײן און רויט פּנימל:

— אײנס... צוויי... — האָט ער געציילט!

צווישן אײנס און צוויי האָט ער אַביסל צוגעוואַרט. געוואָלט איך זאָל האָבן צײַט צו פילן יעדן קלאַפּ באַזונדער. אָבער בלויז די ערשטע פינף־זעקס קלעפּ האָבן ווײ־געטון. די איבעריקע האָב איך כמעט נישט געפילט. פאַראַן אַ גרענעץ צו דער פילבאַרקײט פון גוף. איך בין געווען אויף יענער זײַט גרענעץ.

— צען... עלף...

אידעקס שטים האָט געקלונגען כמעט־נאָרמאַל. צו מיר איז זי דערגאַנגען פון דערווײַטנס, ווי פון הינטער אַ שטײנערנער מויער.

— דרײַ און צוואַנציק...

נאָך צוויי קלעפּ! האָב איך אומבאַוווסטזיניק זיך געטרייסט, זיך דערמוטיקט.

— פיר און צוואַנציק, פינף און צוואַנציק!

געענדיקט. איך בין אַוועקגעפאַלן אַ געחלשטער. פאַרלוירן דעם באַוווסטזײַן. אידעק האָט געהײסן ברענגען וואַסער און גיסן אויף מײַן פּנים.

— אויפשטײן! — האָט אידעק באַפוילן.

איך האָב געוואָלט אויפשטײן. איך האָב מורא געהאַט נישט צו פאָלגן. דאָס וואָלט באַדײַט נײַע קלעפּ. איך האָב אַזוי געוואָלט פאָלגן אידעקן אין יענעם מאָמענט... אָבער — דער קערפּער איז געווען שטאַרקער פון מײַן ווילן. ער האָט נישט געפאָלגט.

— אויפשטײן — האָט אידעק פונדאָסניי באַפוילן.

האָב איך געפּרוווט כאָטש ענטפערן, אַז איך קען קײן אבר נישט רירן, אָבער קײן ווערטער זענען אויף די ליפּן נישט געקומען.

בלית־ברירה, האָט אידעק גערופן צוויי העפטלינגען. זײ האָבן מיך אויפגעשטעלט און אונטערגעהאַלטן.

— קוק צו מיר! האָט אידעקס שטים מיך געפּאַטשט אין פּנים.

איך האָב געקוקט צו אים.

אין האַרצן — אַ מחשבה: אַ שאָד וואָס דער פאָטער געפינט זיך דאָ, מיט מיר צוזאַמען! אים האָבן די קלעפּ מסתמא מער ווײ־געטון ווי מיר אַלײן!

— הער זיך צו, חזירישער זון! — האָט אידעק קאַלטבלוטיק מיך געוואָרנט. — דאָס האָסטו באַקומען בלויז צוליב דײַן נײַגיר. פינף מאָל אַזויפיל וואָרט אויף דיר, אויב וועסט וואַגן עמעצן צו דערציילן וואָס דו האָסט געזען! פאַרשטאַנען?

יאָ. איך האָב פאַרשטאַנען. איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. געשאָקלט נישט אײן מאָל, נישט פינף מאָל, נאָר צענדליקער מאָל. גלײַך דעם קאָפּ האָט מיטאַמאָל באַשלאָסן, אַז פון איצט אָן וועט ער נישט אויפהערן שאָקלען זיך אויף יאָ, יאָ, יאָ.

דאַן האָב איך דערפילט אַ חשק צו ברעכן. צו אויסברעכן אַלץ וואָס איך האָב געהאַט אויפן מאָגן און אויפן... האַרץ.

***

אין אַ שיינעם זונטיקדיקן טאָג, האָט דער הימל אונדז אַ מתנה צו־געשיקט: אַמעריקאַנער באָמבאַרדירער האָבן פייער און פלאַם אויף בונא געוואָרפן.

די העלפט פון אונדזער קאָמאַנדאָ איז געווען ביי דער אַרבעט. די אַנדערע — אין בלאָק. מיר, די גליקלעכע, זענען געשלאָפן שפּעט און געשעפּט צופרידנקייט פון יעדער מינוט, וואָס איז אַדורך נאָך פינף אַ זייגער, אָן דעם, אַז מיר זאָלן מוזן אויפשטיין פון בעט.

מיין פאָטער איז יאָ געווען אין דרויסן, ביי דער אַרבעט.

אַרום צען אַ זייגער האָבן די סירענעס אָנגעהויבן בלאָזן מיט זייער יאָמערדיקן שאַקאַל־געוויין. לופט־אַלאַרם!

בלאָק־עלטסטע זענען אַרומגעלאָפן איבערן לאַגער און געטריבן יעדן אין די בלאָקן אַריין. אַזאַ געזעץ איז פאַראַן אין קאַצעט: בשעת אַ לופט־אַלאַרם מוזן אַלע העפטלינגען זיך געפינען אין די בלאָקן. די ס. ס.־מענער, די שומרים, — זיי לויפן שנעל אין די קעלערס און אין די שוץ־גרובנס.

היות בשעתן אַלאַרם איז לייכט צו אַנטלויפן — די שומרים פאַר־לאָזן די וואַך־טורעמלעך, דער עלעקטרישער שטראָם ווערט אויסגעשאַל־טעט פון די צוימען — האָבן די ס. ס. רעכט צו שיסן יעדן העפטלינג, וואָס געפינט זיך נישט אין בלאָק.

אייניקע מינוטן האָט געדויערט ביז דער לאַגער האָט אויסגעזען ווי אַן עוואַקויִרטע שיף: פאַרחרובט, פוסט און ליידיק. קיין נפש נישט אין די אַלייען. נישט ווייט פון דער קיך זענען געשטאַנען צוויי פאַרלאָזטע האַלב־פולע קעסלען מיט הייסער זופּ. מ׳האָט נישט באַוויזן זיי אַריינצוכאַפּן אין אַ בלאָק אָדער צוריקברענגען אין קיך. צוויי קעסלען זופּ. ווען נישט דער אַלאַרם, וואָלטן הונדערטער אויסגעהונגערטע העפטלינגען זיך געשלאָגן אַרום זיי, כדי צו אויסקעמפן אַ לעפל זופּ...

איצט זענען זיי געשטאַנען,ביידע קעסלען, ווי פאַריתומט, אינמיטן לאַגער. הונדערטער אויגן זענען געווען אויף זיי אָנגעהאַנגען. אויגן פון תאוה, פון הונגער, פון תפילה. אָט, שטייען זיי, די קעסלען זופּ, אַזוי

נאָענט, אַזוי נאָענט און קיינער היט זיי נישט, קיינער, נישט קיין שטוב־דינסט, נישט קיין קיך־אַרבעטער, קיינער און פונדעסטוועגן — ווער וועט עס וואַגן אַרויסצוגיין פון בלאָק בשעתן אַלאַרם?

קיינער. דער פחד האָט גובר געווען דעם הונגער. אָ, אַנטשולדיקט: עמעצער האָט יאָ געוואַגט. ס׳האָט זיך געעפנט, פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, כמעט אומבאַמערקבאַר, די הילצערנע טיר פון בלאָק 37 און אַ דעפּיגו־רירטער מאַן האָט זיך, ווי אַ וואָרעם, אָנגעהויבן צושאַרן, צוריקן זיך צו די קעסלען.

אויגן, הונדערטער, טויזנטער אויגן האָבן נאָכגעפאָלגט — מיט ציט־טערניש און אַביסל קנאה — נאָך יעדער באַוועגונג פון גבור אָדער זעלבסטמערדער. צי וועט עס אים געלונגען?

יאָ, ס׳איז אים געלונגען. אָט איז ער שוין ביים ערשטן קעסל. ביי איטלעכן אין האַרץ האָט זיך בליץ־שנעל צעבושעוועט די קנאה. פאַר־וואָס קומט עס אים און נישט מיר? דער פחד, דער געמיינזאַמער, די סימפּאַטיע צו זיין אַקט זענען פאַרשוואונדן. בלויז די עגאָיִסטישע קנאה איז פאַרבליבן.

אין צווישן איז יענער געלעגן — האַלב־זיצנדיק — נעבן קעסל און פון צופיל גערירטקייט נישט געקענט אויפהייבן אַפילו אַ פינגער כדי צו שעפּן אַ לעפל זופּ פון קעסל. לאַנגע, מוראדיקע לאַנגע מינוטן איז ער אַזוי זיך האַלב־זיצנדיק געלעגן נעבן קעסל און זיך איינגעקוקט אין דער זופּ, אין זיין חלום. און דאַן האָט ער מיטאַמאָל אויסגעשריִען, ווי אַ ווילדע אויסגעהונגערטע חיה און אַריינגעשטופּט זיין קאָפּ אין קעסל: גע־וואָלט האָט ער עסן מיטן מויל! מיטן גאַנצן פּנים! כאָטש איינמאָל עסן צו דער זאַט, פון אַ גרויסן, ריזיקן קעסל און נישט פון זיין געוויינלעכער שמוציקער שיסל!

האָט פּלוצים אַ שאָס אַדורכגעשניטן די שטילקייט, די שפּאַנונג. דער „גבור" אונדזערער, איז אַרויסגעפאַלן פון קעסל. זיין קאָפּ איז געווען אויסגעשמירט מיט זופּ. איצט איז ער אינגאַנצן געלעגן אויף דער ערד און זיין קערפּער האָט זיך געצאַפּלט, ווי אַ שלאַנג וואָס האָט נאַר־וואָס דעם קאָפּ פאַרלוירן.

ביים עולם־צושויער איז די קנאה פאַרשוואונדן.

נישט געווען וועמען — און וואָס — מקנא צו זײַן. און טיף אין האַרצן האָט כמעט יעדער באַרעכטיקט דעם גורל פון אונדזער גבור. ס׳איז אים געקומען. פאַרוואָס האָט ער דווקא געוואָלט באַווײַזן זײַן גבורה? מיר זענען דען ווייניקער הונגעריק פון אים? פאַרוואָס האָט ער געוואָלט דערוועקן קנאה אין אונדזער האַרץ?

— צוססססם! בווום! בוססססם!

די גאַנצע וועלט האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן ציטערן, וואַקלען זיך, גלײַך זי וואָלט שכור געוואָרן.

— מ׳באָמבאַרדירט בונא! — האָט עמעצער אויסגעשריגן.

דאָס האַרץ גיט טאַקע אַ ציטער — ס׳הייסט: דער פאָטער איז איצט דאָרט, בײַ דער אַרבעט! — אָבער פונדעסטוועגן באַגיסט אַ שמחה דעם גאַנצן קערפּער. ביז איצט האָב איך נאָך נישט געהאַט די זכיה צו זען, ווי דער דײַטשער בנין בכלל און טויט־בנין בפרט גייט אויף אין פלאַמען... מיר האָבן געהערט, אַ סך געהערט וועגן דײַטשע מפּלות אויף די פאַרשידענע פראָנטן; אָבער דאָס אַלץ זענען געווען קלאַנגען. קיין ממשותדיקס האָבן מיר נאָך נישט געזען. און דאָס איז ממשותדיקס! באָמבעס!

ווו איז די לופט־וואָפע? גערינג? ווו איז דער פלאַט? ווו איז דער לופט־פאַנצער אַרום דריטן רײַך?

דאָס איינציקע שוץ־מיטל פון דער דײַטשער אַרמיי אין בונא איז געווען — פאַרשפּרייטן אַ קינסטלעכן רויך איבערן לאַגער און דער פאַבריק.

אין פאַבריצירן רויך זענען זיי מייסטערס, די דײַטשן.

די באָמבאַרדירונג האָט געדויערט העכער אַ שעה. הלוואי וואָלט זי געדויערט צען מאָל צען שעה...

דער באַראַק האָט געטרייסלט זיך ווי אַ בוים אין ווינט. אויך מיר זענען געווען אין סכנה. באָמבעס האָבן לײַכט געקענט פאַרבלאָנדזשען אין לאַגער. און דעמאָלט וואָלטן הונדערטער קרבנות געפאַלן במשך געציילטע סעקונדן, צוליב דער גרויסער צאָל נפשות וואָס האָבן געלעבט אין אַזאַ ענגשאַפט. אָבער ס׳האָט אונדז נישט געאַרט. נישט מורא געהאַט פאַרן טויט. נישט פאַר אַזאַ טויט. האָט טאַקע איטלעכע באָמבע אונדז פאַרפולט מיט אומבאַשרײַבלעכע שפּאַנונג פון פרייד.

דערנאָך איז אַנטשטאַנען אַ טיפע רויִקייט. האַרמאַטן זענען אַנטשוויגן געוואָרן. דער לעצטער אָפּקלאַנג פון זשומען פון די באָמבאַרדירערס איז פאַרטראָגן געוואָרן מיטן ווינט. בלויז דער האַריזאָנט האָט געשוואַרצט זיך אין רויך. געציילטע מינוטן דערנאָך האָבן סירענעס פונדאַסניי געבלאָזן. דאַסמאָל — דעם סוף פון לופט־אַלאַרם.

אונדז, די העפטלינגען, האָט פאַראינטערעסירט בלויז איין זאַך: צו וויסן דעם שיעור, די גרויסקייט פון חורבן אין בונא.

איז מען אַרויסגעלאָפן פון די בלאָקן, אַרײַנגעשעפּט אין זיך די שריפה־פולע לופט, די פאַררויכערטע בילדער און די אויגן האָבן געטרונקען האָפענונג מיט פולע בעכערס.

איין באָמבע איז געפאַלן, על־פּי־טעות אין סאַמע מיטן לאַגער. גראָד בײַם אַפּעל־פּלאַץ. צום גליק האָט זי נישט עקספּלאָדירט. העפטלינגען האָבן זי אַרויסגעפירט אויסערן לאַגער און דערבײַ ריזיקירט מיט זייער לעבן.

דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט דאַן אָפּגעריכט אַן אינספּעקציע אין לאַגער. מיט אַן אַראָפּגעלאָזענער נאָז האָט ער אַדורכגעשפּריזט די צענטראַלע אַלעע, באַגלייט פון לאַגער־עלטסטן און לאַגער־קאַפּאָ.

אויך אויף אים, אויפן לאַגער־קאָמענדאַנט, האָבן די באָמבעס אַ טיפן אײַנדרוק איבערגעלאָזט.

נעבן דער קיך איז נאָך אַלץ געלעגן, גלײַכגילטיק צו אַלעמען און צו זײַן גורל, דער דערשאָסענער העפטלינג, מיטן פון זופּ־אײַנגעשמירטן פּנים.

די קעסלען זופּ זענען צוריקגעפירט געוואָרן אין קיך אַרײַן.

אויף די וואָך־טורעמס האָבן זיך פונדאַסניי באַוויזן די ס.ס.־ניקעס מיט זייערע מאַשין־געווערן. און אַלץ האָט געגרייט זיך אָנהייבן פונדאַסניי. דער אַנטראַקט האָט זיך פאַרענדיקט. מ׳קען ווייטער שפּילן. גלײַך די באָמבאַרדירונג האָט גאָרנישט געענדערט נישט אויף דער מלחמהדיקער וועלט און נישט אין אונדזער לאַגער.

עפּעס האָט די באָמבאַרדירונג פונדעסטוועגן יאָ געענדערט: דעם אויסדרוק פון די ס. ס.־שומרים. אַן אויסדרוק פון בהלה און פּאַניק וועל־

כער איז נישט פֿאַרשוווּנדן פֿון זייערע פּנימער, אַפֿילו נאָכן סוף פֿון לופֿט־אַלאַרם.

און דער דאָזיקער אויסדרוק זייערער האָט אונדז געזאָגט בפּירוש: דייטשלאַנד האָט פֿאַרלוירן די מלחמה. ווייניק וויכטיק איז דער פֿאַקט — פֿון אָביעקטיוון און אַבסאָלוטן שטאַנדפּונקט — צי מיר וועלן יאָ אָדער נישט זוכה זיין דאָס צו דערלעבן. העיקר: די מפּלה הענגט איבער דייטשלאַנד, ווי דעם גורלס שווערד.

אַ שעה איז אַדורך און די קאָמאַנדאָס האָבן אַריינמאַרשירט אין לאַגער. אַ סך פֿאַרוווּנדעטע העפֿטלינגען. אומגעפֿער צען טויטע. מיין פֿאָטער? גראַטעוועט בנס. איז טאַקע די שמחה אַ גאַנצע, אַ שלימותדיקע.

מיין פֿאָטער דערציילט:

— אַ היפּשע צאָל בנינים זענען צעשטערט געוואָרן אין בונא. אייניקע — אָפּגעווישט געוואָרן פֿון דער ערד. אָבער אונדזער עלעקטרע־מאַגאַזין שטייט...

מילא. איצט וועלן שוין אַמעריקאַנער פּילאָטן וויסן דעם וועג. נאָך צוויי־דריי אַזעלכע אויספֿליגן און בונא וועט אָפּגעמעקט ווערן פֿון דער דייטשער קריגס־אינדוסטריעלער מאַפּע. זאָלן זיי קומען! וואָס שנעלער!

נאָכמיטאָג האָבן אַלע קאָמאַנדאָס באַקומען אַ באַפֿעל אַרויסצוגיין אַרבעטן. אויפֿרוימען חורבות. כאָטש מיר האָבן נישט איבעריק ליב געהאַט צו אַרבעטן — זענען מיר דאָסמאָל גערן געגאַנגען צו דער אַרבעט. ס׳הייסט: זען דייטשע חורבות! אפֿשר אַ פּאָר דייטשע קרבנות! און דייטשע אבֿלים! און יתומים! דאָס דאַרף מען גיין זען!

די שומרים אונדזערע, די ס. ס.־מענער, זענען געגאַנגען ביי אונדזער זייט און זייערע ברוטאַלע פּנימער האָבן אויסגעוויזן צו זיין פֿינצטערער, פֿאַרחושכטער.

***

די באָמבאַרדירונג האָט אויך פֿאַר אונדז איבערגעלאָזט טרויעריקע רעזולטאַטן.

תּליות.

אומגעפֿער אַ וואָך נאָכן פֿריילעכן זונטיק איז עס געשען. מיר זענען צוריקגעקומען פֿון דער אַרבעט. ווי געוויינלעך: מיד, שמוציק און פֿיזיש צעבראָכן. דער לאַגער האָט געהאַט עפּעס אַן אַנדערן אויסזען. אַ נאַכטקראַ האָט זיינע פֿליגל אויף אים אויסגעשפּרייט. אינמיטן לאַגער, אין סאַמע צענטער פֿון אַפּעל־פּלאַץ האָט אונדז מקבל־פּנים געווען אַ שוואַרצע תּליה. קיינער האָט נישט געוואַגט גיין אין איר שאָטן.

אַלטע העפֿטלינגען — צווישן זיי: יוליעק — האָבן פֿעסטגעשטעלט:

— היינט וועט עמעצער געהאַנגען ווערן...

— פֿאַרוואָס? דאָס האָבן מיר נאָך נישט געוווּסט. מען וועט עס געווויר ווערן. שפּעטער. בשעת דער... צערעמאָניע.

איך גיי זיך וואַשן. ווי געוויינלעך. די חברים־מוזיקער גייען שנעל ברענגען זייערע אינסטרומענטן. דער קאַפּעל־מייסטער וואַרט שוין אויף זיי. אָט איז דער אַרקעסטער גרייט צו אַטאַקירן דעם אייביקן מאַרש. די ערשטע קאָמאַנדאָס מאַרשירן אַריין. שאַרפֿע באַפֿעלן דערגייען צו אונדז פֿון טויער: „לינקס! לינקס!" אָדער — „מיצען אָפּ! קאָפּ הויך!". דער אַרקעסטער שפּילט.

אין בלאָק ווערן מיר געוווייר: היינט אָוונט וועט די זופּ פֿאַרטיילט ווערן שפּעטער. ערשט נאָכן אַפּעל. אַלפֿאָנס, דער יונג־אַלטער בלאָק־עלטסטער איז היינט ערנסטער, עלטער ווי תּמיד.

אַפּעל. יעדער בלאָק ווערט באַזונדער געציילט. איינמאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל. דער דאָזיקער אַפּעל איז אַנדערש ווי אַלע אַנדערע אַפּעלן, וועלכע איך האָב ביי־געוווינט. עפּעס ציט ער זיך פּאַמעלעכער, ווי תּמיד. עפּעס קלינגען די באַפֿעלן מאָדנער, מוראדיקער ווי תּמיד. עפּעס איז די לופֿט שווערער, אָנגעלאָדענער ווי תּמיד.

— מי־צען... אָפּ! — הילכט אָפּ דער באַפֿעל פֿון לאַגער־עלטסטן. אַלע צען טויזנט העפֿטלינגען נעמען — צוזאַמען, אין דער זעלבער סעקונדע — אַראָפּ זייערע היטלען פֿון קאָפּ.

דער לאַגער־עלטסטער גיט־אָפּ דעם ראַפּאָרט.

אומענדלעכע צוויי מינוט פֿון שטילשווייגן.

— מי־צען אַאוף!

צען טויזנט העפטלינגען טוען אַן — צוזאַמען, אין דער זעלבער סעקונדע — זייערע היטלען צוריק אויפן קאָפּ.

איצט דאַרף עפּעס געשען...

דער טויער פון לאַגער עפנט זיך. אַ גרופּע ס. ס.־מענער דערשיינען און רינגלען אַרום אַלע פאַרזאַמלטע העפטלינגען. אויף יעדע דריי טריט — אַ שומר. די ס. ס.־מענער אויף די וואַך־טורעמס זענען מער וואַכזאַם ווי געווייינלעך. זייער מאַשין־געווער איז אָנגעשטעלט אויפן אַפּעל־פּלאַץ.

— זיי האָבן מורא פאַר אומרוען, שושקעט מיר אין אויער אַריין, יוליעק.

יוליעק האָט שוין בייגעוווינט תליה־צערעמאָניעס. אויף אים מאַכן זיי מער נישט קיין איבעריקן רושם. לויט אים, איז אַזאַ טראַדיציע אין יעדן לאַגער: ס. ס.־מענער זענען מחויב צו באַלאַגערן די העפטלינגען בעת אַ תליה־צערעמאָניע.

צוויי באַוואָפנטע ס.ס.־ניקעס זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון בונקער און באַלד צוריקגעקומען, אין דער באַגלייטונג פון פאַראורטיילטן.

געווען איז עס אַ ייִדישער בחור פון וואַרשע. 3 יאָר אין קאַצעט. אַ הויכער, פעסטגעבויטער יונגערמאַן, וואָס אין פאַרגלייך צו אונדז, איז ער געווען אַ ריז.

אַט שטייט ער מיטן רוקן צו דער תליה. מיטן פּנים — צו זיין מכלומרשטן ריכטער, צום לאַגער־פירער. ער איז בלאַס. נישט פון פּחד, נאָר פון גערירטקייט. זיינע הענט — געקייטלט. זיינע אויגן? אַ משונה־דיקער, כמעט נישט־רעאַלער פונק האָט אין זיי געטליִעט. אפשר איז עס געווען אַ פונק פון איראָניע: אַזויפיל ס. ס.־שומרים צוליב אים, צוליב איין איינציקן אומבאַוואָפנטן, שוואַכן ייִד...

און אפשר איז עס געווען אַ פונק פון בקשה צו אונדז אַלע, צו די וועלכע וועלן אפשר איבערלעבן דעם גיהנום, נישט צו פאַרגעסן, נישט צו פאַרגעסן, נישט די תליות און נישט די טאָג־טעגלעכע ליידן, נישט מוחל זיין און נישט פאַרגעסן צו מאָנען און פאָדערן נקמה...

דער לאַגער־פירער האָט פאַרגעלייענט דעם טויט־אורטייל:

— אין נאָמען פון הימלער... דער העפטלינג נומ׳... האָט געגנבעט... בשעתן לופט־אַלאַרם... לויטן געזעץ, פאַראַגראַף... איז דער העפטלינג

נומ׳... פאַראורטיילט צום טויט! זאָל דאָס זיין אַ לערע און אַ ביישפּיל פאַר אַלע העפטלינגען...

קיינער באַוועגט זיך נישט.

איך — וואָס האָב נאָך נישט געזען קיין תליה פאַר די אויגן — בין דערשיטערט. מאָדנע: די צענדליקער טויזנטער מענטשן וועלכע זענען אומגעקומען יעדן טאָג אין בירקענאַו און אין אוישוויץ — זיי האָבן מיך שוין געלאָזט כמעט גלייכגילטיק. אָבער — דאָ, דער דאָזיקער העפטלינג, דער איין איינציקער וואָס גייט צום טויט — האָט מיך אויפגעטרייסלט ביז די טיפסטע טיפענישן פון דער נשמה.

עלטערע העפטלינגען האָבן רעאַגירט אויף אַ מאָדנעם אופן. יוליעק האָט אַ פרעג געטון:

— ווען וועט זיך די צערעמאָניע שוין ענדיקן? איך בין הונגעריק!...

ער קען פילן הונגער אין אַזאַ מאָמענט! — האָב איך זיך געוווּנדערט.

און נישט געוווּסט, אַז אויך צו תליות געוווינט מען זיך לייכט צו.

אויף אַ ווונק פון לאַגער־פירער, איז דער לאַגער־קאַפּאָ צוגעגאַנגען צום פאַראורטיילטן און אים צוגעפירט צו דער תליה. צוויי געהילפן, פּשוטע העפטלינגען, האָבן אים געהאָלפן. פאַר צוויי ליטער זופּ. דאָס איז געווען דער פּרייז.

דער לאַגער־קאַפּאָ האָט געוואָלט פאַרבינדן דעם פאַראורטיילטן די אויגן, אָבער דער ייִדישער בחור פון וואַרשע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דאָזיקן חסד. ער וויל זען! ער האָט נישט קיין מורא!

דער תליון האָט געקווענקלט זיך אַ קורצע ווייל, דאַן האָט ער פאַרוואָרפן די פּעטליע אויפן קרבנס האַלדז און זיך געגרייט צו געבן אַ צייכן, זיינע געהילפן, זיי זאָלן אַוועקכאַפּן דאָס בענקל פון אונטער דעם פאַראורטיילטנס פיס.

— לעבן זאָל די פרייהייט! איך שעלט דייטשלאַנד! איך שעלט! איך שעעעעלט!

דער בחור, דער ייִדישער בחור פון וואַרשע האָט נישט פאַרענדיקט זיין קללה.

די תלינים האָבן אָפּגעטון זייער אַרבעט.

שאַרף ווי אַ חלף, האָט דאַן געקלונגען דער באַפֿעל פֿון לאַגער־עלטסטן:

— מי־צען אָפּ!

צען טויזנט חברים האָבן אָפּגעגעבן כבוד דעם געהאַנגענעם.

— מי־צען אויף!

שוין? געענדיקט דער ספּעקטאַקל? ניין. ערשט איצט קומט דאָס ערגסטע. דער גאַנצער לאַגער האָט — בלאָקנווייז — געמוזט פֿאַרביימאַרשירן פֿאַר דער תּליה און זיך גוט איינקוקן אין געהאַנגענעם, וועמענס רויטע צונג איז געווען מוראדיק גרויס און האָט פֿאַרוואַנדלט דאָס גאַנצע פּנים אין אַ טראַגי־קאָמישער, דערשיטערנדיקער גרימאַסע.

קאַפּאָס און בלאָק־עלטסטע האָבן געצוווּנגען יעדן צו קוקן גלייך אין די אויגן פֿון געהאַנגענעם.

ערשט דאַן, נאָך דער דאָזיקער פּראָצעסיע, האָבן מיר געמעגט צוריקגיין אין בלאָק און באַקומען אָונט־ברויט.

און צו מיין גרויסער דערשטוינונג האָט די זופּ ווונדערבאַר געשמעקט.

דאָס ערשטע מאָל געזען אַ תּליה־צערעמאָניע אין מיין לעבן, דאָס ערשטע מאָל געזען אַ געהאַנגענעם אין מיין לעבן און פֿונדעסטוועגן האָב איך, שפּעטער מיט צען מינוט, געגעסן רויִק מיין זופּ און באַדויערט וואָס זי איז היינט אַזוי שיטער...

שפּעטער האָב איך זיך בכלל צוגעוווינט צום ספּעקטאַקל פֿון תּליות. נישט געווען קיין וואָך אָן תּליות. און זיי האָבן מיך איבערצייגט, אַז איך בין געוואָרן יוליעק. דעם זעלבן צוגאַנג געהאַט צו די גרויל־צערעמאָניעס. באַדויערט האָב איך נישט די קרבנות, נאָר דעם פֿאַקט וואָס צוליב זיי, וועלן מיר באַקומען שפּעטער דאָס אָונט־ברויט.

דאָס רוב פֿאַראורטיילטע זענען געגאַנגען צו דער תּליה, אָן פּחד, אָן מורא. אָפּטמאָל האָט זייער קוראַזש דערשטוינט אַפֿילו די ס. ס.־ניקעס אַליין.

געווען אַזעלכע וועלכע האָבן געשריגן די תּלינים, די רוצחים אין פּנים, געוואָרנט זיי, אַז דער טאָג פֿון נקמה דערנענטערט זיך; אַנדערע

האָבן תּמיד געפֿונען אַ מאָמענט כּדי צו דערמוטיקן די וועלכע זענען נאָך פֿאַראורטיילט געוואָרן צום לאַגער־לעבן.

איך געדענק נישט קיין איין פֿאַל פֿון אַ פֿאַראורטיילטן וואָס זאָל האָבן געוויינט פֿילנדיק די אכזריותדיקע פּעטליע אויפֿן האַלדז. אַלע האָבן זיך באַצויגן מיט ביטול צום טויט און צו זייערע משרתים.

דאָקעגן געדענק איך אַ טראַגישן פֿאַל, ווען אַלע לאַגערניקעס וועלכע האָבן זיך געמוזט באַטייליקן אין דער תּליה־צערעמאָניע, זענען אויסגעבראָכן אין אַ שטומען געוויין.

איך וועל אים איצט דערציילן.

אָבער קודם מוז איך ווידמען איניקע ווערטער דעם אויבער־קאַפּאָ פֿון דער 52סטער קאַבעל־קאָמאַנדאָ. אַ האָלענדער איז ער געווען. אַ בחור — אַ ריז. צוויי מעטער הויך און אפֿשר נאָכמער. געזונט, שלאַנק, פֿעסט־געבויט. זיבן הונדערט העפֿטלינגען האָבן געאַרבעט אין זיין קאָמאַנדאָ. אַלע האָבן אים ליב געהאַט אהבת־נפֿש, ווייל — אַ גוטער מענטש איז ער געווען, דער האָלענדישער אויבער־קאַפּאָ. תּמיד האָט אַ שמייכל און אַן אויסדרוק פֿון אָפֿנהאַרציקייט באַשיינט זיין רויטלעך פּנים. קיינמאָל האָט אַ העפֿטלינג פֿון אים קיין פּאַטש נישט באַקומען; קיינמאָל האָט אַ העפֿטלינג פֿון אים אַ הויך, בייז וואָרט נישט געהערט.

איז ער טאַקע באַליבט געווען ביים גאַנצן לאַגער.

און ער, דער אויבער־קאַפּאָ האָט געהאַט אַ „פּיפּל", אַ קליין יינגעלע אַלס משרת. צוועלף יאָר איז דאָס יינגעלע אַלט געווען. שוואַרצע אויגן האָט ער געהאַט און אַן אײדל פּנים, אַ פּנים וואָס האָט געשאַפֿן אַ דיסהאַרמאָניע מיט דער לאַגער־סביבה.

ביי אונדז אין בונא זענען אַ סך קינדער געווען. אָדער „פּיפּלס", ווי מ'האָט זיי גערופֿן. זיי פֿלעגן באַדינען קאַפּאָס אָדער בלאָק־עלטסטע און באַקומען פֿון זיי פּראַקטישע לעקציעס וועגן האָמאָ־סעקסואַליזם.

אין לאַגער האָט מען זיי פֿיינט געהאַט, די פּיפּלס. ווייל אכזריותדיק זענען זיי געווען, ערגער פֿון דערוואַקסענע אכזרים. קיינער האָט נישט געקענט זיין מער אכזריותדיק ווי אַזאַ קינד. איך האָב אַליין געזען אַ מונקאַטשער יינגעלע, נאָך נישט בר־מצווה געוואָרן, וואָס האָט געשלאָגן

זיין פאַטער, ווייל ער, דער פאַטער, האָט נישט אויפגעבעט גוט זיין, דעם יינגלס, בעט.

דער פאַטער האָט שטיל געוויינט. האָט דאָס קינד צו אים געשריגן:

— וואָס וויינסטו? אויב דו הערסט נישט גלייך אויף צו וויינען, טאָ ברענג איך דיר מער נישט קיין ברויט! האָסט פאַרשטאַנען?

און אַן אַנדער יינגעלע האָב איך געקענט — צען יאָר אַלט — וואָס פלעגט שלאָגן אַלטע העפטלינגען ביז בלוט האָט פאַרפּלייצט זייערע פּנימער. און געשלאָגן זיי האָט ער סתם אַזוי, כדי צו באַווייזן זיין כוח, זיין מאַכט, כדי צו באַווייזן דעם עלטערן דור, אַז אַ רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען אין די לעצטע יאָרן, אַ רעוואָלוציע וועלכע גיט כוח און רעכט קינדער צו הערשן איבער זייערע עלטערן.

יאָ, דער לאַגער האָט דערצויגן זיינע קינדער אין ברוטאַלן, אוממענטשלעכן גייסט און זיי אין רוצחים פאַרוואַנדלט.

אָבער דער קליינע משרתל פון האָלענדישן אויבער־קאַפּאָ איז געוען אַן אויסנאַם. אים האָט מען ליב געהאַט. אַ גוט, ריין־קינדעריש האַרץ האָט אין אים געקלאַפּט. און אויגן האָט ער געהאַט — אויגן וואָס האָבן דערמאַנט די אויגן פון אַ טרויעריקן מלאך.

האָט אַמאָל די געשטאַפּאָ אַנטדעקט וואָפן אין בלאָק פון... אויבער־קאַפּאָ. וואָפן אין לאַגער! דאָס באַדייט: אַן אונטערגרונט־באַוועגונג!

מיר, העפטלינגען, האָבן געוווּסט וועגן דעם זייט דעם ערשטן טאָג פון אונדזער אָנקומען אין לאַגער. נישט איינמאָל האָבן מיר געזען מאָדנע זאַכן און טראַנזאַקציעס זיך אָפּשפּילן צווישן העפטלינגען און פּוילישע אַרבעטער אויף די אַרבעטס־פּלעצער. די פּאָליאַקן פלעגן איבערגעבן זייערע פריינט, די העפטלינגען, פאַרוויקלטע פּעקלעך, וואָס פלעגן גאַרשנעל פאַרשווינדן אין אַ קעסל זופּ, למשל.

די געשטאַפּאָ איז אָבער געוויר געוואָרן וועגן דעם — ערשט איצט. ווי אַזוי?

גאַנץ פּשוט: דעם אויבער־קאַפּאָס קאָמאַנדאָ האָט פאַרשפּרייט אַן אונטער־ערדישע קאַבל־נעץ אַרום דער פאַבריק פון בונא. איז אין אַ שיינעם טאָג די קאַבל־צענטראַלע געשפּרונגען און במשך גאַנצע דריי טעג האָט די ריזיקע פאַבריק געמוזט שטיין, אָן אַרבעט, אָן עלעקטרישן שטראָם.

די געשטאַפּאָ, וואָס איז גלייך אַראָפּגעקומען פון אוישוויץ, האָט געפאָרשט דאָ און דאָרט און איז באַלד געקומען צום אויספיר, אַז ס'איז געווען אַ סאַבאָטאַזש־אַקציע. די פעדים האָבן געפירט צום האָלענדישן אויבער־קאַפּאָ.

האָבן געשטאַפּאָניקעס גלייך געמאַכט אַן אונטערזוכונג אין זיין בלאָק און אַנטדעקט דאָרט אַ שפּאָר ביסל וואָפן.

דער אויבער־קאַפּאָ איז גלייך אַרעסטירט געוואָרן און במשך געציילטע וואָכן האָט מען אים געפייניקט, כדי ארויסצוקריגן די נעמען פון זיינע פריינט, די איבעריקע מיטגלידער פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג.

גאָרנישט האָט געהאָלפן.

דער אויבער־קאַפּאָ האָט געשמייכלט און — געשוויגן.

דאַן האָט מען אים איבערגעפירט קיין אוישוויץ און זיין דעמאָלט זענען זיינע שפּורן פאַרשוווּנדן. קיינער ווייסט נישט וואָס מיט אים איז דאָרט געשען.

אָבער זיין קליינער משרת איז געבליבן אין לאַגער, אין בונקער. אויך אים האָט מען אַרעסטירט. אויך אים האָט מען געפייניקט. אויך ער האָט געשוויגן.

די געשטאַפּאָ האָט געטענהט: דער קליינער משרת האָט אָנטייל־גענומען אין דער סאַבאָטאַזש־אַקציע, האָט געהערט צו דער אונטערגרונט־באַוועגונג. ער פלעגט עס אַריינברענגען די וואָפן אין לאַגער.

מיר, העפטלינגען, האָבן געוווּסט: ס'איז אמת. דער פּיפּל פון אויבער־קאַפּאָ האָט טאַקע געהערט צו דער אונטערגרונט־באַוועגונג.

צוויי אָדער דריי וואָכן איז ער פאַרבליבן אין בונקער, ווו אַלע פּייניקונגס־מעטאָדן זענען אויסגעפּרוווט געוואָרן אויף זיין אײדעלן, שלאַנקן קערפּער.

ער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. וואָלט ער פאַרלוירן זיין גבורה, זיין איבערמענטשלעכן ווידערשטאַנדס־כוח, וואָלטן צענדליקער אַנדערע העפטלינגען אַרעסטירט, געפייניקט און שפּעטער געהאַנגען געוואָרן.

אָבער ער האָט אויסגעהאַלטן. ביזן סוף.

נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָבן די ס. ס. אים פאַראורטיילט צום

טויט. אים און צוויי אַנדערע העפטלינגען, ביי וועלכע מען האָט אויך געפונען וואָפן.

זענען מיר אַמאָל צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, — געווען איז עס אין אַ טונקעלן זומער־טאָג — און געזען, אַז דריי תליות וואַרטן אויף אונדז. דריי תליות וואָס זייער שאָטן האָט איינגעהילט אונדזערע געדאַנקען.

דריי תליות.

פאַר וועמען? ווי געוויינלעך: דאָס האָבן מיר נאָך נישט געוווּסט. ערשט נאָכן אַפּעל. וועלן מיר וויסן. דאַן ווען מיר וועלן געצווּנגען זיין זיי צו קוקן גלייך אין פּנים אַריין.

אַפּעל. באַוואָפנטע ס. ס.־מענער. די שומרים אויף די וואַך־טורעמס שטייען גרייט צו שיסן. די טראַדיציאָנעלע צערעמאָניע. מען ברענגט דריי פאַראורטיילטע. צוויי דערוואַקסענע בחורים און צווישן זיי — דער קליינער פּיפּל.

די ס. ס. האָבן אויסגעזען צו זיין מער פאַרזיכטיק און מער אומרויִק ווי תמיד. מסתמא האָבן זיי אַליין געפילט: הענגען אַ קינד איז נישט קיין קלייניקייט — אַפילו אין לאַגער! דאָס קען ברענגען צו רעוואָלט! דאָס קען ברענגען דערצו, אַז צען טויזנט העפטלינגען זאָלן מיטאַמאָל אַראָפּוואַרפן די קייטן, די מורא פון זייערע הענט! האָבן טאָקע דערפאַר לופּעס פון מאַשין־געווער געלויערט אויף אונדז, פינצטערער ווי אַלעמאָל, פון אַלע זייטן.

אָט איז דער לאַגער־פירער. ער לייענט פאַר דעם דריי־מאָליקן טויט־אורטייל.

אַלע אויגן זענען געווענדט צום קליינעם יינגעלע. ער איז געשטאַנען בלאַס און כמעט רויִק אין שאָטן פון דער תליה. אין זיינע טונקעלע מלאך־אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַן אומענדלעכער טרויער.

דאָסמאָל האָט דער לאַגער־קאַפּאָ זיך אָפּגעזאָגט צו דינען אַלס תליין. נישט געוואָלט הענגען אַ קינד.

בדלית־ברירה האָבן דריי ס. ס.־מענער געמוזט אים פאַרטרעטן.

די דריי פאַראורטיילטע זענען צוזאַמען אַרויפגעגאַנגען אויף דער תליה. צוזאַמען געגעבן דעם האַלדז דער אָפענער פעטליע.

זיי זענען איצט געשטאַנען מיטן פּנים צו אונדז.

— לעבן זאָל די פרייהייט! — האָבן ביידע דערוואַקסענע געשריגן.

דער קליינער האָט געשוויגן.

— ווו איז גאָט? האָט עמעצער געפרעגט, עמעצער הינטער מיר.

אַן אומדערטרעגלעכע שטילקייט האָט באַהערשט דעם גאַנצן לאַגער. אין מערב־זייט האָט די פאַרגייענדיקע זון דעם הימל אָנגעצונדן.

אויף אַ צייכן פון לאַגער־פירער, זענען מיטאַמאָל די דריי בענקלעך אָפּגעריסן געוואָרן פון אונטער די פיס פון די פאַראורטיילטע.

— מי־צען אָפּ! — האָט, דאָס מאָל מיט אַ דערשטיקטער שטים, געשריגן דער לאַגער־עלטסטער.

ביי אַ סך העפטלינגען, ביי גאָר אַ סך, האָבן טרערן זיך באַוויזן אין די אויגן.

— מי־צען אויף!

דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש. דער לאַגער דאַרף זען דעם גורל פון דייטשלאַנדס שונאים.

ביידע דערוואַקסענע זענען שוין געווען טויט. די פעטליע האָט זיי אויפן אָרט, אויפן מאָמענט דערוואָרגן. גלייך די נשמה אויסגעהויכט. זייערע אויסגעשטרעקטע צונגען זענען געווען רויט, ווי פייער.

בלויז דער קליינער, דאָס ייִדישע ייִנגעלע מיט די פאַרחלומטע, פאַרבלאָנדזשעטע אויגן, האָט נאָך געלעבט. זיין קערפּער האָט צו וויניק געוויגן. צו לייכט געווען. האָט די פעטליע נישט „געכאַפּט“.

35 מינוט האָט געדויערט די לאַנגזאַמע גסיסה פון קליינעם משרתל. און מיר האָבן אים געזען, וואַקלענדיק זיך, הוידענדיק זיך אויפן שטריק, מיט דער בלוי־רויטלעכער צונג אין דרויסן, מיט אַ תפילה אויף די ווייסע, גרוי־ווייסע ליפּן, אַ תפילה צו גאָט, צום מלאך־המות, ער זאָל זיך מרחם־זיין אויף אים, ער זאָל צונעמען זיין נשמה, באַפרייען זי פון די חבלי־גסיסה, פון חיבוט־הקבר. ווען מיר האָבן אים געזען אַזוי, דעם קליינעם געהאַנגענעם, האָבן אַ סך נישט געוואָלט, נישט געקענט זיך צוריקהאַלטן פון וויינען.

— ווּ איז גאָט? האָט דער זעלבער מאַן, הינטער מיר, געפרעגט צום צווייטן מאָל.

עפּעס אין מיר האָט געוואָלט אים ענטפערן:

— גאָט? ווּ ער איז? — אָט הענגט ער, אויפן דאָזיקן שטריק...

דעם דאָזיקן אָוונט האָט די זופּ נישט געשמעקט.

מיר האָבן זי באַהאַלטן אויף צומאָרגנס.

קאַפּיטל פיר

דער יום-הדין

...און אויך דער זומער איז כמעט פאַרביי.

די פלאַמען פון דער זון זענען געוואָרן שוואַכער, בלאַסער, גוט־מוטיקער. אין אָוונט פלעגט אַפילו אַ קיל ווינטל דערגיין צו אונדז.

אַ סימן דער ווינטער שטייט און וואַרט ביים טויער.

עלטערע העפטלינגען זאָגן:

— שלעכט. ווינטער איז אַ מלאך־המות פאַר לאַגער־מענטשן. וואַרט אַ ביסעלע צו און איר וועט זען... מיר, מיר אַלטע וייסן, וואָס דער ווינ־טער ברענגט מיט זיך!

מילא. ווינטער — זאָל זיין ווינטער. קיין מורא האָבן נישט געהאַט. וואָלט מען אונדז געזאָגט, אַז די גאַנצע וועלט גייט צעשטערט ווערן און מיר צוזאַמען מיט איר — וואָלטן מיר אויך קיין מורא נישט געהאַט.

האָבן מיר געשמייכלט — האַלב־נאַריש און האַלב־מיסטיש — און געענטפערט:

— זומער איז גלייך צו ווינטער און ווינטער איז נישט אַנדערש פון זומער. דער טויט אונטערשיידט נישט צווישן סעזאָנען. ער האָט אַרבעט אַ גאַנץ יאָר.

פרומע ייִדן האָבן, ביי דער געלעגנהייט, זיך דערמאָנט, אַז מיר שטייען נאָענט צו די ימים־נוראים.

— מ׳מוז זיך גרייטן צום יום־הדין! — האָבן זיי געוועקט יעדן, וואָס זיי האָבן באַגעגנט ביי דער אַרבעט אָדער אין בלאָק.

זיך גרייטן? צו וואָס? מיר זענען גרייט.

דאָסמאָל וועלן די ראָלן זיך טוישן. דאָסמאָל וועלן מיר נישט שטיין ווי באַשולדיקטע פאַרן אַבסאָלוטן ריכטער. דאָסמאָל וועלן מיר זיין דער ריכטער און ער — גאָט אַליין, — דער באַשולדיקטער.

— מ׳מוז זיך גרייטן צום יום־הדין! — האָבן פרומע ייִדן אונדז געוואָרנט.

מיר זענען גרייט. אַלץ איז צוגעגרייט. מעכטיקע דאָקומענטן אין אונדזער באַשולדיקונגס־אַקט. לעבעדיקע און גרויזאַמע דאָקומענטן. דאָקומענטן וועלכע דאַרפן דערשיטערן די יסודות פון געטלעכן צדק אין הימל און אויף דער ערד.

יום הדין? זאָל ער קומען. מיר וואַרטן אויף אים.

***

ערב ראש־השנה.

דער לעצטער טאָג פון יאָר פון קללות. אַן איבערנאַטירלעכע שפאַנונג איז געהאַנגען איבערן לאַגער. די נערוון — ווי סטרונעס: אָט אָט פלאַצן זיי פון נישט אויסגעדריקטן כוח וואָס ליגט אין זיי, פון די אַלע לידער וואָס זיי וואָלטן געוואָלט זינגען און קענען נישט, ווייל — עס זינגט זיך נישט אויף דער נשמה.

דער לעצטער טאָג פון יאָר.

ווידער קלינגט מאָדנע דאָס וואָרט „דאָס לעצטע“. אַן אויסטערלישער סוד ליגט אין דעם דאָזיקן באַגריף, אַ מיסטעריעזער שארם, אַ פאַרשאָלטענער דיבוק. דער לעצטער טאָג... אַ גרענעץ צווישן עבר און עתיד, אַ בריק צווישן „וואָס איז געווען“ און „וואָס וועט זיין“, אַ בינד־שטריך צווישן פראַגע־צייכן און אויסרוף־צייכן.

דער לעצטער טאָג פון יאָר.

בין־השמשות. אַ גינגאָלדענע שקיעה. די זון פאַרגייט אין מערב און ס׳איז גלייך ווי זי וואָלט אונדזער האָפענונג מיט זיך מיטגענומען אויף אייביק. הלוואי וואָלט זי פאַרטראָגן מיט אירע שטראַלן אויך אונדזער פיין.

אין די בלאָקן פאַרטיילט מען אָונט־ברויט. הייסע, געדיכטע זופ.

כאָטש דער מאָגן איז ליידיק. כאָטש די אויגן זענען געשוואָלן פון דערקיינער רירט זיך נישט צו צו איר. כאָטש זי איז הייס און געשמאַק. וואַרטונג. כאָטש דער הונגער פייניקט. וואַרטן וויל מען. וואַרטן ביז נאָכן דאַווענען. קודם דאַווענען און ערשט דאַן פראַווען אַ יום־טובדיקע סעודה, ווי עס דאַרף־צו־זיין.

אַ פונק פון עבר האָט אויפן בלויען הימל און אין אונדזער פאַרשטיינערט האַרץ זיך אָנגעצונדן.

די עלעקטרישע לעמפלעך וואַרפן זייער ליכט אויף די עלעקטריזירטע צוימען. די שאַנסן אין לאַגער ווערן גרעסער, לענגער, לעבעדיקער.

אויפן אַפעל־פלאַץ. אַפעל? נישט קיין אָפיציעלער, געצוווּנגענער אַפעל. אַן אַנדערער אַפעל קומט איצט דאָרט פאָר. טויזנטער ייִדן. זייער פנים זאָגט עדות אויף דער קדושה פון דער נאַכט; און אויף זייער צוגעבונדנקייט צו דער אַ, קדושה. אין די אויגן — אַ טראָץ־אַלעמדיקער בטחון, אַן אַבסורדאַלע אמונה.

די נאַכט דערנענטערט זיך מיט שטילע טריט. גלייך אויך זי וואָלט געוואָלט מצרף־זיין זיך צום מנין. דער אַפעל־פלאַץ ווערט פון מינוט צו מינוט פולער, קאָמפּאַקטער.

האָב איך געפילט: אָט, דאָ, צווישן די עלעקטרישע צוימען און אין שאָטן פון באַוואָפנטע רוצחים, האָט דער מענטש באַקומען אַ נייעם כוח. ער איז פעיִק גובר צו זיין די צייט, דעם שטח, זיי באַהערשן, געפינען אין הוה, שאַפן אין הווה אַ בליץ פון עבר. וואָס ביסטו גאָט, דער האַר פון באַשאַף, וואָס ביסטו אַקעגנאיבער דעם אַ, המון וואָס איז געקומען דיר שרייען זיין גלויבן, זיין צאָרן, זיין פראָטעסט, זיין בקשה? וואָס איז דיין גרויסקייט לגבי זייער שוואַכקייט?

אָט איז דער מענטש שטאַרקער געוואָרן פון זיין גאָט, האָב איך געטראַכט.

צען טויזנט מענטשן האָבן זיך באַטייליקט אין ריזיקן מנין. בלאָקעלטסטע, קאַפּאָס און סתם פראָמינענטע לאַגערניקעס. אַלע, אָדער כמעט אַלע זענען זיי געקומען צוזאַמענגיסן זייער תפילה מיט דער יאוש־תפילה פון לאַגער־מנין.

פרומע ייִדן — וועלכע האָבן צוליב זייער ייִדישקייט פאַרלוירן די רעכט אָנגערופן צו ווערן מענטשן — פרומע ייִדן וויינען אויפן הויכן קול.

— ברכו את אדני המבורך! — רופט אויס דער חזן מיט אַ נישט־מענטשלעכער שטים. געדוכט האָט זיך, אַז דער ווינט דאַוונט פאַרן עמוד און נישט קיין מענטשלעך באַשעפעניש.

געבענטשט זאָל זיין גאָטס נאָמען!

מענטשן דאַוונען. דער צען טויזנט קעפּיקער מענטש האָט, הערנדיק די אַ, ווערטער, זיך איינגעבויגן, גלייך אַ הויכער ריזן־בוים וואָס פאַרבייגט זיינע צווייגן, פילנדיק דעם שטורעם־ווינט.

מענטשן דאַוונען. צו גאָט דאַוונען זיי. דאָ, אין לאַגער. צווישן עלעקטרישע צוימען. איניקע שפּאַן פון קרעמאַטאָריעס. צו גאָט שיקן זיי תּפילות, ברכות. צו דעם גאָט וואָס פאַרנעמט טאָג־טעגלעך רויך־קרבנות פון בלוט.

גאָט. דער אייביקער בעל־הרחמים. אַמאָל האָט ער געפאָדערט קרבנות — שאָף. היינט זענען זיינע פאָדערונגען געשטיגן. מענטשן וויל ער. מענטשן און נישט שאָף! און אויב ער וויל — באַקומט ער. ער נעמט זיך אַליין!

און מענטשן דאַוונען צו אים.

געבענטשט זאָל זיין גאָטס נאָמען!

פאַרוואָס? רעוואָלטירט אַ שטים אין די טיפסטע טיפענישן פון מיין האַרץ. פאַרוואָס? פאַרוואָס קומט עס אים? פאַרוואָס זאָלן מיר בענטשן זיין נאָמען? פאַר די קינדער וועלכע איך האָב געזען פאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט אין פייער־גריבער? פאַר די זעקס קרעמאַטאָריעס וואָס פונקציאָנירן אָן אויפהער, אָן אויפהער, טאָג און נאַכט, נאַכט און טאָג, איך בירקענאַו? פאַרוואָס אים בענטשן?

דער חזן דאַוונט. דער עולם דאַוונט מיט. ייִדן, פרומע, וויינען. כליפען. אויסגעוויזן האָט זיך, אַז אָט אָט וועלן זייערע נשמות אויסגיין צוזאַמען מיט זייערע טרערן. און פון זייערע טרוקענע ליפּן האָבן ווערטער, אַמאַליק־הייליקע זיך באַוויזן. ווערטער וואָס האָבן געפרוווט דערגיין ביזן הימל, שפּאַלטן, אַדורכברעכן די שערי־שמים, די שטומקייט־מויערן, וואָס גאָט אַליין האָט אויפגעשטעלט צווישן זיך און זיינע באַשעפענישן, אַדורכ־

ברעכן זיי און זיך וואַרפן אויפן כסא־הכבוד און אים טרייסלען, שאָקלען, כדי אַרויסרייסן אים פון זיין גלייכגילטיקייט.

ווערטער, ווערטער, ווערטער.

טרערן, טרערן, טרערן.

אַ רעגן פון טרערן האָט באַנעצט די מיט בלוט־דורכגעזאַפּטע ערד פון אַפּעל־פּלאַץ אין בונא.

דער חזן — אַ ווידזשנעצער חסיד, אַ שוחט אָדער אַ דיין — זינגט האַרצרייסנדיק:

— לד׳ הארץ ומלואה!

ביי יעדן וואָרט איז ער שטיין געבליבן. נישט געקענט צונויפבינדן די ווערטער פון מזמור. דער ניגון איז ווי אַ ביין אים אין האַלדז שטיין־געבליבן און אים געוואָרגן.

און איך — דער אַמאָליקער ישיבה־בחור, דער בר־מצוה־בחור — האָב זיך געטראַכט: יאָ, שטאַרקער איז דער מענטש פון זיין באַשעפער, פון זיין גאָט. ווען דו, גאָט, גרויסער און גרויזאַמער גאָט, האָסט זיך אַנטוישט אין אדם וחוה — האָסטו גלייך זיי פון גן־עדן פאַרטריבן; ווען דו האָסט אין נוחס דור זיך אַנטוישט — האָסטו באַלד אַ מבול אויף אים געבראַכט; ווען סדום איז דיר נישט געפעלן געוואָרן — האָסטו זי אין פייער פאַרברענט. איז אָט האָבן מענטשן אין דיר זיך אַנטוישט און וואָס זשע טוען זיי? זיי דאַוונען צו דיר! זיי לויבן דיין נאָמען!

אַלץ געהערט צו גאָט! — האָט דער חזן, דער ווידזשנעצער חסיד געזונגען, האַרצרייסנדיק.

אמת. אַזוי האָט מען געלערנט פון קינדהייט אָן. אַזוי האָב איך געלערנט אין חדר, אַזוי האָב איך געלערנט אין דער ישיבה, אַזוי האָבן מיר געזאָגט רבנים און חסידים, ספרים און מפרשים. אמת, אַלץ געהערט צו אים, צו גאָט. אַלץ. די גאַנצע וועלט. די גאַנצע מענטשהייט. אַלע פעלקער אַלס פעלקער און אַלע יחידים אַלס יחידים. און אין זיין וועלט, אין גאָטס וועלט שפּילן זיך אָפּ אַזעלכע רציחה־מעשים! און ער שווייגט?! און גאָטס שווייגן באַדייט, אַז ער איז מסכים! ווי אַזוי זשע קענען מיר מיט אים מסכים זיין?

בילדער פון עבר טויכן אויף פאַר מיינע אויגן: אַמאָל, ראש־השנה, האָבן איך אַנדערש זיך געפילט, אַנדערש זיך געפירט. שוואַכער און ריינער. געוווּסט האָב איך: אַ סך עבירות האָב איך אָפּגעטון במשך דעם פאַרלאָפענעם יאָר. און מיט יעדער עבירה האָב איך דעם רבונו־של־עולם צער פאַרשאַפט. מיט יעדער נישט־געטוענער מצוה האָב איך פאַרלענגערט דעם גלות פון דער שכינה, פאַרשאַרפט דעם צער פון משיחן. האָב איך טאַקע געוויינט, מיט ביטערע טרערן געוויינט, בשעת דער באַרשער רבי ז״ל, האָט זיך אַ שאָקל געטון און מיט זיין וואַרעמער שטים אַ וואָרף געטון צו זיינע הונדערטער חסידים דעם „לדוד מזמור, לד׳ הארץ ומלואה!״...

אַמאָל? אַמאָל האָב איך געגלויבט באמונה שלמה, אַז גאָט זעט אַלץ און משפט אַלץ, אַז גאָט פאַרגעסט נישט, אַז גאָט הערט זיך צו צו אמתע תפילות.

אַמאָל? אַמאָל האָב איך געגלויבט, באמונה שלימה געגלויבט, אַז פון מיינס אַ זשעסט, פון מיינס אַ תפילה איז אָפּהענגיק דער גורל פון דער וועלט, פון ייִדישן פאָלק, פון דער גאולה?

נישטאָ מער דער „אַמאָל״.

היינט? היינט קומען נישט קיין טרערן אין מיינע אויגן. פאַרטרוקנט האָט זיך דער קוואַל. היינט פיל איך זיך מער נישט שוואַך. שטאַרק פיל איך זיך. איך פיל אין זיך די גבורה, דעם כוח פון אַזעלכן כלפּי וועמען אַן אומגעהויערע אומרעכט איז געטון געוואָרן. שטאַרק פיל איך זיך. שטאַרק ווי אַ פּראָקוראָר כלפּי אַ מערדער. ווייל — אינצווישן האָבן די אויגן מיינע זיך געעפנט. און דערזעען האָבן זיי, און געוויזן האָבן זיי מיר אַ נייע וועלט, אַ ניי פנים פון דער וועלט. אינצווישן האָב איך אין מענטש זיך אַנטוישט. און אין דער מענטשהייט זיך אַנטוישט. און אין גאָט. אין גאָט פון דין, אין גאָט פון רחמים.

איך בין געקומען אויפן אַפּעל־פּלאַץ. אָבער מיטן מנין האָב איך נישט מיטגעדאַוונט. געשטאַנען בין איך דאָרט ווי אַן אָבסערוואַטאָר און געפּרוווט טון וואָס מ׳דאַרף טון ראש־השנה: מאַכן אַ חשבון־הנפש און דער אָ, חשבון־הנפש האָט מיר אַנטדעקט די פעלערן אין מיין ביז־איצ־

טיקער וועלט־אַנשויאונג. מיר אַנטפּלעקט די עקזיסטענץ פון אייביקן רעטעניש פון מענטשלעכער און געטלעכער אכזריות.

די תפילה האָט זיך פאַרענדיקט מיט קדיש. ווי געוויינלעך. ביי ייִדן ענדיקט זיך אַלץ מיט קדיש. אָבער דאָסמאָל האָט יעדער איינער קדיש געזאָגט, נאָך עלטערן, נאָך קינדער, נאָך שוועסטער און נאָך זיך אַליין.

אַ געוויסע צייט איז דער עולם געבליבן אויפן אַפּעל־פּלאַץ און נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך. מען איז אַריינגעפאַלן אין אַ תהום פון בטחון און ס׳האָט זיך נישט געגלוסט אים צו פאַרלאָזן. איז מען געשטאַנען אויפן אָרט, אָן אַ פאַרוואָס, אָן אַ ציל. ערשט שפּעטער, בעת ס׳האָט זיך דערנענטערט די צייט צו גיין שלאָפן, האָט מען זיך גענומען פונאַנדערגיין, פונאַנדערדרייסן אויף שטיקער.

אויפן טונקל־בלויען הימל האָבן די ערשטע שטערן זיך באַוויזן, שטערן וואָס האָבן ווי תמיד זיך גערייצט מיט אונדזער פאַנטאַזיע.

— אַ גוט יאָר! איר זאָלט אייך האָבן אויסגעבעטן אַ גוט יאָר! — האָבן ייִדן זיך געווונטשן איינער דעם אַנדערן.

ווינטשנדיק זיך אַזוי — און דערמאָנענדיק זיך, אַז די זעלבע ווינטשעוואַניע האָט מען געזאָגט אויך פאַראַיאָר — זענען פונדאָסניי טרערן פאַרלאָפן אין די אויגן, אָבער מ׳האָט זיך באַמיט נישט צו וויינען.

האָבן אַלע ייִדן געפּרוווט שמייכלען.

זענען פון די שמייכלען אַרויסגעקומען גרימאַסן, טראַגישע גרימאַסן וועלכע האָבן אַלץ אין זיך געהאַט. טרויעריקע פרייד און פאַרצווייפלטן בטחון.

איך בין געלאָפן זוכן דעם פאָטער. איך האָב מורא געהאַט פאַר דער מינוט, ווען איך וועל אים — אויך אים — דאַרפן ווינטשן אַ גוט יאָר און אמונה אין דער צוקונפט. געוווּסט האָב איך: איך וועל זיך נישט קענען איינהאַלטן, איך וועל זיך צעוויינען און וויינען האָב איך נישט געוואָלט, בשום אופן נישט.

נעבן בלאָק איז ער געשטאַנען. אָנגעשפּאַרט אין אַ הילצערנעם סלופּ. איינגעבויגן. גלייך די יסורים פון צען דורות וואָלטן געלעגן אויף זיינע פּלייצעס. זיינע אויגן האָבן געקוקט ערגעץ אין דער נישט־רעאַלער ווייטקייט, וועלכע ער אַליין איז געווען מסתמא מסוגל צו זען.

בין איך צוגעגאַנגען צו אים. גענומען זיין רעכטע האַנט און זי געקושט. נישט ווילנדיק האָט אַ טרער זיין האַנט באַנעצט. וועמענס טרער איז דאָס געווען? מיינע? זיינע? אפשר ביידנס. איך האָב אים גאָרנישט געזאָגט. ער מיר — אויך נישט. בלויז אונדזערע הענט האָבן גערעדט צווישן זיך.

קיינמאָל האָבן מיר זיך אַזוי נישט פאַרשטאַנען, איינער דעם אַנדערן, ווי אין יענעם מאָמענט. כאָטש — אָדער ווייל — מיר האָבן מיט ווערטער זיך נישט באַנוצט. אונדזער שווייגן איז געווען טיפער, אמתער פון אַלע דערהויבענע פראַזן, וואָס מענטשן האָבן אויסגעטראַכט, אויסקאָמבינירט זייט ששת ימי בראשית.

אַ לאַנגע צייט זענען מיר געשטאַנען אַזוי, אין שאָטן פון נייעם יאָר און געשוויגן.

דעמאָלט, אין יענעם מאָמענט, איז ער געווען פאַר מיר אַלץ. אַ פאָטער, אַ מוטער, אַ פריינט — אַ גאָט — איך אַליין.

פלוצים — דער גלאָק. מ׳דאַרף צוריקגיין אין בלאָק שלאָפן. זענען מיר צוריקגעקומען. פון ווייט, פון ווייט. פון עבר צום הוה.

איך האָב אויפגעהויבן מיין בליק. געוואָלט אים זען, דעם טאַטן. געוואָלט מאָלן אַ שמייכל אויף זיין גרוי־אַלט, פאַרעלטערט פנים. נישט באַוויזן. ער האָט נישט געשמייכלט. ווי דער גורל אַליין איז ער געשטאַנען איבער מיר, איינגעבויגן. אָן כוח, אָבער גרייט צו באַשיצן מיך פון שונאים, מיט זיין בלוט, מיט זיין לעבן.

...און איצט, שרייבנדיק די דאָזיקע שורות, זע איך אים נאָך אַלץ שטיין אין שאָטן פון בלאָק, אָנגעלענט אין אַ האָלצערנעם סלופּ, איינגעבויגן איבער מיר. איך זע נאָך אַלץ זיינע אויגן וואָס האָבן צאָרן־פלאַמען געוואָרפן אויף דער אַרומיקער וועלט, צאָרן־פלאַמען וועלכע וועלן דורך מיר, אייביק דערמאָנען דער וועלט, דער מענטשהייט, אַז צוליב איר שווייגן, צוליב איר פאַרברעכערישער גלייכגילטיקייט, איז דייטשלאַנד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מזבח פאַרן יידישן פאָלק...

געווען איז דאָס ערב ראש־השנה תש״ה, אין אַן אָוונט ווען דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן — צוזאַמען מיט מיין האַרץ.

***

יום כיפור.

צי דאַרף מען פאַסטן יום־כיפור?

אַ האַרבע שאלה.

פאַסטן באַדייט דאָ — סכנות נפשות. דאָ פאַסט מען אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר. דאָ איז אַ גאַנץ יאָר יום־כיפור. דאָ איז יעדער טאָג אַ יום־הדין. דאָ שטייט מען יעדן טאָג אויף דער וואָגשאָל פון בלינדן גורל, וואָס דאַרף אונדז פאַרמשפטן צום לעבן אָדער צום טויט.

הערט זשע אַ פּראָבלעם: צי זאָל מען פאַסטן יום־כיפור!

ס׳רוב ייִדן אין לאַגער האָבן געענטפערט: יאָ, מ׳דאַרף פאַסטן. איי, סכנות נפשות? טאַקע דערפאַר דאַרף מען פאַסטן. דווקא — ווייל ס׳איז סכנות־נפשות. מ׳מוז ווייזן דעם רבונו־של־עולם, אַז אַפילו דאָ, אין אונדזער פאַרשלאָסן וועלטל, ווו פאַר אים איז קיין פלאַץ נישטאָ, נישט פאַר אים און נישט פאַרן מענטש, אַפילו דאָ טוען מיר זיין רצון.

נאַרישע ייִדן!

גאָטס האַרץ האָבן זיי געוואָלט ווייכער מאַכן!

איך האָב נישט געפאַסט. ערשטנס, האָב איך געוואָלט צוליב־טון דעם פאָטער. ער האָט געאסרט מיר דאָס פאַסטן. צווייטנס האָב איך נישט געקענט פאַסטן צוליב גייסטיקע סיבות.

געטראַכט האָב איך: פאַסטן באַדייט — שלום מאַכן מיט גאָט, מיט זיין תורה, מיט זיין אמת, מיט זיינע וועגן און איך בין דאָך נישט שלום, נישט מיט אים און אוודאי נישט מיט זיינע וועגן. פאַרקערט: רעוואָלטירן קעגן אים. דאָס וויל איך! און מיין עסן אין יום־כיפור וועט זיין אַ זשעסט פון פּראָטעסט קעגן אופן מיט וועלכן ער פירט אָן מיט דער וועלט.

האָב איך טאַקע געגעסן מיין אָרעם שטיקל ברויט.

אָבער אין האַרצן, טיף אין האַרצן, האָב איך געפילט אַ שרעקלעכע פוסטקייט, אַ וואָגיקע ליידיקייט.

אַ קליינקייט? איך האָב פאַרלוירן מיין גאָט!

***

ווען דער רעליגיעזער יום־הדין איז פאַרביי, איז געקומען אַן אַנדערער, אַ מער רעאַלער און אַ מער ערנסטער: אַ סעלעקציע.

יאָ, לכבוד סוכות האָבן די ס. ס. אונדז צוגעגרייט אַ מתנה.

מיר זענען צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. אין לאַגער האָט געהערשט אַ מאָדנע שטימונג. אַ שטימונג פון אומרו. דער אַפּעל האָט דאָסמאָל געדויערט וויניקער ווי תמיד. דאָס עסן איז פאַרטיילט געוואָרן אין איילעניש.

צו יענער צייט בין איך נישט געווען מיטן פאָטער צוזאַמען אין איין בלאָק. די סיבה: מען האָט מיך צוגעטיילט צו אַן אַנדערער קאָמאַנדאָ. צו אַ בוי־אַרבעט. 12 שעה אַ טאָג האָב איך געשלעפּט 50 קילאָדיקע שטיינער אויף די פּלייצעס.

היות דער טאַטע איז געבליבן אין דער מוזיקער־קאָמאַנדאָ און ווייטער געאַרבעט אין עלעקטרע־מאַגאַזין איז ער פאַרבליבן אין זיין געוועזענעם בלאָק נומער 36.

איך אָבער בין אַריבערגעשיקט געוואָרן אין בלאָק 57, אין שפּיץ פון וועלכן ס'איז געשטאַנען אַ גוטער דייטשער ייִד, שלאַנק, נידעריק געבויט און מיט אַ שאַרפער נאָז און מיט נאָך אַ שאַרפערן בליק.

ובכן, יענעם סוכות־אָוונט האָט אַ נערוועזיטעט געהערשט אין לאַגער. דער בלאָק־עלטסטער אונדזערער האָט באַפוילן נישט צו פאַרלאָזן דעם בלאָק נאָכן אָוונט־ברויט.

און אַ שרעק־וואָרט האָט געטראָגן זיך פון מויל צו מויל, פון האַרץ צו האַרץ:

סעלעקציע!

מיר האָבן געוווּסט דעם באַדייט פון דאָזיקן וואָרט. פון צייט צו צייט קומט אַ הויכער ס. ס.־אָפיציר אַראָפּ און קאָנטראָלירט די העפטלינגען. טרעפט ער אַ שוואַכן צווישן זיי — אויפן לאַגער לשון: אַ מוזולמאַן — פאַרשרייבט ער זיין נומער און יענער איז אַ פאַרטיקער קאַנדידאַט צום קוימען.

מאַרטין, דער שטובנעלטסטער האָט פאַרטיילט די זופּ און דאָסמאָל נישט געשלאָגן מיטן גרויסן אייזערנעם לעפל איבער די קעפּ פון די העפטלינגען.

נאָכן אָפּעסן האָט מען זיך פאַרזאַמלט גרופּנווייז צווישן די בעטן און געפּרוּווט די שאַנסן וואָס מ'האָט צו בלייבן לעבן.

עלטערע העפטלינגען דערציילן:

— איר האָט מזל. איר האָט מזל וואָס איר זענט געקומען שפּעט. און נישט מיט צוויי יאָר צוריק. היינט איז אַ גן־עדן לגבי דעם וואָס דאָ איז געווען דעמאָלט. דעמאָלט איז בונא אַ גיהנום געווען. וואַסער איז נישט געווען. דעקן — אויך נישט. עסן — פיל וויניקער פון היינט. ביינאַכט פלעגט מען שלאָפן כמעט נאַקעט און אָן דעקן. און אין דרויסן און אינעווייניק אין די בלאָקן איז געווען 30 גראַד פראָסט. טאָג־טעגלעך זענען הונדערטער מענטשן אומגעקומען. געפאַלן ווי פליגן אין לאַגער און ביי דער אַרבעט. די אַרבעט איז געווען שווער, טויזנט־פאַכיק שווערער ווי די היינטיקע. די קאַפּאָס האָבן באַקומען באַפעלן צו הרגענען יעדן טאָג אַ געוויסע צאָל העפטלינגען. און סיבות און מיטלען האָבן נישט אויסגעפעלט. חוץ דעם איז יעדע וואָך פאָרגעקומען אַ סעלעקציע. אַ שטרענגע אומברחמנותדיקע סעלעקציע... יאָ, איר האָט מזל! מזל האָט איר וואָס איר זענט אַזוי שפּעט געקומען!

מזל האָבן מיר גאָר!

שטיל איז געוואָרן אין בלאָק. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט שנעל, טייוולאָניש שנעל.

— גענוג! דערציילט נישט ווייטער! — האָב איך זיך געבעטן ביי זיי, ביי די עלטערע העפטלינגען — איר וועט דערציילן מאָרגן, איבערמאָרגן.

זיי האָבן זיך צעלאַכט און זייער געלעכטער האָט מיך אויפגעשוידערט:

— גוט, קליינער. האָסט מורא? מילא. אויך מיר האָבן מורא געהאַט. דעמאָלט איז געווען פאַרוואָס מורא צו האָבן. היינט? היינט האָט איר מזל. מזל וואָס איר זענט געקומען שפּעט.

עלטערע ייִדן — און בעיקר אַזעלכע וואָס האָבן נאָך נישט אַדורכ־

געמאַכט קיין סעלעקציע — זענען געשטאַנען אין אַ זייט און געשוויגן. גלייך זיי האָבן זיך געהיט נישט אַרויסצורעדן אַ וואָרט, בכדי נישט צו דערמאָנען דעם גורל, אַז זיי לעבן נאָך. בעסער זאָל ער אָן זיי פאַרגעסן.

פרומע ייִדן האָבן זיך גענומען צום אַלטן מיטל: זיי דאַווענען, זאָגן תהלים. די אויגן ווערן איינגעגראָבענער, טיפער, טונקעלער ווי כוואַליעס אויף אַ שטורמישן ים.

אין אַ שעה אַרום...

אין אַ שעה אַרום וועט אונדזער גורל פונדאַסניי געחתמעט ווערן. לחיים או למות. טויט אָדער ווייטערדיקע פּיין. אָט, דער נייער יום־הדין פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. נאָר דאַסמאָל זענען מיר אָן אַ מליץ־יושר. דער איינציקער מליץ־יושר דאָ קען זיין דיין געזונטער קערפּער, מוסקלען אָדער דער גורל, דער צופאַל. איך האָב נישט געהאַט קיין צוטרוי צו קיין איינעם פון זיי.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן פאָטער... וואָס וועט זיין מיט אים? אַן אַלטער מאַן געוואָרן. אַזוי פאַרעלטערט זיך. אָפּגעשוואַכט, מאָגער, מיד, פאַרמאַטערט. קוים וואָס ער זעט ווו ער גייט. וואָס זשע וועט זיין מיט אים?

דער בלאָק־עלטסטער אונדזער איז דענערווירט. זייט 1933 געפינט ער זיך אין פאַרשידענע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ער ווייסט: היינט — אָוונט וועט ער זיין געצוווּנגען אַרויסצוגעבן פון זיין בלאָק אַ געוויסע צאָל מענטשן צום מולך. און דאָס טוט אים וויי. ער וואָלט געוואָלט אונדז אַלע ראַטעווען, ראַטעווען פון דער סעלעקציע. ווי אַזוי?

אַרום ניין אַ זייגער אין אָוונט דערשיינט ער צווישן אונדז. זיין פּנים איז טונקעלער, זיינע אויגן מידער, זיין מויל פאַרביטערטער, ווי אַלע מאָל.

— אַכטונג! — בעט ער זיך ביי אונדז.
שטילקייט.

— הערט זיך גוט צו צו מיינע רייד!

זיין שטימע האָט געציטערט. דאָס ערשטע מאָל וואָס איך הער זיין שטימע ציטערן. תמיד קלינגט זי אַזוי זיכער מיט זיך, אַזוי זיכער אין איר אייגענעם כּוח.

— אין געציילטע מינוטן וועט פאָרקומען די סעלעקציע — דער־קלערט אונדז דער בלאָק־עלטסטער, וואָס פּרוּווט איינוויקלען זיינע רייד אין אַ זאַכלעכן, טאָג־טעגלעכן טאָן. — איר דאַרפט אייך אויסטאָן נאַקעט. דאַן אַריינגיין איינציקווייז אין דער שרייב־שטובע. ביי דער טיר וועלן שטיין די ס. ס.־דאָקטוירים. איך וויל האָפן, אַז איר וועט אַלע אַדורכגיין בשלום דעם עקזאַמען. אָבער למען־השם, איר מוזט פאַרגרעסערן די שאַנסן אייערע צום לעבן! איידער איר גייט אַריין אין דער שרייב־שטובע, מאַכט גימנאַסטיק, כדי דאָס פּנים זאָל באַקומען קאָליר; צווייטנס — גייט נישט לאַנגזאַם, נאָר לויפט! לויפט, גלייך דער טייוול וואָלט זיך גע־פונען הינטער אייך! לויפט! קוקט נישט אַהינטער! לויפט, אַנטלויפט!

ער האָט אויף אַ ווײַלע איבערגעריסן זיין רעדע. דאַן:

— און דער עיקר: האָט נישט קיין מורא!

פאַרוואָס האָט ער געדאַרפט צוגעבן די לעצטע פאָר ווערטער? צי האָט ער נישט געוווּסט, אַז דאָס בעסטע מיטל אָנצוּוואַרפן אַ מורא אויף עמעצן איז צו זאָגן אים, ער זאָל נישט האָבן קיין מורא?

איך האָב גענומען זיך אויסטאָן. די קליידער געלאָזט אויפן בעט. היינט אָוונט איז נישטאָ קיין סכנה, זיי זאָלן געגנבעט ווערן. אָפילו גנבים האָבן אַנדערע דאגות אין אַזאַ שעה.

מיטאַמאָל איז אין גאַנצן שטיל געוואָרן אין בלאָק. מ׳האָט ממש געקענט הערן דעם אומרו וואָס האָט געבושעוועט אין די הערצער.

טיבי און יאָסי, די צוויי ברידער, וואָס זענען צוזאַמען מיט מיר אַריבערגעקומען אין דער נייער קאָמאַנדאָ און אין נייעם בלאָק, זענען צוגעקומען צו מיר און געזאָגט:

— לאָמיר שטיין און גיין צוזאַמען!

יאָסי מורמלט עפּעס מיט די ליפּן. זעט אויס, ער דאַוונט. מאָדנע: איך האָב קיינמאָל נישט געוווּסט, אַז יאָסי איז אַ פרומער. עפּעס האָט פרומקייט זיך נישט געקלעפּט צו זיין געשטאַלט, צו זיין כאַראַקטער און ער אַליין האָט זיך תמיד געהאַלטן פאַר אַ נישט־גלויביקן. אייגנטלעך איז זיין איצטיק דאַווענען גאָרנישט קיין סימן. פאַר אַ סעלעקציע — דאַוונט זיך אַליין. אויך מיר האָט זיך געוואָלט שעפּטשען אַ תפילה. און ס׳איז נייטיק געווען אָנצווענדן אַלע מיינע אינערלעכע כּוחות, כדי נישט

צו לאָזן זיך באַהערשן דורך דער שוואַכקייט פון מאָמענט. טיבי האָט געשוויגן. שרעקלעך בלאַס איז ער געווען. דער גאַנצער בלאָק איז שוין געשטאַנען נאַקעט. בשעתן לעצטן יום־הדין שטייט מען תמיד נאַקעט פאַרן בית־דין.

די וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צום פענצטער, האָבן איבערגעגעבן די ידיעה:

— זיי זענען אָנגעקומען... אָנגעקומען...

„זיי" — דריי הויך־ראַנגיקע ס. ס.־אָפיצירן. צווישן זיי — ד"ר מענגעלע, דער באַרימטער ד"ר מענגעלע, דער וועלכער האָט אונדז אויפגענומען, בשעת דער ערשטער סעלעקציע אין בירקענאַו.

עלטערע העפטלינגען חזרן נאָך אַלץ איבער די זעלבע פראַזע:

— איר האָט מזל! געקומען שפּעט...

איך דענערוויר זיך, איך בעט זיך ביי זיי:

— הערט אויף! שוויגט אַביסל! צי זענען אונדזערע נערוון נישט גענוג געשפּאַנט?

די טיר פון דער שרייב־שטובע האָט זיך געעפנט. דער בלאָקעלטסטער איז אַריינגעקומען און, פרווונדיק שמייכלען, אַ פרעג־געטון:

— נו? גרייט?

יאָ. מיר זענען געווען גרייט. די ס. ס.־דאָקטוירים — אויך. ד"ר מענגעלע האַלט אַ ליסטע אין האַנט. די נומערן פון בלאָק. ער גיט אַ ווונק דעם בלאָק־עלטסטן:

— מ'קען אָנהייבן!

דריי ווערטער. בלויז דריי ווערטער. צענדליקער לעבנס וועלן פאַרשניטן ווערן צוליב די דאָזיקע דריי ווערטער. אוי, פאַרוואָס איז דאָס וואָרט געגעבן געוואָרן דעם מענטש?

די סעלעקציע האָט זיך אָנגעהויבן. קודם לויפן אַדורך די פּראָמינענטע פערזענלעכקייטן פון בלאָק. שטובנעלטסטע, משרתים, קאַפּאָס, פאַרארבעטערס. זיי זענען אַלע געזונט. אַ ווונדער? וואָס פעלט זיי דען אין לאַגער? דאַן הייבט אָן אַדורכגיין די טיר געוויינלעכע העפטלינגען. ד"ר מענגעלע באַטראַכט זיי פון קאָפּ ביז פיס. טיילמאָל שטעלט ער אָפּ איינעם, פאַרנאָטירט זיין נאָמען. יעגער איז שוין אַ פאַרלוירענער. אין מחשבה

ברענט אין מוח: נישט לאָזן פאַרנאָטירן דעם נומער פון מיין לינקער האַנט. נישט לאָזן! דאָס וואָלט באַדייט: טויט־אורטייל!

אָט שטיי איך שוין פאַר דער טיר. ביי דער שוועל. בלויז צוויי — פאַר מיר. טיבי און יאָסי. זיי לויפן. איינער נאָכן אַנדערן. כמעט נישט קיין דיסטאַנץ צווישן זיי. איך באַוויז צו זען, אַז מענגעלע האָט נישט פאַרשריבן זייערע נומערן. עמעצער שטופּט מיך פון הינטן. לויף! קוראַזש! איך לויף. איך לויף, נישט וויסנדיק, אויפן מאָמענט, צו וואָס און וווהין איך לויף. מאָדנע פראַגן צעפלאַקערן זיך אין מוח, לויפנדיק: צי בין איך נישט צו מאָגער? צו אויסגעדאַרט? איך לויף. אפשר דריי מעטער. אפשר דאָס אויך נישט. מיר האָט אויסגעדוכט, אַז איך לויף שוין אַזוי זייט יאָרן, לאַנגע יאָרן און צענדליקער, הונדערטער קילאָמעטערס. ענדלעך! אָט שטיי איך שוין, פאַרסאָפּעט, פאַרמאַטערט, נעבן יאָסי און טיבי. די ערשטע פראַגע:

— ער האָט מיך פאַרשריבן?

ניין. יאָסי איז באַרויִקט, דעריבער גיט ער צו מיט אַ שמייכל:

— ער וואָלט אפילו נישט באַוויזן עס צו טון. ביסט געלאָפן אַזוי שנעל...

איך צעלאַך זיך. בין גליקלעך. ס'ווילט זיך צעקושן מיט ביידע ברידער. אין יענעם מאָמענט האָבן מיר פאַרגעסן אָן דער גאָרער וועלט. פאַרגעסן, אַז די סעלעקציע דויערט ווייטער און אַז צענדליקער אַנדערע מענטשן — אפשר באַקאַנטע, פריינט — פאַרשרייבן זיך דערווייל אין דער ליסטע פון מלאך־המות.

איך האָב אפילו פאַרגעסן אָן פאָטער.

ערשט שפּעטער, מיט עטלעכע מינוטן שפּעטער, ווען איך האָב געפילט, מיטן גאַנצן קערפּער געפילט, אַז איך בין ניצול געוואָרן, ערשט דאַן האָב איך זיך דערמאָנט אָן אים. וואָס איז מיט אים?

טיבי און יאָסי באַרויִקן מיך. באַלד וועט מען אַלץ וויסן. באַלד. נאָך דער סעלעקציע. דאַן וועט אָפּגעשאַפן ווערן די לאַגער־שפּערע. מען וועט מעגן פאַרלאָזן די בלאָקן. דאַן וועט מען אַלץ געוווּיר ווערן.

אינעווייניק אין בלאָק שטייען מענטשן, וואָס לאַכן און וויינען. עס וויינען די פאַרשריבענע און ס'לאַכן די אַנדערע.

עלטערע העפטלינגען חזרן נאָך אַלץ איבער זייער פּזמון:

— איר האָט מזל...

אָבער איצט האָבן זייערע ווערטער מיך מער נישט אַרויסגעבראַכט פון די כלים. זאָלן זיי רעדן. פאַרוואָס נישט? מיר האָבן טאַקע געהאַט מזל. יעדנפאַלס — איך. איך האָב געהאַט מזל.

און ער, דער פאָטער ?

די סעלעקציע־אָפּיצירן זענען אַוועק. דער בלאָק־עלטסטער איז אַריינגעקומען צו אונדז און אויף זיין פּנים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אונדזער אַלעמענס מידקייט. ער האָט געזאָגט:

— אַלץ איז אַדורך אין דער בעסטער אָרדענונג. נישט געזאָרגט. קיינעם פון אייך וועט גאָרנישט פּאַסירן! קיינעם פון אייך...

ער האָט נאָך אַלץ געפּרוווט טראָגן אויפן פּנים די מאַסקע פון שמייכל.

עמעצער, אַ לאַנגער דאַרער ייִד, מיט צוזאַמענגעבראָכענע פּלייצעס און געשוואָלענע פיס — האָט געפרעגט מיט אַ שטים פון איינעם וואָס וויל גלייבן אין עפּעס און קען נישט:

— אָבער... אָבער, הער בלאָק־עלטסטער! מ׳האָט דאָך מיין נומער פאַרשריבן!

דער בלאָק־עלטסטער האָט אויפגעהערט שמייכלען. ער איז בייז געוואָרן, וואָס מ׳וויל נישט גלייבן זיין שקר, וואָס מ׳לאָזט זיך נישט טרייסטן פון זיינע רייד:

— וואָס פרעגט איר שאלות? — האָט ער זיך צעשריגן אויפן לאַנגן ייִד — איר גלייבט מיר נישט?! איך זאָג אייך בפירוש, אַז ס׳וועט אייך גאָרנישט געשען און איר ווילט דווקא זיין פּעסימיסטיש געשטימט! נאַר איינער! איך וועל אייך קיין ליגן נישט זאָגן! איר מעגט, נאָכמער, איר מוזט מיר גלייבן!

אין צווישן האָט דער לאַגער־גלאָק זיך צעקלינגען און מיר האָבן באַקומען דערלויבעניש אַרויסצוגיין אין לאַגער. די לאַגער־שפּערע איז אַריבער. אַ סימן, אַז די סעלעקציע — אויך.

אַ הימל פון בליי האָט געהאַנגען איבערן לאַגער. אַפילו די גליקלעכע העפטלינגען האָבן זיך געפילט אומעטיק. טיבי און יאָסי עסן אויף

זייער קאַלט־געוואָרענע זופּ. איך האָב מיינע אויפגעגעסן פריִער. פאַר דער סעלעקציע.

איך לויף מיט אַלע כוחות צום 36סטן בלאָק, זען וואָס עס הערט זיך ביי אים, ביים פאָטער.

אים אויפן וועג באַגעגנט. ער איז געקומען צו מיר.

— נו? ווי איז עס אַדורך ביי דיר?

— און ביי דיר?

מיר האָבן זיך קעגנזייטיק באַרויִקט. איצט אָטעמט זיך לייכטער. איך בין געווען גליקלעך.

גליקלעך. גליק איז אַ רעלאַטיווער באַגריף.

אומגליק אויך.

אויף וויפיל דער אומגליק איז גרעסער, אויף אַזויפיל איז די געשעעניש וואָס איז מסוגל צו ברענגען גליק — קלענער. איינס איז אָפּהענגיק פון אַנדערן.

מיר רעדן וועגן פאַרשידענע ענינים. עס רעדט זיך לייכטער. ווידעראַמאָל פאַרטריבן דעם טויט, אים באַזיגט. דער פאָטער האָט פאַר מיר אַ מתנה: אַ האַלבע פּאָרציע ברויט. ער האָט געפונען אין עלעקטרע־מאַגאַזין אַ שטיק גומי, וואָס קען פאַרנוצט ווערן אויף גומי־זוילן. האָט ער עס פאַרקויפט פאַר אַ האַלבע פּאָרציע ברויט.

דער גלאָק... מ׳מוז גיין שלאָפן.

דער גלאָק!

דאָס איז געווען מיין גרעסטער שונא אין לאַגער. ער איז געווען דער אַלמעכטיקער גאָט און הערשער. מיט זיין הסכמה, לויט זיין רצון האָבן מיר באַקומען עסן, געגאַנגען שלאָפן, זיך וואַשן און אַרבעטן. אין דער פרי האָט ער אונדז אַרויסגעריסן פון די אָרעמס פון חלום און אין אָוונט — פון די אָרעמס פון פריינט. אוי, האָב איך אים פיינט געהאַט, דעם גלאָק!

און ווען איך פלעג אַמאָל, אַמאָל האָבן די העזה און וועבן אַ נישט־רעאַלן, אַ נישט־אמתן טרוים וועגן פרייהייט, וועגן אַ פריי לעבן, האָב איך עס פאַרגעשטעלט ווי אַ לעבן אָן אַ... גלאָק.

ער איז געוואָרן דער סימבאָל פון קאַצעט אין מײַנע אויגן. דער סימבאָל פון מײַן יאוש, פון מײַן גורל.

אָפּטמאָל האָב איך געמיינט, אַז איך גיי אַראָפּ פון זינען, צוליב אים, צוליבן גלאָק.

— אַ גוטע נאַכט פאָטער, דער גלאָק... האָט געקלונגען.

— אַ גוטע נאַכט, מײַן זון!

דער הימל האָט אָנגעהויבן וואַשן זיך. שטיקער שמוציקע וואָלקנס האָבן זיך אָפּגעריסן פון אים און אַנטלאָפן פאַרן ליכט פון די שטערן. מיט אַ שעה צוריק איז דער הימל פון בליי געווען. ווו איז אַהינגעקומען דער בליי? איבעריק צו טראַכטן בכדי צו געבן אַ תשובה: ער איז בײַ מיר אין האַרצן.

***

אַ פּאָר טעג זענען אַדורך. אין דער סעלעקציע האָבן מיר שוין כמעט פאַרגעסן. מ'איז געגאַנגען צו דער אַרבעט. ווי געווייינלעך. אונדזער קאָמאַנדאָ האָט געהאַט איינע פון די שווערסטע אַרבעטן: אויפלאָדן שווערע שטיינער אויף דייטשע וואַגאָנען. נאָך יעדער שעה אַרבעט, פלעג איך מיינען, אַז איך וועל פאַלן אין חלשות און מער נישט אויפשטיין.

די ראַציעס זענען געווען מאָגערער ווי פריִער. אָבער חוץ דעם, האָט זיך אַלץ געפירט ווי ביז איצט. גאָרנישט האָט זיך געענדערט. האָבן טאָקע אייניקע באַמערקט:

— אַ סימן, אַז דער בלאָק־עלטסטער האָט יאָ געזאָגט דעם אמת: ס'וועט קיינעם גאָרנישט געשען!

אַ סימן... פאַרוואָס נישט? זענען דאָך געווען צווישן אונדז אַזעלכע, וועמענס נומערן זענען פאַרנאָטירט געוואָרן דורך ד"ר מענגעלע. יעדער איז געווען זיכער — און בעיקר זיי אַליין — אַז זיי זענען פאַרלוירן. און אָט — גייען זיי צו דער אַרבעט, ווי מיר אַלע, באַקומען ברויט, זופּ, ווי מיר אַלע...

נאָר דער בלאָק־עלטסטער אַליין האָט פאַרלוירן זײַן שמייכל, זײַן טרויעריק־ענערגישן שמייכל, בעת מ'האָט געפּרוווט דערמאָנען די סעלעקציע אין זײַן אַנוועזנהייט.

ביז...

אין אַ שיינעם — אַ שיינעם? — פרימאָרגן. מ'איז אויפגעשטאַנען ווי יעדן טאָג פאַרן זון־אויפגאַנג. מ'האָט זיך געוואַשן. באַקומען שוואַרצע קאַפע. ברויט. ווי אַלעמאָל.

פּלוצים קומט אַרײַן דער בלאָק־עלטסטער און רופט אויס:

— רויִק! איך בעט אײַך צו זײַן רויִק אויף אַ ווײַלע! איך האָב דאָ אַ ליסטע פון נומערן... איך וועל זי פאַרלייענען. די אַלע וואָס איך וועל רופן, גייען נישט צו דער אַרבעט: זיי פאַרבלײַבן אין לאַגער!

און מיט אַ ווייכער, ביז־גאָר ווייכער שטימע האָט ער פאַרגעלייענט אַ צענדליק נומערן פון פּאַפּיר וואָס האָט געציטערט אין זײַן האַנט.

מ'האָט זיך גוט צוגעהערט צו די נומערן. עטלעכע פנימער זענען בלאַס געוואָרן. מיטאַמאָל האָבן מיר פאַרשטאַנען: סעלעקציע־נומערן!

אונדזער האָפענונג איז געווען אַ פאַלשע. מענגעלע האָט נישט פאַרגעסן. דער טויט האָט טאַקע פאַרשפּעטיקט צו קומען אויפן ראַנדעוו, אָבער — ער איז געקומען.

אַ קיל ווינטל האָט געבלאָזן. אין מזרח איז דער הימל רויט געוואָרן. אַ גאָלדענער פּאַס האָט זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט.

דער בלאָק־עלטסטער פּרוווט אַרײַנגיין צוריק אין זײַן צימער. צען מענטשן רינגלען אים אַרום. זיי רייסן שטיקער פון זײַן קאָסטיום.

— העלפט! איר האָט דאָך אונדז מבטיח געווען גאָלדענע הבטחות? העלפט! איר קענט אונדז העלפן! מיר ווילן גיין אַרבעטן, מיר זענען גוטע אַרבעטער, מיר קענען, מיר ווילן...

וואָס האָט ער געקענט טון?

האָט ער געפּרוווט זיי באַרויִקן, דערקלערנדיק אַז דער פאַקט וואָס זיי בלײַבן אין לאַגער האָט קיין שום באַדײַט נישט, קיין שום טראַגישן באַדײַט נישט...

— אָט זעט איר, איך פאַרבלײַב יעדן טאָג אין לאַגער — צי געשעט מיר עפּעס?

קיינער האָט נישט געלאַכט פון זײַן וויץ.

אין צווישן האָט דער גלאָק זיך צעקלינגען:

— אײַנטרעטן!

באַלד וועלן מיר זיין ביי דער אַרבעט. היינט אַרט מיך נישט וואָס די אַרבעט איז אַזאַ שווערע. אַבי זיין ווייט, ווייט פון בלאָק, ווייט פון דער סצענע, ווו טראַגעדיעס ווערן געבוירן און פאַרלוירן.

פלוצים זע איך ווי מיין פאָטער לויפט צו מיר. אָן אים האָב איך כמעט פאַרגעסן. איך פיל ווי אָן אומרו באַפאַלט מיך:

— וואָס איז געשען?

ער קען קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען פון זיינע ליפן. ער איז פאַרוואָלקנט און צעבראָכן.

— איך בין אויך... מיך האָט מען אויך... געהייסן... בלייבן אין לאַגער!

אינסטינקטיוו האָב איך געוווּסט דעם המשך פון דער פראַזע. יעדע צרה קומט אומגעריכט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז מ׳האָט מיט אַן אייזערנער פויסט מיר אַ זעץ־געגעבן אין פנים:

— ווי אַזוי איז עס געשען?

ווייזט זיך אַרויס: מ׳האָט זיין נומער יאָ פאַרשריבן, נאָר ער האָט עס נישט באַמערקט.

— וואָס קען מען טון, פאָטער?

ער פרוווט מיך באַרויִקן .ער פרוווט מיך דערמונטערן. ער — מיך. ער זאָגט:

— ס׳איז גאָרנישט. ס׳איז נאָך נישט זיכער. פאַראַן שאַנסן צו ראַטעווען זיך. ס׳וועט זיין היינט אַ צווייטע סעלעקציע — אַ דעצידירנדיקע...

איך האָב געשוויגן. נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. נישט געהאַט וואָס צו זאָגן.

דער פאָטער רעדט ווייטער. איצט איז דער ריטם פון זיינע רייד געוואָרן שנעלער. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט נישט באַווייזן מיר צו זאָגן אַלץ, וואָס ער האָט צו זאָגן, אַז באַלד, באַלד וועל איך צוזאַמען מיט די איבעריקע־מוזן אַרויסמאַרשירן צו דער אַרבעט און — ער וועט פאַרבלייבן אַליין, אַליין...

— אָט, נעם דאָס מעסער, — זאָגט ער צו מיר. — איך דאַרף עס מער נישט האָבן. דיר וועט עס צונוץ קומען. נעם דעם לעפל אויך. פאַרקויף זיי נישט. שנעלער! נעם וואָס איך גיב דיר!

ירושה!

טרערן זענען אַנגעלאָפן אין מיינע אויגן. אויך אין זיינע, אין פאָטערס. מיר קוקןביידע אַוועק אָן אַ זייט. איך שטרענג זיך אָן מיט אַלע כוחות צו אַרויסזאָגן אַ וואָרט:

— רעד נישט אַזוי, פאָטער, — ענטפער איך אים. פאָטער! רעד נישט אַזוי! איך וויל נישט הערן אַזעלכע ווערטער. האַלט ביי דיר דעם לעפל און אויך דאָס מעסער. דו דאַרפסט זיי האָבן גענוי ווי איך. איבעריקנס, מיר וועלן זיך זען היינט אָוונט. איך בין זיכער אין דעם...

דאַן האָט ער מיך אַנגעקוקט מיט זיינע מידע, טרויעריקע אויגן, וועלכע זענען טונקעלער געווען ווי אַלעמאָל צוליבן טרערן־פאַרהאַנג וואָס האָט זיך אויף זיי אַראָפגעלאָזט און געזאָגט:

— איך בעט דיך... נעם... טו וואָס איך הייס דיר, מיין קינד! דו מוזט פאָלגן דיין פאָטער!

אונדזער קאַפּאָ שרייט אויס דעם באַפעל צו מאַרשירן.

די קאָמאַנדאָ גייט פאַרויס צום טויער. איך בייס זיך די ליפן, כדי נישט צו וויינען. איך וואַרף אַ בליק הינטער זיך. דער פאָטער איז געבליבן אָנגעשפּאַרט אין בלאָק. ער קוקט נאָך נאָך מיר. דאַן נעמט ער לויפן. ער וויל מיך דעריאָגן. מסתמא האָט ער פאַרגעסן עפּעס וואָס ער האָט געוואָלט מיר זאָגן. אָדער סתם אַזוי, געוואָלט זיך געזעגענען מיט מיר. ער איז געלאָפן. אָבער מיר זענען צו שנעל געגאַנגען.

אָט זענען מיר שוין ביים טויער. א. ס. ס.־מאַן ציילט אונדז. פאַרשרייבט. דער קאַפּאָ הייסט אָנטאָן די היטלען. מיר זענען שוין אויסערן לאַגער.

דער פאָטער איז געבליבן אינעווייניק.

צי וועל איך אים נאָך זען אַמאָל?

במשך דעם גאַנצן טאָג בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אַ לבנה־קריכער. טיבי און יאָסי האָבן באַמיט מיך צו טרייסטן. דער קאַפּאָ — אַ יידישער בחור פון לאָדזש — אויך. ער האָט מיך צוגעטיילט צו לייכטע אַרבעט. אַ ספּעציעלע באַציִונג! דאָס האָט מיר וויי־געטון. צוליב איר האָב איך זיך שוין געפילט ווי אַ יתום. מ׳האָט אויף מיר רחמנות! זיי ווייסן וואָס

ס׳איז געשען; זיי וויסן וואָס ס׳שפּילט זיך אָפּ אין האַרצן פון אַ יתום און דעריבער האָבן זיי רחמנות...

איך האָב געטראַכט: אפילו איצט העלפט מיר דער פאָטער! אַ דאַנק אים האָב איך אַ לייכטערע אַרבעט!

די שעהן האָבן זיך געצויגן פאַמעלעך, פאַמעלעך. איך האָב אַליין נישט געוווסט וואָס איך וויל: דער טאָג זאָל שנעל אַדורכגיין אָדער נישט. פון איין זייט האָב איך מורא געהאַט פאַרן אָונט, פאַרן ליידיקן אָונט, פאַר דער זיכערקייט וואָס ער וועט מיט זיך מיטברענגען, אָבער פון דער אַנדערער זייט, האָב איך געוואָלט וויסן וואָס ס׳איז געשען מיט אים, מיטן פאָטער.

ענדלעך האָט די זון — וועלכע רעכנט זיך נישט מיט מיינע ספיקות — זיך דערמאָנט אונטערצוגיין. מ׳גייט צוריק אין לאַגער. דאָס האַרץ שלאָגט מיט אַ האַמער. דער פולס: 140 אַ מינוט. די אויגן זענען אויסגעשטאַרעט, זיי נישטערן, זיי פּרוּוון זען וואָס ס׳טוט זיך דאָרט, דאָרט אין לאַגער; די פיס גייען שנעל, שנעלער, שנעלער, שנעלער, עס ווילט זיך לויפן...

דאָס ווערעמל פון סקעפּטיציזם עגבערט אין האַרץ און פרעגט: צי וואָס זיך איילן, טיפּש איינער? צי וועסטו נישט באַקומען גענוג פרי די ידיעה, די שלעכטע בשורה?

מוזיק. דער אייביקער מיליטערישער מאַרש. אָט דער לאַגער. דער טויער. ס. ס.־מענער ציילן אונדז. מיר זענען אינעווייניק.

איך לויף גלייך צום פאָטערס בלאָק.

צי זענען פאַראַן נסים אויף דער ערד?

אָט איז ער...

ער האָט זיך געראַטעוועט. באַוויזן צו איבערציייגן די ס. ס.־דאָקטוירים, היינט, בשעת דער צווייטער סעלעקציע, אַז דייטשלאַנד וועט אין אים פאַרלירן אַ וויכטיקן אַרבעטער, אויב מ׳וועט אים אַוועקנעמען פון בונא. מיר צעקושן זיך. איך גיב אים צוריק דאָס מעסער מיטן לעפל.

אין האַרצן פרעגט זיך נאָך אַלץ אַ פראַגע: צי זענען פאַראַן נסים אויף דער ערד?

און איך ענטפער אויפן הויכן קול:

— יאָ, פאָטער. ס׳זענען פאַראַן נסים...

די סעלעקציע האָט זיך פאַר אונדז פאַרענדיקט מיט אַ נס.

* * *

עפּילאָג:

עקיבא דרומער האָט אונדז פאַרלאָזט. ער איז געפאַלן אַ קרבן פון דער סעלעקציע. לעצטנס האָט ער זיך געפילט קראַנק, פאַריאושט. ער פלעגט אַרומגיין מיט פאַרלוירענע אויגן און דערציילן יעדן איינעם זיין שוואַכקייט:

איך קען מער נישט אויסהאַלטן... איך קען מער נישט...

מיר, מיין פאָטער און איך, פלעגן פּרוּוון אים דערמונטערן, דערמוטיקן, דערציילן אים וועגן דער באַהאַלטענער זון, וואָס דאַרף אויפגיין צומאָרגנס, אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן. ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם: ער קען מער נישט קעמפן, ער האָט נישט מער די כוחות, די אמונה דערצו.

ער האָט פאַרלוירן די אמונה, עקיבא דרומער. די אמונה אין זיך און אפשר אויך — אין גאָט. ער פלעגט זעלטן רעדן וועגן דעם. אָבער אָפּטמאָל האָט זיך אַ מוראדיקע ליידיקייט אָפּגעשפּיגלט אין זיין טונקעלן בליק און די ליידיקייט האָט גערעדט מער, ווי אַ פּוסטע אַנאַכראָנישע פראַזע.

עקיבא דרומער איז נישט געווען דער איינציקער וועמען די אמונה האָט פאַרלאָזט אין יענע טעג. איך האָב געקענט אַ רב פון אַ קליין פּויליש שטעטל. אַ קליינער, פאַרבויגענער ייד איז עס געווען, מיט איינגעפאַלענע באַקן און תמיד־ציטערנדיקע ליפּן. אָן אייביקער מתפּלל געווען. בשעת דער אַרבעט פלעגט ער זיך שאָקלען און ער פלעגט לערנען אויף אויסנווייניק אַ בלאַט גמרא מיט תוספות. טיילמאָל פלעגט ער מיך רופן דאַווענען מנחה־מעריב, ווייל ס׳האָט אויסגעפעלט אַ צענטער צום מנין. און איך בין געגאַנגען, ווייל — נישט ווילנדיק האָב איך רעספּעקטירט זיין אייזערנע אמונה וואָס איז אין אים — אָן וועלכער נישט איז שייכות מיט אויסערלעכע געשעענישן.

האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט, דער דאָזיקער רב:

— גאָט איז נישט מער מיט אונדז!

און גלייך ער וואָלט זיך פּלוצים דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע ווערטער, פאַרן גרויזאַמען אמת פון זיינע ווערטער, האָט ער פאַרגעזעצט מיט זיין שוואַכער, בלאַסער שטים:

— איך ווייס. מען טאָר נישט רעדן אַזעלכע דיבורים. איך ווייס. דער מענטש איז צו־קליין, צו נישטיק, כדי ער זאָל פאַרשטיין גאָטס דרכים. אָבער — וואָס קען איך טון? איך בין נישט קיין צדיק. אַ פּשוטער בשר־ודם בין איך. געטלעכער ווייטיק. קעי־פּערלעכער ווייטיק —ביידע זענען מיך מצער. און אין די אַלע יסורים אונדזערע, זע איך, בין איך געצוווּנגען צו זען, גאָטס האַנט, די האַנט פון אל הרחמים. ווי־זשע קען איך גלייבן, ווי־זשע קען עמעצער גלייבן אין אַזאַ אל־הרחמים, אין אַזעלכע רחמים?

יאָ, אַ סך מענטשן האָבן פאַרלוירן זייער אמונה אין יענע טעג. פאַרלוירן האָבן זיי דעם צלם־אלהים און צוזאַמען מיט אים די שטרעבונג צו ווין גלייך „צו זיין געשטאַלט".

עקיבא דרומער. וואָלט ער ווייטער געגלייבט אין זיין געוויסנס גאָט, וואָלט ער נישט פאַרשלעפּט געוואָרן דורך יער סעלעקציע. אָבער אַ משונהדיקער ייד איז ער געווען: אָן זיין הימל, אָן זיין גאָט האָט ער נישט געקענט לעבן. אָן אמונה איז ער נישט געווען בכוח צו קעמפן פאַרן לעבן.

מיט טרערן אין די אויגן האָט ער זיך מיט אונדז געזעגנט.

געטרייסט האָבן מיר אים נישט. צו וואָס? ער האָט געוווּסט ווו ער גייט. געוווּסט וואָס ס'וואַרט אויף אים. צו וואָסזשע זיך צעשיידן מיט אַ ליגן, מיט אַ פאַלשער נחמה?

ער האָט געדריקט אונדזערע הענט און זיך געבעטן ביי אונדז:

— זאָגט קדיש נאָך מיר...

סתם־אַזוי, מיט אַ כמעט־טרוקענער שטים, מיט אַ כמעט־פאַרשטיינערטער שטים:

—זאָגט קדיש נאָך מיר...

האָב איך זיך דערמאָנט אין קליינעם פּוילישן רב, וואָס פלעגט לערנען גמרא בשעת דער אַרבעט: ניין, גאָט איז מער נישט מיט אונדז.

עקיבא דרומער האָט אַרויפגעצויגן אַ טויטן־שמייכל אויף זיין לענגלעך, ווייס פּנים:

— אין דריי טעג אַרום...

אין דריי טעג אַרום, בערך, וועלן מיר דאַרפן זאָגן קדיש נאָך אים. געטראַכט האָב איך: אין דריי טעג אַרום, וועל איך מסתמא זען וואָלקנס, קליינע, ווייסע וואָלקנדלעך אויפן הימל. רויטע וואָלקנדלעך. צווישן זיי, אין זיי, וועט ער זיין. ער — עקיבא דרומער. זיין נשמה, זיין גוף.

איך האָב אינסטיקטיוו פאַרמאַכט די אויגן. מ'טאָר נישט טראַכטן אַזעלכע געדאַנקען. מ'טאָר נישט זען אַזעלכע בילדער. עקיבא דרומער שטייט נאָך פאַר אונדז. ער שמייכלט און זיין שמייכלען שטורעמט אויף דאָס בלוט.

— פאַרגעסט נישט, איך בעט איך... אין דריי טעג אַרום!

מיר האָבן אים צוגעזאָגט, אַז מיר וועלן געדענקען. אודאי וועלן מיר עס געדענקען. מ'וועט מאַכן מנין און אַלע זיינע פריינט וועלן זאָגן קדיש. כאָטש דער קדיש האָט מער נישט קיין זין, קיין באַרעכטיקונג. מ'וועט זאָגן קדיש פאַר אים, פאַר עקיבא דרומער און נישט פאַר גאָט.

עקיבא דרומער איז דאַן אַוועק אין דער ריכטונג פון שפּיטאָל, ווו ס'האָט אויף אים געוואַרט אַ קליינער אַמבולאַנס, וועלכער האָט אים געפירט גלייך קיין בירקענאַו.

ער האָט נישט געקוקט הינטער זיך, עקיבא דרומער.

קלאָר: מיר האָבן יאָ פאַרגעסן מקיים צו זיין די הבטחה.

וואָכן שפּעטער האָבן מיר זיך ערשט דערמאָנט, אַז מען האָט נישט געמאַכט קיין מנין און נישט געזאָגט קיין קדיש נאָך עקיבא דרומער, דריי טעג נאָך זיין אָפּפאָרן.

פאַרגעסן.

* * *

דער ווינטער האָט מבשר געווען זיין אָנקומען. טעג זענען געוואָרן קירצער און נעכט — שווערער. די ווינטן אין די פרימאָרגן־שעהן האָבן געשניטן דעם קערפּער, ווי מיט אייזערנע בייטשן. אין לאַגער האָט מען פאַרטיילט ווינטער־בגדים. טונקעלע, געשטרייפטע קאָסטיומען. דיקערע העמדער. דאָס איז געווען אַלץ. אָט איז אונדזער פאַרטיידיקונג קעגן

װינטער־פֿרעסט פֿון אױבער־שלעזיע. עלטערע העפּטלינגען האָבן װידער געפֿונען אַ געלעגנהײט אונדז צו שרעקן:

— נו, איצט װעט איר ערשט דערפֿילן דעם טעם פֿון קאַצעט! — האָבן זײ געזאָגט.

גלײך מיר האָבן אים נאָך נישט געפֿילט גענוג.

צו דער אַרבעט זענען מיר אַרױסגעגאַנגען װען ס'האָט אָנגעהױבן טאָגן. די אַרבעט איז געװאָרן שװערער, אוממענטשלעכער פֿון טאָג צו טאָג. די פֿופֿציק־קילאָדיקע בױ־שטײנער װאָס מיר האָבן געמוזט שלעפּן, זענען געװען קאַלט. געדוכט האָט זיך, אַז אױב מ'װעט צולײגן די האַנט, די נאַקעטע, צו זײ, װעט זי אױפֿן אָרט פֿאַרפֿרױרן װערן און זיך צוקלעפּן צו זײ אױף אײביק. אָבער — מ'האָט אױך דאָס אױסגעהאַלטן. די האַנט איז נישט פֿאַרפֿרױרן געװאָרן; זי האָט זיך נישט צוגעקלעפּט צו די שטײנער.

אַמאָל, אַמאָל, בשעת דער מיטאָג־פּױזע, פֿלעגט מען אונדז דערלױבן צו װאַרעמען זיך בײ קױלן־אױװנדלעך. דאַן פֿלעגט די װאַרעמקײט זיך צעגיסן אין אַלע אברים, אין אַלע אָדערן און ס'האָט זיך אַזױ נישט געװאָלט אַװעקגײן פֿון דאָרט...

נאָװעמבער... דעצעמבער...

די ערשטע װינטער־טעג זײַנען פֿאַרבײ. װײניק קרבנות געװען. מענטשן האָבן אױסגעלערנט זיך זײַן שטאַרקער פֿון דער נאַטור.

נײ־יאָר און קריסטמעס האָבן מיר נישט געאַרבעט. און באַקומען אַ בעסערע זופּ. דאָס איז געװען דאָס אײנציקע מאָל, װאָס איך בין צופֿרידן געװען, װאָס יעזוס איז געװען אַ גרינדער פֿון אַ רעליגיע.

ביסלעכװײַז האָט מען זיך צוגעװױנט צום װינטער. און ס'האָט זיך אױסגעװיזן, אַז אױב מ'איז בײגעקומען דאָס פֿײַער, װעט מען בײקומען אױך די קעלט.

מיר האָבן אַנטדעקט אין זיך נײַע כּוחות, אַ נײַעם — ביז איצט פֿאַר־הוילענעם — רעזערװואַר פֿון װידערשטאַנד־פֿעיִקײט. װער האָט זיך עס אַמאָל פֿאַרגעשטעלט, אַז מיר װעלן זײַן מסוגל דאָס אַלץ אױסצוהאַלטן?

אַ דאַנק די דײַטשן האָבן מיר אָנגעהױבן זיך אַלײן בעסער צו קענען.

מײַן פֿאָטער האָט געזאָגט:

— מיר װעלן איבערלעבן דעם װינטער.

און איך האָב געענטפֿערט:

— מיר װעלן איבערלעבן די מלחמה.

מיר האָבן בײדע אַ טעות געהאַט.

***

דעם 15טן יאַנואַר האָט מײַן רעכטער פֿוס אָנגעהױבן געשװאָלן װערן. מסתּמא פֿון קעלט. מוראדיקע װײטיקן זענען מיך באַפֿאַלן. געצײלטע טריט האָב איך נישט געקענט גײן. בין איך אַװעק אין שפּיטאָל. דער דאָקטאָר האָט באַהאַנדלט דעם געשװאָלענעם פֿוס און געזאָגט: מ'מוז אים אָפּערירן:

— אױב דו װעסט לאַנג װאַרטן, — האָט ער געטענהט, — װעט מען דיר מוזן אָפּשנײַדן די פֿינגער און דאַן אַמפּוטירן דעם גאַנצן פֿוס!

נאָך דאָס האָט מיר אױסגעפֿעלט!

אױך אין נאָרמאַלע צײַטן האָב איך מורא געהאַט פֿאַר אָפּעראַציעס. פֿאַר בלוט. פֿאַר פֿיזישן װײטיק.

הײַנט־זשע דאָ, אין אַזעלכע אומשטענדן!

אמת, מיר האָבן טאַקע געהאַט גלענצנדע דאָקטױרים אין לאַגער. די באַרימטסטע ספּעציאַליסטן פֿון אײראָפּע. אָבער — די מיטלען װאָס מ'האָט געשטעלט צו זײער דיספּאָזיציע זענען געװען אָרעמע, נישטיקע.

די דײַטשן זענען נישט איבעריק פֿאַראינטערעסירט געװען אין הײלן קראַנקע העפּטלינגען.

גראָד פֿאַרקערט.

װאָלט עס געװען אָפּהענגיק פֿון מיר װאָלט איך נישט מסכּים געװען צו דער אָפּעראַציע. בעסער צו װאַרטן. בעסער װאַרטן ביזן לעצטן מאָמענט. אָבער ס'איז נישט געװען אָפּהענגיק פֿון מיר. מיך האָט מען בכלל גאָרנישט געפֿרעגט. דער דאָקטאָר האָט באַשלאָסן צו אָפּערירן און סוף פּסוק. די ברירה איז געלעגן בײ אים אין די הענט און נישט בײ מיר. האָט איך טאַקע געפֿילט אַ טראָפּן פֿרײד אין האַרצן, װאָס ער האָט באַ־שלאָסן אָן מיר.

איך בין אַריינגעקומען אין שפּיטאָל. מ׳האָט מיר צוגעטיילט אַ בעט מיט אַ ווייס ליילעך. מאָדנע: דעמאָלט האָב איך שוין פאַרגעסן, אַז מענטשן זענען זיך נוהג צו שלאָפן אין בעטן מיט ווייסע ליילעכער.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז בכלל נישט אַזוי שלעכט צו זיין אין שפּיטאָל. דאָס עסן איז געווען בעסער. ווייס ברויט. מער זופּ. מ׳האָט נישט געדאַרפט שטיין אין דרויסן אויף אַפּעל. אויך אַרבעטן האָט מען נישט געמוזט. און מ׳האָט געקענט אַפילו אַרויסשיקן אַ שטיקל ווייס ברויט — ווייס ברויט — פאַרן פאָטער. נישט שלעכט.

אָבער די ערשטע שטימונג האָט נישט לאַנג געדויערט. נעבן מיר איז געלעגן אַן עלטערער ייִד פון אונגאַרן. דיזענטעריע. אַ מאַן אָן אַ פּנים. הויט און ביינער. פאַרלאָשענע אויגן. קיין פּנים ביי אים זעט מען נישט אַרויס. ער רעדט צו מיר. פון וואַנען נעמט זיך ביי אים דער כּוח צו רעדן?

— פריצייטיק איז דיין שמחה, יונגערמאַן! — זאָג ער צו מיר, דער פּנימלאָזער ייִד. — אין שפּיטאָל זענען פאַראַן סעלעקציעס, אָפטער ווי אין דרויסן. און דאָ זענען זיי שטרענגער, געפערלעכער. דייטשלאַנד נייטיקט זיך נישט אין קיין קראַנקע ייִדן. דייטשלאַנד נייטיקט זיך נישט אין מיר. ביים נאָענטסטן טראַנספּאָרט, ביי דער קומענדיקער סעלעקציע — וועסטו באַקומען אַ נייעם שכן. פאָלג זשע מיך. פאָלג מיין עצה: פאַרלאָז דעם שפּיטאָל פאַר דער סעלעקציע!

זיינע שרעק־רייד האָבן זיך איינגעקריצט אין מוח. אפשר איז פאַראַן אמת אין זיין אָפּשאַצונג? נאָר אַ ברירה האָב איך? — בעל־כּרחי בין איך געקומען אַהער על כּרחי וועל איך אַרויסגיין. עס הענגט נישט אָפּ פון מיר.

אַביסל בין איך געווען בייז אויף מיין שכן. פאַרוואָס האָט ער מיר דערציילט דאָס אַלץ? פאַרוואָס צעשטערט מיין שמחה?

אַ חשש האָט זיך דערוועקט אין האַרצן: ער וויל מיך פּטרן. ער וויל איך זאָל פאַרלאָזן וואָס שנעלער דעם שפּיטאָל. נישט פאַר מיין טובה וועגן. פאַר — זיינער. עס לייגט זיך אויפן שכל. נישטאָ קיין סך פּלאַץ אין שפּיטאָל. ווייניק בעטן. אַ סך קראַנקע. איז אויב ס׳קומען צו נייע קראַנקע — וועט מען מאַכן אַ פרישע סעלעקציע. כּדי צו מאַכן פּלאַץ

פאַר אַנדערע. דער סיסטעם: שוואַכע פאַלן וועלן געאָפּפערט ווערן פאַר לייכטערע פאַלן. און דער שכן מיינער איז אַ שווערער פאַל. וויל ער מיך פאַרטרייבן. דער אַלטער מיטל: פּחד. ער וויל מיך דערשרעקן.

די אַ, מחשבות האָבן מיך אַביסל באַרויִקט. פונדעסטוועגן האָט דער ספק געגעבערט אין מוח: און אפשר איז ער פאָרט גערעכט?

מילא. נישטאָ קיין אויסוועג. מ׳מוז וואַרטן.

דער דאָקטאָר האָט געבראַכט מיר אַ בשורה: מאָרגן אָפּערירט מען מיך.

איך האָב געוווּסט, אַז אַן אָפּעראַציע באַדייט ווייטיק. קיין אַנעסטעזיע איז נישט געווען בנמצא אין לאַגער. קיין שלאָף־געטראַנק אויך נישט. ובכן — ווייטיק.

אַ דאָפּלטער אומרו: אפשר וועל איך נישט קענען אויסהאַלטן די פיזישע יסורים? און דאַן — אפשר וועט פאָרקומען אַ סעלעקציע גראָד נאָכדעם ווי איך וועל אַראָפּקומען פון אָפּעראַציע־טיש און דעמאָלט — בין איך פאַרלוירן!

דער דאָקטאָר האָט מסתמא געלייענט מיינע מחשבות אויף מיין פּנים:

— אָן פּחד, קליינער, — האָט ער מיך באַרויִקט.

אַ, וויפיל וואַרעמקייט איך האָב דעמאָלט געפילט צו אים, פאַר די אַ, געציילטע ווערטער.

צומאָרגנס.

צען אַ זייגער אין דער פרי האָט מען מיך אַריינגעבראַכט אין אָפּעראַציע־צימער. מיין דאָקטאָר איז געווען דאָרט. דאָס האָט מיר צוגעגעבן קוראַזש. אַבי ער איז דאָ. אויב ער איז דאָ — וועט קיין שלעכטס מיר נישט געטון ווערן. איך ווייס נישט עד־היום, צי דער דאָקטאָר האָט געוווּסט וויפיל האָפענונג איך האָב אויף אים דעמאָלט געלייגט... אין מיינע אויגן איז ער געווען, אין יענעם מאָמענט, דער מלאך־הגואל. זיין וואָרט איז געווען הייליק. זיין בליק — אַ צייכן פון הימל.

— עס וועט דיר וויי־טון אַביסל, האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין. אָבער — פאַרבייס די ליפּן, קליינער. זיי שטאַרקער פון די יסורים.

— איך וועל זיך באַמיִען דאָקטאָר, — האָב איך געענטפערט.

די אָפּעראַציע האָט געדויערט אַ שעה צייט לערך. די ערשטע האַלבע שעה האָב איך געליטן חיבוט־הקבר. אָבער געשריגן האָב איך נישט. איך האָב אויסגעהאַלטן. במשך די גאַנצע צייט האָב איך זיך געפרעגט: ווי אַזוי קען איך עס אויסהאַלטן? און פרעגנדיק זיך אַזוי, האָב איך אונטערבאַוווּסטזיניק זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אָבסערוואַטאָר און באַטראַכט די אָפּעראַציע, גלייך מען וואָלט נישט מיין פוס געשניטן.

אָבער נאָך אַ האַלבער שעה, האָב איך פאַרלוירן דעם באַוווּסטזיין.

די יסורים זענען געוואָרן אומדערטרעגלעך. און בכדי נישט צו שרייען — דאָס הייסט: כדי נישט צו דערנידעריקן זיך אין די אויגן פון מיין באַליבטן דאָקטאָר — האָב איך פשוט און פּראָסט אָוועקגעחלשט.

האָב איך מיטאַמאָל געפילט ווי איבער־נאַטירלעכע כוחות ציִען מיך אַראָפּ־אַראָפּ, צו דער ערד; און איך בין געפאַלן, געפאַלן ווי פון אַ שפּיץ־באַרג; אונטן האָט אַן אָפּענער תהום מיך אָפּגעוואַרט; און פאַלנדיק, האָב איך זיך דערנענטערט צו אים, צום תהום, מיט אַ נישט־רעאַלער שנעלקייט...

...ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, ווען איך האָב געעפנט די אויגן האָב איך דערזען בלויז אַן אומענדלעכע ווייסקייט וואָס האָט איינגעהילט אַלץ — דעם גאַנצן חלל, פון הימל ביז צו דער ערד: דאָס ווייסע ליילעך.

דאָס גוטמוטיקע פּנים פון דאָקטאָר איז געווען אַריבערגעבויגן איבער מיר:

— האָסט געהאַט קוראַזש, קליינער, — האָט זיין קול מיר געשמייכלט. — בראַוואָ! ביסט געווען מוטיק און שטאַרק. איצט — זיי זיכער: עס וועט דיר גאָרנישט שאַדן. וועסט בלייבן דאָ צוויי וואָכן. וועסט זיך אָפּרוען. וועסט גוט עסן, גוט אויסרוען דיינע ביינער, דיינע נערוון.

זיין ווייך, שמייכלענדיק קול איז מיר דערגאַנגען ווי דורך אַ פאַרהאַנג. איך האָב געהערט די אינטאָנאַציע, די בויגזאַמקייט פון קול אָבער נישט די ווערטער, נישט דעם גוף פון די דיבורים. דער דאָקטאָר האָט אַ סך גערעדט צו מיר, איבער מיר, אָבער — איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס ער זאָגט. די איינציקע פראַזע וואָס דאָס אויער האָט אויפגעכאַפּט איז געווען: צוויי וואָכן זיך אויסרוען...

צוויי וואָכן! דער פּרייז פון בלוט, פון יסורים!

אפשר איז אַלץ כדאי געווען? אפשר איז כדאי געווען אַדורכצומאַכן דעם גיהנום אין אָפּעראַציע־צימער, בכדי צו געניסן פון אַ צוויי־וואָכעדיקער רו?

דער פוס האָט וויי־געטון. איך האָב געפילט אַ שווערן פּאַפּיר־באַנדאַזש אויף דער אָפענער וווּנד. אַ געדאַנק האָט אויפגעבליצט אין מוח: צי האָט מען נישט אַמפּוטירט דעם אונטערשטן טייל פון פוס?

אַ קאַלטער שווייס האָט באַגאָסן דעם גאַנצן קערפּער:

— דאָקטאָר! — האָב איך גערופן.

ער האָט געגלעט מיין נאַסן שטערן:

— וואָס איז, קליינער?

איך האָב געוואָלט פרעגן, צי איך וועל נאָך קענען גיין אויפן רעכטן פוס, נאָר אין דער לעצטער סעקונדע האָב איך זיך פאַרשעמט און געזאָגט עפּעס אַנדערש:

— דאָקטאָר... איך בין דורשטיק!

ער האָט געהייסן מיר ברענגען וואַסער. פרעגן אים? מורא געהאַט פאַר זיין ענטפער. ער שמייכלט. ער גרייט זיך אָוועקצוגיין. ער מוז אַנדערע קראַנקע באַזוכן. איצט...

— דאָקטאָר...

— וואָס איז, קליינער?

— דאָקטאָר... צי וועל איך נאָך קענען גיין אויפן רעכטן פוס?

דער דאָקטאָר האָט אויפגעהערט שמייכלען. אַ קאַנוווּלסיע האָט אַדורכגענומען מיין גוף. הייסט עס, איך האָב נישט קיין טעות געהאַט. אַמפּוטירט דעם פוס! אָפּגעשניטן פינגער — אין בעסטן פאַל... ווייל — אַנדערש, פאַרוואָס זשע האָט ער אויפגעהערט שמייכלען? איך בין ביז געוואָרן אויף זיך אַליין, וואָס איך האָב געפרעגט די פראַגע. מיטאַמאָל איז זיין שמייכל וויכטיקער געוואָרן אין מיינע אויגן ווי דער אייגענער פוס. די אַמפּוטאַציע האָט מיך אויפגעהערט צו אַרן. אָבער — זיין שמייכל...

— קליינער, צי האָסטו צוטרוי צו מיר? — האָט מיך דער דאָקטאָר ערנסט געפרעגט.

— יאָ, דאָקטאָר. אַבסאָלוטן צוטרוי.

— אויב אַזוי — טאָ גלייב מיר, וואָס איך גיי דיר זאָגן: אין צוויי וואָכן אַרום, וועסטו אַרומשפּאַצירן אין לאַגער, גלייך מיט אַלע אַנדערע. גאָרנישט וועט דיר געשען. דער אונטערשטער טייל פון פוס איז געווען געשוואָלן, פול מיט אייטער. האָט מען געמוזט שנײַדן. אויסקוועטשן דעם אייטער. אָבער — מען האָט גאָרנישט אַמפּוטירט. איך זאָג דיר נאָך אַמאָל: אין צוויי וואָכן אַרום וועסטו אַרומגיין אין לאַגער און וועסט זיך פילן געזונטער, ווי פאַר דער אָפּעראַציע...

איך האָב אים געגלייבט.

צוויי וואָכן?

עס האָט נישט געדויערט קיין צוויי וואָכן. עס האָט אַפילו קיין צוויי טעג נישט געדויערט.

במשך פון איין טאָג, במשך פון איין מעת־לעת זענען אַ סך געשעענישן אויסגעבראָכן אין לאַגער. אַ סך נישט־פאָרויסגעזעענע געשעענישן.

עס האָט נישט געדויערט קיין צוויי וואָכן.

28 שעה נאָך דער אָפּעראַציע בין איך שוין געווען אויסערן שפּיטאָל און אַרומגעלאָפן — נישט אַרומשפּאַצירט, נאָר אַרומגעלאָפן — אין לאַגער, מיט אַ שלעכט־פאַרבאַנדאַזשירטן פוס, מיט פאַרבלוטיקטע, פאַרביסענע ליפּן, אָבער — אַרומגעלאָפן. און עד־היום ווייס איך נישט פון ווו עס האָבן זיך גענומען צו מיר די כוחות, דעמאָלט אַרומצוגיין, מיט אַ נאָרוואָס־אָפּערירטן פוס, דאַן — ווען דער קלענסטער שריט האָט געוואָרגן מיך ביים האַלדז, פון ווייטיק און טרערן.

צוויי וואָכן אין שפּיטאָל?

נאַ־ווער, טייערער דאָקטאָר! וואָס האָט איר געמיינט, אַז דאָס הענגט אָפּ פון אייך, בלויז פון אייך, צי איך זאָל בלייבן אין שפּיטאָל צוויי טעג אָדער צוויי וואָכן?

***

ווי אַזוי איז עס געשען?

אָט ווי אַזוי:

צומאָרגנס, איין טאָג נאָך דער אָפּעראַציע, האָבן מאָדנע קלאַנגען זיך פאַרשפּרייט אין לאַגער: דער פראָנט דערנענטערט זיך. ער איז שוין ביז

גאָר נאָענט. די רויטע אַרמיי איז כמעט פאַרן טויער. צווישן אונדז און איר — אַ דיסטאַנץ פון עטלעכע שעה. עטלעכע שעה און זי וועט זיין, אָדער זי קען זיין אין לאַגער.

מיר זענען געווען צוגעוווינט צו אַזעלכע קלאַנגען. פון צייט צו צייט פלעגט אַ בטחון־נביא אויפשטיין און ער האָט פאַרפלייצט די הערצער מיט זיינע גוטע, גלענצנדע בשורה־וויזיעס: שלום אויף דער וועלט, פאַרהאַנדלונגען מיטן רויטן קרייץ בנוגע אונדזער באַפרייונג און אַזוי ווייטער. אָפטמאָל פלעגן מיר אַפילו גלייבן אין דעם אַלעם, ווייל — ס'האָט זיך געוואָלט גלייבן. ס'איז געווען ווי אַ מאָרפיום־איינשפּריצונג קעגן יאוש, אַן איינשפּריצונג וועלכע האָט אַמאָל געהאָלפן אויסהאַלטן ספיקות פון אַ נאַכט און מאַטערניש פון אַ טאָג. און כאָטש מיר האָבן שפּעטער געזען, אַז די דאָזיקע בשורות שטאַמען פון ווינט, פאַרשווינדן מיטן ווינט — איז מען פאָרט נישט געקומען מיט קיין טענות צו די בטחון־נביאים. פשוט: מ'האָט פאַרגעסן אַז זיי און אַז זייער נביאות. דעמאָלט איז לייכטער געווען צו פאַרגעסן.

אָבער דאָסמאָל, דאָסמאָל איז דער מצב געווען אַן אַנדערער. דאָסמאָל האָבן מיר געוווּסט, געפילט, אַז פאַראַן איז אַ יסוד צו די קלאַנגען.

עפּעס זענען לעצטנס די ס. ס.־ניקעס געווען מער דענערווירט ווי אַלעמאָל. עפּעס איז געשען. עפּעס דאַרף געשען. דאָס לאַגער־לעבן האָט באַקומען אַן אַנדערע פאַרב. אַ וואָלקן פון אומעט און דערוואַרטונג האָט געהאַנגען אויפן הימל.

ביינאַכט פלעגן מיר שוין הערן דאָס דונערן פון קאַנאָנען, וועמענס אָפּקלאַנג האָט פאַרפולט אונדזער האַרץ מיט פרייד און טראָץ־אַלעמדיקער האָפענונג.

יאָ. דאָסמאָל זענען מיר געווען זיכער: די קלאַנגען זענען אמתע. דער פראָנט איז ביז גאָר נאָענט. דער גרויסער טאָג שטייט צוגעגרייט און וואַרט מיר זאָלן אים אויפנעמען.

שפּאַנונג.

איך בין געלעגן אין שפּיטאָל און הנאה געהאַט פון שטיקל ווייסן ברויט, וואָס מיין באַשיצער, דער דאָקטאָר האָט מיר געבראַכט.

אויך אין שפּיטאָל איז די שטימונג געווען אַ געהויבענע, אָבער —

פונדעסטוועגן איז מען אומעטיק געווען. אַן אינערלעכע שטים האָט אונדז געוואָרנט: די גאולה איז נאָך נישט אייער גאולה!

צי וועט דער גורל זיך איבער אונדז מרחם זיין דאָסמאָל? צי וועלן מיר זוכה זיין צו זען אונדזערע באַפרייער?

שווערע, האַרבע פראַגן.

דאָס האַרץ איז געווען פּעסימיסטיש. דווקא איצט, ווען די גאולה איז געווען אַזוי נאָענט, ווען זי איז געווען אין דער לופט, דווקא איצט ווען די הימלען פלעגן רויט ווערן, ביינאַכט, פון די רוסישע ראַקעטן, האָט זיך נישט געוואָלט, נישט געקענט גלייבן, אַז דער קאָשמאַר דערנענטערט זיך צום סוף.

מיין פנימלאָזער שכן האָט אויך די געלעגנהייט נישט אַדורכגעלאָזט, כדי צו אַריינוואַרפן זיין יאוש־וואָרט אין אַלגעמיינעם געשפּרעך פון שפּיטאָל צימער:

— לאָזט אייך נישט פאַרנאַרן דורך פוסטע האָפענונגען, האָט ער געטענהט. היטלער האָט געזאָגט, אַז איידער דער זייגער וועט שלאָגן צוועלף מאָל — וועט ער אַלע ייִדן אומברענגען, כדי זיי זאָלן נישט הערן דאָס לעצטע שלאָגן פון זייגער. וואָס זשע פרייט איר אייך?

איך בין געוואָרן בייז אויף מיין צעשלאָגענעם און דערשלאָגענעם שכן:

— וואָס איז עס אייער עסק? האָב איך צו אים געשריגן. פאַרוואָס פאַרזייט איר אַרום אייך יאוש און פחד? פאַרוואָס ווילט איר מיר זאָלן גלייבן מער אין היטלערס רייד ווי אין דער צוקונפט?

צוויי פאַרלאָשענע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטערן ווייסן יילעך. דער ייִד האָט געשוויגן אַ ווײַלע און דאַן, מיט אַ פּלוצימדיק־מידער שטים געענטפערט:

— יאָ, מיין קינד. איך גלויב מער היטלערן ווי יעדן איינעם. ער האָט מקיים געווען זיינע הבטחות. אַלע הבטחות וואָס ער האָט געגעבן דעם ייִדישן פאָלק — האָט ער מקיים געווען. פאַרוואָס זשע אים נישט גלייבן?

אַן אייז־קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן אין זאַל.

דורך די פענצטערלעך פון שפּיטאָל־בלאָק, האָט דער לאַגער זיך אַנטפּלעקט פאַר מיינע אויגן, מיט זיין שניי־ווייסן צודעק־מאַנטל.

***

דעם זעלבן טאָג, אַרום פיר אַזייגער.

ווי געוויינלעך האָט דער גלאָק גערופן אַלע בלאָק־עלטסטע צום ראַפּאָרט. נאָר עפּעס האָט דער ראַפּאָרט געדויערט לענגער ווי ביז איצט. עפּעס הענגט טאַקע אין דער לופט. דער גורל גייט נעמען דאָס וואָרט.

די בלאָק־עלטסטע זענען צוריקגעקומען פון ראַפּאָרט — דערשי־טערט. בלויז איין וואָרט, בלויז איין־איינציקס האָבן זיי אַרויסגעפּליס־טערט:

— עוואַקואַציע !

דער לאַגער ווערט עוואַקויִרט. אויסגעליידיקט. דער גירוש־וועג האָט זיך נאָך נישט פאַרענדיקט. די גאולה איז טאַקע נאָענט, די רוסישע אַרמיי שטייט טאַקע האַרט פאַרן טויער, אָבער — דווקא דערפאַר האָט הימלער באַשלאָסן אונדז אַוועקצופירן. ווו? טיף אין דייטשלאַנד. אין אַנדערע לאַ־גערן. צי פעלן לאַגערן אין דייטשלאַנד?

— ווען פאַרלאָזן מיר דעם לאַגער? — פרעגט עמעצער דעם שפּי־טאָל־דאָקטאָר.

— מאָרגן אָוונט.

— אפשר וועלן די רוסן אָנקומען ביז דעמאָלט?

— אפשר.

פוסטע פראַגע. פוסטע ענטפערס. מיר האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז די רוסן וועלן נישט אָנקומען. אַז זיי איילן זיך נישט צו באַפרייען קאָנ־צענטראַציע־לאַגערס, אַז זיי וועלן זיין אין בונא, ערשט נאָכדעם ווי ער וועט אויסגעליידיקט ווערן. מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר וועלן גיין, מאַר־שירן ווייטער, תמיד ווייטער אויף אונדזער בלוט־וועג. פונדעסטוועגן האָט מען זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון שטעלן טרייסטנדיקע קלאָץ־קשיות.

אין צווישן זענען אַריינגעקומען אין לאַגער די אַרבעטס־קאָמאַנדאָס. אויך זיי זענען צוריקגעקומען פריִער ווי אַלעמאָל. זיי האָבן איבערגעריסן

די אַרבעט. די דייטשן האָבן געוווּסט: די אַרבעט פון היינט וועט ברענגען נוצן דעם באַפרייער פון מאָרגן.

דער לאַגער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בינען־שטאָק. אין אַלע בלאָקן האָט מען זיך געפּאָרעט, געגרייט זיך אין וועג אַריין. אין איינציק וואָרט האָט אַזאַ ענדערונג אַריינגעבראַכט אין לעבן פון לאַגער. אָט דער כּוח פון ווערטער!

די לעצטע קאָמאַנדאָס זענען אַריינגעקומען אין לאַגער. זיי האָבן נאָך נישט געוווּסט, וואָס ס׳גרייט זיך, אָבער זיי האָבן געפילט, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג. דער אָרקעסטער האָט זיי נישט באַגעגנט מיט קיין מוזיק.

איך האָב פאַרגעסן אָן מיין אָנגעוויטיקטער וווּנד. אַנדערע דאגות געהאַט. איינער פון די שפּיטאָל־דאָקטוירים איז אַריינגעקומען אין זאַל און מודיע־געווען:

— דער עוואַקואַציע־פּלאַן איז פאַרטיק. מאָרגן־אָוונט, גלייך נאָכן צופאַלן פון דער נאַכט, וועט דער לאַגער אַרויסמאַרשירן. בלאָקנווייז. די קראַנקע מעגן בלייבן אין שפּיטאָל. זיי וועלן נישט עוואַקויִרט ווערן!

די אַ, ידיעה איז נישט אויפגענומען געוואָרן מיט קיין פרייד צווישן די קראַנקע. עפּעס איז די כּלה צו שיין, דער נדן צו־רייצנד. ס׳הייסט? די דייטשן וועלן לאָזן, סתם־אַזוי, נישט־מיר, נישט־דיר, הונדערטער העפט־לינגען זיך ראַטעווען פון זייערע נעגל? די ס. ס.־מענער וועלן דערלאָזן, אַז ייִדן, אַפילו קראַנקע ייִדן, זאָלן זיך צוהערן ווי דער זייגער וועט אויס־שלאָגן צוועלף מאָל פאַרן דריטן רייך? ניין. די פראַזע קלינגט צו־שיין. היטלער איז מקיים הבטחות. לגבי ייִדן איז ער מקיים זיינע צוזאָגן. דער באַשלוס צו לאָזן קראַנקע אין שפּיטאָל קלינגט פאַרדעכטיק. מסתמא זענען פאַראַן צוגעגרייטע פּלענער לגבי קראַנקע...

— אַלע קראַנקע וועלן דערשאָסן ווערן! — רופט זיך אָפּ דאָס פנימלאָזע ייִדל, מיין שכן.

אַ סך האָבן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. מסכּים. קראַנקע וועלן דערשאָסן ווערן. דאָס איז לאָגיש. דאָס איז די לאָגיק פון קאַצעט. און ווער איז נאָך אַזאַ לאָגיש פאָלק ווי דאָס דייטשע!

— דער לאַגער איז אוודאי געמינעוועט, — באַמערקט אָן אַנדערער

קראַנקער. — גלייך נאָך דער עוואַקואַציע, וועט דער לאַגער צעשפּרונגען ווערן!

ווידער אַמאָל: אַ סך האָבן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. מסכּים. אויך דאָס איז אין שטח פון קאַצעט־לאָגיק. עס קען זיין אַ מיינונגס־פאַרשידנקייט בנוגע דעם אופן פון אונדזער אומקום. אָבער נישט בנוגע אונדזער אומקום גופא. דאָס אונטערליגט נישט קיין שום ספק. די קראַנקע וועלן אומ־געבראַכט ווערן. פאַרוואָס נישט? וואָס וועט באַוועגן די דייטשן עס נישט צו טון? צוואָס איבערלאָזן עדות, רעדנדיקע עדות?

מיך האָבן די השערות נישט איבערגעשראָקן. ווי איך האָב עס אַ סך מאָל קאָנסטאַטירט: דער טויט האָט פאַרלוירן זיין שרעק־עפעקט פאַר מיר. איך בין געווען צוגעוווינט צו אים, צו זיין אָטעם. נאָר עפּעס האָט מיך באַאומרויִקט: די מעגלעכקייט פון צעשיידן זיך מיטן פאָטער.

און די מעגלעכקייט האָב איך געוואָלט באַקעמפן. איך האָב נישט געוואָלט זיך שיידן מיטן פאָטער. מיר האָבן אַזויפיל איבערגעלעבט צוזאַ־מען — מוזן מיר ווייטער זיך לאָזן פירן דורכן זעלבן גורל. טראָץ אַלע־מען! טראָץ דעם אָפּערירטן פוס!

...אַ האַלבע שעה דערנאָך, בין איך שוין אַרומגעלאָפן אין לאַגער און געזוכט מיין פאָטער, כּדי צו באַראָטן זיך מיט אים, וואָס מיר האָבן צו טון. דער לאַגער איז געווען פאַרשנייט. די פענצטער פון די בלאָקן — פאַרפרוירן. אויפן רעכטן פוס האָב איך קיין שיך נישט געקענט אַרויפ־ציִען. צו געשוואָלן, צו אָנגעוויטיקט געווען. בין איך אַרומגעלאָפן בלויז מיט איין שיך. איך האָב נישט געפילט קיין קעלט, נאַסקייט און ווייטיק.

צוויי וואָכן וועל איך בלייבן אין שפּיטאָל! — אַזוי האָט דער דאָק־טאָר מיר צוגעזאָגט.

אַ, נאַיִווער דאָקטאָר!

**
*

— וואָס טוט מען?

דער פאָטער האָט נישט געענטפערט.

— וואָס טוט מען, פאָטער?

ער איז געווען פֿאַרזונקען אין זײַנע מחשבֿות. דער מצבֿ איז געווען אַן ערנסטער — ספּעציעל פֿון פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. ביז איצט איז די ברירה נישט געלעגן אין אונדזערע הענט. אַלץ וואָס ס׳איז געשען — איז געשען אָן אונדזער ווילן, אָן אונדזער איניציאַטיוו. אַנדערע האָבן דעצידירט וועגן אונדזער גורל, וועגן אונדזער נאָענטסטן שריט. איז עס טאַקע לײַכטער געווען. חרטה־געפֿילן האָבן אונדז זעלטן געפּײַניקט.

איצט אָבער איז דער אויסוואַל אין אונדזער רשות. צוויי וועגן שטייען אָפֿן פֿאַר אונדז. מיר קענען בלײַבן — ביידע — אין שפּיטאָל. איך — אַלס קראַנקער. און ער — אַלס קראַנקער אָדער אַלס „מײַן" דאָקטאָרס געהילף. דער דאָקטאָר וואָלט בלי שום ספֿק מסכּים געווען אונדז צו העלפֿן.

פֿון דער אַנדערער זײַט, קענען מיר — ביידע — מיטגיין מיטן גאַנצן לאַגער. דער פֿוס בלוטיקט? מילא. נישט געפֿערלעך. דאָרט ווו מיר גייען — אויך דאָרט איז מסתּמא פֿאַראַן אַ שפּיטאָל. וועל איך דאָרט זיך אויסרוען פֿון דער מידקייט פֿון וועג.

— וואָס זשע טוט מען, פֿאָטער?

ער האָט געשוויגן, דער פֿאָטער. שווער געווען צו באַשליסן אַהער אָדער אַהין. בלײַבן אין שפּיטאָל איז מסוכּנדיק. צו אַ לײַכטע לייזונג. פֿון מינוט צו מינוט ווערן די קלאַנגען, לויט וועלכע מ׳וועט די קראַנקע דערשיסן, געשוואָלענער.

גיין מיטן לאַגער — ווער ווייסט וויפֿיל מ׳וועט גיין, וויפֿיל מיר וועלן אָנקומען, וויפֿיל קרבּנות מיר וועלן פֿאַרלירן אויפֿן וועג.

— מיר וועלן גיין מיטן לאַגער, פֿאָטער!

דאָס האָב איך אַזוי באַשלאָסן.

איך האָב געוווּסט: דער פֿאָטער באַציט זיך מיט חשד צום געדאַנק פֿון בלײַבן אין שפּיטאָל. ער גלייבט אין דער לאָגיק פֿון די קלאַנגען. וואָלט ער בעסער אויסגעוויילט די אַנדערע לייזונג. נאָר — ער טראַכט וועגן מיר, וועגן מײַן פֿוס, וועגן דער אָפֿענער ווונד...

— מיר בלײַבן נישט אין שפּיטאָל, פֿאָטער

ער פֿרעגט:

—דו מיינסט, אַז דו וועסט קענען מאַרשירן מיט דײַן אָפּערירטן פֿוס?

איך ענטפֿער:

— יאָ.

דער ענטפֿער האָט געקלונגען זיכער. אָבער — אינעווייניק, אין מיר, בין איך בכלל נישט געווען אַזוי זיכער אין דעם.

האָט ער אויפֿגעהויבן די אויגן פֿון שניי, זיי אָנגעהאַנגען אויף מיר און מיט אַ סך דאַנקבאַרקייט אין דער שטים, באַמערקט:

— הלוואַי זאָלן מיר נישט קיין חרטה האָבן דערויף, אליעזר!

די ווערטער קלינגען מיר נאָך איצט אין אויער. איצט — שרײַבנדיק אויף דער קאַלטער, אומפּערזענלעכער שרײַב־מאַשין די אַ, זכרונות. און אַ ציטער, אַ קאַלטער ציטער נעמט מיך דורך און דורך. חרטה? אוי, האָב איך חרטה געהאַט דערויף, נאָך ווי חרטה געהאַט! ווען מיר וואָלטן פֿאַרבליבן דעמאָלט אין שפּיטאָל — וואָלט דער פֿאָטער הײַנט צו טאָג געלעבט; און די וועלט וואָלט פֿאַר מיר אַן אַנדער פּנים געהאַט; און איך וואָלט דאָס דאָזיקע בוך אפֿשר בכלל נישט אָנגעשריבן...

ערשט נאָך דער באַפֿרײַונג, האָב איך זיך דערוווּסט וועגן גורל פֿון די קראַנקע וואָס זענען געבליבן אין שפּיטאָל אין בונאַ. אַלע — אָדער: כּמעט אַלע — זענען גערעטעוועט געוואָרן. די רוסן האָבן זיי באַפֿרײַט. צוויי טעג נאָכדעם ווי מיר האָבן פֿאַרלאָזט בונאַ — האָט די רויטע אַרמיי אָקופּירט דעם לאַגער. אַלע קראַנקע זענען לעבן־געבליבן.

אָבער ווער האָט עס געקענט וויסן? ווער האָט עס געקענט זיך פֿאַרשטעלן? ווער האָט געקענט אויסרעכענען דעם נאָענטסטן צוג פֿון שיקזאַל אויפֿן שאָך־ברעט פֿון קאַצעט?

איך האָב געפּרוווּט נאָך מער באַרויִקן דעם פֿאָטער, אַז אויב איך וועל גוט פֿאַרבאַנדאַזשירן דעם פֿוס — וועל איך נישט פֿילן די ווונד.

און רעדנדיק צו אים, האָב איך געפֿילט ווי די ווונד האָט זיך געעפֿנט. און דער שניי, דער ווײַסער שניי, ווו איך בין געשטאַנען, איז פֿלוצים רויט געוואָרן.

רויט פֿון מײַן בלוט.

***

אין שפּיטאָל בין איך מער נישט צוריקגעגאַנגען. געבליבן אין געווענעם בלאָק. מ׳מוז זיך גרייטן אין וועג אַרײַן.

מאַרטין, דער שטובנעלטסטער פון בלאָק 57, האָט פאַרטיילט דאָפּלטע פּאָרציעס ברויט מיט מאַרגאַרין. צידה לדרך. דער קליידער־מאַגאַזין איז געוואָרן רחמנותדיקער און יעדער האָט באַקומען אַזויפיל העמדער און קליידער, וויפיל ער האָט געוואָלט.

קאַלט איז געווען אין דרויסן. אַ דיקער שניי האָט באַדעקט די ערד, דעם לאַגער. איבערן קאָפּ — אַ נידעריקער, מיט סכנות אָנגעלאָדענער הימל.

מ׳גייט שלאָפן.

די לעצטע נאַכט אין בונאַ. ווידער אַמאָל: די לעצטע נאַכט. די לעצטע נאַכט אין דער היים, די לעצטע נאַכט אין געטאָ, די לעצטע נאַכט אין וואַגאָן און איצט — די לעצטע נאַכט אין בונאַ.

ווי לאַנג וועט זיך אונדזער לעבן אָפּשפּילן, אָפּשלעפּן צווישן איין לעצטער נאַכט און דער אַנדערער?

אַ בענקשאַפט־שטימונג אין בלאָק. עס גלוסט זיך נישט צו פאַרלאָזן בונאַ. פאַרט אַ גוטער לאַגער געווען. ער וואָלט געקענט זיין ערגער.

די לעצטע נאַכט אין בונאַ. פון דערווייטנס דערגייען צו אונדז אָפּקלאַנגען פון האַרמאַטן־שאָסן. די רוסן זענען אַזוי נאָענט, אַזוי נאָענט. מ׳הערט זיי, אָבער מ׳זעט זיי נישט! אָט — צווישן אונדז און זיי, צווישן אונדז און די גאולה — איין נאַכט, בלויז איין נאַכט!

ווי שטאַרק דאָס האַרץ איז נישט געווען פאַרפּאַנצערט איז דאָך אַ פונק פון האָפענונג אין אים אַריין. מ׳האָט נאָך אַלץ געהאָפט. אַן אַנדערע אויפלאַגע פון דער אַלטער געטאָ־האָפענונג: אפשר וועט גאָט זיך מרחם־זיין? אפשר וועלן די דייטשן נישט באַוויזן אונדז אַרויסצופירן פונעם לאַגער? אפשר וועט די רויטע אַרמיי אָנקומען, נאָך אײדער די נאַכט וועט, ווי די שכינה, פון אונדז זיך אָפּטון?

דעמאָלט האָבן מיר נאָך נישט געוווּסט דעם אמת. נישט געוווּסט, אַז די רויטע אַרמיי האָט לייכט געקענט — כמעט אָן קרבנות און אָן ווידערשטאַנד — אָקופּירן אַלע לאַגערן פון דער אוישוויצער סביבה. הונדערטער טויזנטער ייִדן וואָלטן אַזוי אַרום געראַטעוועט געוואָרן. אָבער די גענעראַלן פון דער רויטער אַרמיי איז ווייניק אָנגעגאַנגען דער גורל פון ייִדישע העפטלינגען. צוליב סטראַטעגישע סיבות — און אפשר אָפילו

אויך נישט צוליב זיי — האָט זייער אָפּענסיווע אָנגעהויבן זיך מיט צוויי טעג שפּעטער. צוויי טעג! אַ דאַנק די אָ, צוויי טעג איז די צאָל ייִדישע קרבנות געוואַקסן מיט נאָך עטלעכע הונדערט טויזנט...

מענטשן שושקען זיך אויף די הילצערנע בעטלעך. מ׳פּרוּווט שעפּן בטחון, אַ סיבה צו האָבן בטחון, פון דונערן פון די קאַנאָנען, פון שניי וואָס פאַלט פון הימל.

עמעצער רופט זיך אָפּ:

— פּרוּווט שלאָפן! זאַמלט כוחות!

כמעט די זעלבע ווערטער האָט די מאַמע געזאָגט, בשעת דער לעצטער נאַכט אין געטאָ!

יאָ. מ׳דאַרף פּרוּוון שלאָפן. נישט רעדן. נישט צוהערן זיך צו פּוסטע, נאַרישע רייד. שלאָפן דאַרף מען. ווער ווייסט צי מאָרגן וועט מען האָבן ווו צו שלאָפן.

דער פוס טוט ווי. שרעקלעך ווי. אַ שטענדיק פייער האָט זיך אין אים צעפלאַקערט. עס ברענט, עס רייסט שטיקער. ממש נישט צום אויסהאַלטן. מיט אַזאַ פוס — האָב איך זיך געטראַכט — זענען נישט פאַראַן קיין סך אויסזיכטן אָנצוקומען ווייט... מסתמא וועל איך פאַרבלייבן אינמיטן וועג. מיט אַ קויל אין קאָפּ. מיט אַ לאָך אין דער ברוסט. אוודאי. אַנדערש קען עס נישט זיין. מיט אַזאַ פוס קען מען ווייט נישט דערגיין. אויב אַזוי — טאָ פאַרוואָס זשע אָנהויבן דעם וועג? אפשר איז פאָרט בעסער צו בלייבן אין שפּיטאָל?

ספק־מחשבות עגבערן דעם מוח. שלאָפן. עס ווילט זיך אַזוי שלאָפן. זאַמלען כוחות. אָבער — ווי איז מעגלעך צו פאַרמאַכן אַן אויג, ווען פלאַמען צינדן זיך אָן אין פוס, יעדעס מאָל ווען איך פּרוּוו אָטעמען?

קאַנאָנען דונערן פונדערווייטנס. קאַנאָנען דונערן ערגעץ־ווו אויף דער גרענעץ פון אמונה און דמיון.

מאָרגן דאַרף מען זיך ווידער לאָזן אין וועג אַריין.

דער גורל רופט: מוז מען גיין.

***

צומאָרגנס.

דער לאַגער האָט געענדערט זיין אויסזען. די העפטלינגען זענען

פאַרוואַנדלט געוואָרן אין משונהדיקע העלדן פון אַ פורימדיקער טראַגי־קאָמישער מאַסקאַראַדע. יעדער העפטלינג האָט געטראָגן 5־6 קאָסטיומען: געוואָלט פאַרגרעסערן די שאַנסן צו לעבן, געוואָלט זיך באַשיצן קעגן דער קעלט.

צירק־קלאָונען, ליצנים, פּאַיאַצן... פּאַיאַצן וואָס זענען ברייטער ווי לענגער, טויטער ווי לעבעדיקער, ליצנים וועמענס פּנימער האָבן קוים זיך אַרויסגעזען פון קליידער־באַרג, וואָס האָט זיי באַדעקט.

איך האָב געזוכט אַ פּאַסנדיקן שיך — דעם גרעסטן — פאַר מיין פאַרוווּנדעטן פוס. אָן הצלחה. נישט געפונען. מילא. האָב איך צעריסן אייניקע צודעקן און מיט די שמאַטעס פאַרבונדן דעם פוס.

ווען איך בין דערמיט פאַרטיק געוואָרן, האָב איך זיך געלאָזט אין לאַגער זוכן מער ברויט און קאַרטאָפל.

וואָס קען מען וויסן וואָס ס׳וועט זיין אויפן וועג? צי ס׳וועט זיין ברויט? מ׳מוז טראַכטן וועגן דעם. לויפן. זוכן. דער פוס טוט וויי? זאָל ער וויי טון. די אָפענע ווונד בלוטיקט? זאָל זי בלוטיקן. נישטאָ קיין ברירה. מ׳מוז פאַרגעסן דעם ווייטיק. און שווייגן. און לויפן.

קלאַנגען: מ׳פירט אונדז קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. ניין: קיין גראָוס־ראָזען. ניין: קיין גלייוויץ. ניין: קיין... קיין...

צוויי אַ זייגער נאָכמיטאָג.

די שפּאַנונג אין לאַגער דערגרייכט צום קולמינאַציע־פּונקט. די לעצטע שעהן אין בונא. דאַן — דער מאַרש. ריכטונג: אומבאַקאַנט. ציל: נאָך מער אומבאַקאַנט.

אַ שנײַ פאַלט פון אָנגעבייזערטן הימל.

אַ ירגזון־ווינט בלאָזט און דרינגט אַריין אין מאַרך פון די ביינער.

שוין פאַרנאַכט. דער אָוונט רוקט זיך אונטער. דער טאָג פאַרזינקט אין אַ ים פון גרויקייט.

מ׳איז גרייט. גרייט צו גיין. בלויז אויפן באַפעל וואַרט מען.

אונדזער בלאָק־עלטסטער האָט זיך פּלוצים דערמאָנט, אַז צוליב דער עוואַקואַציע־גזירה האָט מען פאַרגעסן ריינצומאַכן דעם בלאָק. באַפעלט ער פיר העפטלינגען, זיי זאָלן גלייך גיין און וואַשן די פּאָדלאָגע...

אַ שעה פאַרן פאַרלאָזן דעם לאַגער! צוואָס? פאַר וועמען?!

— פאַר דער באַפרייערישער אַרמיי, — רופט אויס דער בלאָק־עלטסטער. זאָלן זיי וויסן, די רוסישע זעלנער, אַז דאָ האָבן געוווינט מענטשן און נישט קיין חזירים.

אַ מאָדנער מאַן! וואָס אַרט עס אים וואָס די רוסישע זעלנער וועלן טראַכטן וועגן בלאָק נומער 57? והשנית — צי האָבן דען דאָ מענטשן געוווינט? זייט ווען האָט מען געהאַלטן אַ העפטלינג פאַר אַ מענטש אין קאַצעט?

צוליב געטון. ער וויל אַזוי — זאָל זיין אַזוי. מ׳האָט ריין־געמאַכט דעם בלאָק.

זעקס אַ זייגער. דער גלאָק צעקלינגט זיך מיט זיינע פּחדפולע ווילדע טענער. ס׳דוכט זיך משונהדיקע, נישט אמתע קירכן־גלאָקן קלינגען אויס אַ באַגלייטונגס־תפילה צו אַ לויה. דער לעצטער גלאָק. אָט אָט און דער טויער פון דער צוקונפט וועט זיך עפענען.

— איינטרעטן!

דער לאַגער שטעלט זיך אויס בלאָקנווייז. די נאַכט איז אין צווישן צוגעפאַלן. אַ שוואַרצער וואָלקן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און אונדז איינגעהילט מיט זיין סודותדיקן מאַנטל. כאָטש דער פאָטער האָט געוווינט אין 36סטן בלאָק האָט מען אים דערלויבט בלייבן מיט מיר.

די רעפלעקטאָרן פון אַרום דעם לאַגער האָבן זיך אָנגעצינדן. צענדליקער, הונדערטער באַוואָפנטע ס. ס.־ניקעס. רציחהדיקע שמירה־הינט.

אַ פאַרפרוירענער ווינט צעבלאָזט זיך אין די אברים.

איך הויב אָן מתחרט־זיין וואָס דער פאָטער גייט נעבן מיר. פאַרוואָס אים פאַרשאַפן אומזיסטן צער, זעענדיק מיך גיין מיטן פאַרוווּנדעטן פוס?

די טויערן פון לאַגער האָבן זיך ברייט צעעפנט. פון יענער זייט האָט געוואַרט אויף אונדז די אמתע נאַכט.

מ׳ווערט אומעטיק. עפּעס איז די וועלט צו טרויעריק. עפּעס איז אַלץ צו שוואַרץ.

די ערשטע בלאָקן מאַרשירן אַרויס. מיר וואַרטן. מיר געהערן צו די סאַמע לעצטע. בלאָק 57. כדי צו דערוואַרעמען די כמעט־פאַרפרוירענע אברים פאַכעט מען מיט די הענט. גימנאַסטיק.

צוויי שטיקלעך ברויט אין דער קעשענע. פּלוצים זיך אָן זיי דערמאָנט. איך בין הונגעריק. עסן? ניין, מ׳טאָר נישט. נאָך נישט. מ׳מוז זיך מתגבר זיין אויפן יצר־הרע. נישט אָנרירן דאָס ברויט. נישט טראַכטן וועגן ברויט. מאָרגן. שפּעטער.

בלאָקן מאַרשירן אַרויס. מיר שווייגן. באַלד — קומט אונדזער ריי. אָט — דער בלאָק 53. נאָך פיר בלאָקן. בלאָק 55. נאָך צוויי. 56...

— בלאָק 57 — — — — מאַרש! שרייט דער בלאָק־עלטסטער און זיין שטים האָט מסתמא זיך געהערט פון איין עק וועלט ביז צו דער אַנדערער.

...אָנגעהויבן האָט זיך דער מאַרש. דער טויט־מאַרש. אונדזערע טריט האָבן אָפּגעהילכט אין דער פינצטערניש, ווי מורא־רופן, אין אַ פּוסטן, טונקעלן מדבר.

קאַפּיטל פינף

דער טויטן-מאַרש

געווען איז עס אַ שווערע ווינטער־נאַכט. קאַלטע ווינטן האָבן זיך צעבלאָזן און צעבושעוועט, ווי פאַרשכורטע שדים. די קעלט האָט זיך צעגאָסן אין די אָדערן און פאַרגליווערט דאָס בלוט. און מיר זענען געגאַנגען, געגאַנגען, געגאַנגען, געגאַנגען מיטן ווינט, געגאַנגען קעגן ווינט, געגאַנגען אָן אַ ציל, אָן אַ טעם.

דער ריטם פון מאַרש האָט זיך אַלץ מער פאַרשנעלערט. די באַוואָפנטע ס.ס.־ניקעס האָבן געיאָגט זייערע קרבנות. שנעלער, שנעלער, נאָך שנעלער, וואָס שנעלער! ס׳האָט אונדז נישט איבעריק געאַרט. זאָל זיין שנעלער. ווען מען גייט שנעל — דערוואַרעמט זיך דאָס בלוט. דער קערפּער ווערט טאַקע שוואַכער, אָבער דאָס בלוט, דאָס בלוט ווערט נישט פאַרפרוירן. און דאַן: כל עוד מען גייט, אַפילו שנעל, איז אַ סימן, אַז מען לעבט נאָך. זאָל זשע זיין שנעלער...

דאָס גיין ווערט צוביסלעכוויז אַ מעכאַניש לויפן. מ׳לויפט נישט ווילנדיק צו וואָס און צי מיר זענען עס, די וואָס לויפן אַזוי, ווי צעווילדעוועטע הינט.

אויך די ס. ס.־ניקעס לויפן. זייערע אָנגעלאָדענע ביקסן און רעוואָלווערן וואַרפן אַ פּחד און ס׳דוכט זיך, אַז יעדער לויפט שנעלער, כדי צו אַנטלויפן פון זיי — גלייך ס׳וואָלט מעגלעך געווען פון זיי צו אַנטלויפן.

אַ פינצטערע נאַכט.

פון צייט־צו־צייט הילכן־אָפּ ביקסן־שאָסן. אונדזערע שומרים האָבן באַקומען דעם באַפעל צו באַנוצן זיך מיט זייער כלי־זין. שיסן! נישט פרעגן קיין קשיות, נישט וואַרטן אויף קיין ענטפערס נאָר — שיסן! און זיי האָבן דעם באַפעל — ווי געווײַנלעך — געטריי אויסגעפירט. אויף יעדן טריט און שריט האָט עמעצער פון די ס. ס. זיין ביקס אויסגעלאָדנט. איז אַ העפטלינג שטיין געבליבן אויף אַ סעקונדע — איז ער גלייך דערשאָסן געוואָרן.

מוז מען שלעפּן די שווערע לעבנס־משא ביזן סוף, ביז דער גרענעץ. אַנדערש — פּה תהיה קבורתנו.

שטעלט מען אַ טריט נאָך אַ טריט, שלעפּט מען, מיט די לעצט־פאַרבליבענע, לעצט־פאַרהוילענע כוחות, דעם אויסגעדאַרטן־שווערן קערפּער: מ׳מוז! ערשט איצט האָב איך אָנגעהויבן פילן ווי שווער מיין אייגענער קערפּער וועגט. וואָלט איך געקענט אים אַוועק וואַרפן פון מיר, אַוועק, ווייט־ווייט, וואָלט איך עס זיכער געטון. שווער צו שלעפּן אויף זיך דעם אייגענעם קערפּער אין אַזאַ ווינטער־נאַכט. מיטאַמאָל האָב איך זיך געפילט צעשפּאָלטן אין צווייען: מיין קערפּער און איך. צוויי באַזונדערע אָביעקטן. דער קערפּער איז נישט — איך. אוי, ווען איך וואָלט אים געקענט אַוועקוואַרפן...

אוממעגלעך. האָסט אָנגעהויבן גיין — גיי! ביזן סוף. מ׳קען נישט שטיין בלייבן אין מיטן. מ׳טאָר נישט שטיין בלייבן אין מיטן. טאָרסט זיך נישט אָפּשטעלן אײדער דו האָסט דעם לעצטן פּסוק אָפּגעזאָגט, דעם לעצטן בליק אָפּגעגעבן. דאָס איז אַ וועג מיט אַן אָנהויב, אָבער — אָן אַ סוף.

די רייען צעפאַלן זיך. זקנים און שוואַכע חלשן אַוועק אין שניי. ווערט ער, טאַקע, דער שמוציקער שניי, זייער גסיסה־בעט. הילכיקע שאָסן אין דער שטערנלאָזער נאַכט.

נעבן מיר איז געגאַנגען — ריכטיקער: געלאָפן — אַ ייִדישער בחור פון פוילן. זלמן האָט ער געהייסן. ער האָט געאַרבעט מיט מיר צוזאַמען אין עלעקטרע־מאַגאַזין. אין לאַגער פלעגט מען אָפטמאָל אָפּלאַכן פון אים. אַ פרומער איז ער געווען. אָפטמאָל פלעגט ער לייגן תפילין אין בונא

(געווען על פּי נס אַ פּאָר תפילין אין לאַגער) און באַקומען געשלאָגן דערנאָך. ער האָט אויף זיך מקבל געווען די קלעפּ באהבה. אַן אַמאָליקער ישיבה־בחור געווען און זיין שיטה צו אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט איז געווען: פאַרזינקען אין אַ סוגיה, וואָס ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק מיט אַלע מפרשים.

זענען פּלוצים בויך־ווייטיקן אים באַפאַלן. ממש: ער קען נישט גיין ווייטער. ער מוז טון זיינע באַדערפעניש. איך בעט זיך ביי אים: זלמן, וואַרט אונטער אַביסל!

איך האָב נישט געוואָלט ס׳זאָל אים עפּעס געשען. אַ גוטער, שטילער בחור געווען.

— וואַרט צו אַ ווײַלע, זלמן... איייניקע מינוטן... נאָך אַביסל... באַלד

— באַלד וועלן מיר מסתמא זיך אָפּשטעלן. מיר וועלן זיך אָפּרוען. דאַן וועסטו טון דיינע באַדערפעניש. וואַרט. מ׳וועט דאָך נישט לויפן אַזוי ביזן סוף פון אַלע דורות...

ער האָט געענטפערט לויפנדיק און אויפקנעפּלענדיק זיך די הויזן:

— איך קען זיך נישט איינהאַלטן מער!

— זלמן, פּרוּוו! שטרענג זיך אָן! האָב איך אים געעצהט.

ער האָט מיך נישט געפאָלגט.

האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אינמיטן וועג מיט אַראָפּגעלאָזטע הויזן. דאָס איז דאָס לעצטע בילד וואָס איז מיר פאַרבליבן פון אים: זיצנדיק אינמיטן וועג, מיט אַראָפּגעלאָזטע הויזן.

ער איז אומגעקומען, זלמן אויפן אָרט. נישט דורך די ס. ס. — זיי האָבן אים נישט דערזען, נישט באַמערקט. אָבער — וואָס איז עס וויכטיק? דער גורל, דער גורל האָט אים אויסגעווײלט. אים דערזען. און די טויזנטער העפטלינגען, וועלכע זענען געלאָפן פאַרויס, פאַרויס, ווייל דער פּחד האָט זיי געיאָגט און פאַריאָגט, זיי האָבן אים צעטרעטן! צעטרעטן!

זלמן האָט געשריגן, געבעטן זיך ביי מענטשן, ביי גאָט, ביי זיין גאָט, מ׳זאָל אויף אים רחמנות האָבן. קיינער האָט זיך צו זיין געוויין, צו זיין געבעט נישט צוגעהערט. קיינער האָט בכלל נישט געהערט אים וויינען, אים שרייען. דאָס קול פון טויטן־מאַרש האָט פאַרדעקט אַלץ אַרום.

איך האָב נישט געטראַכט קיין סך וועגן זלמנען. נישט געווען קיין

צייט דערויף. אנשטאט דעם האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זיך אַליין. וועגן פאַרוווּנדעטן פוס. מוראדיקע יסורים האָבן, קומענדיק פון פוס, פאַרפולט דעם גאַנצן קערפּער.

און מיד בין איך געוואָרן. נאָך אַביסל. נאָך אַביסל — האָב איך געטראַכט — און די לעצטע כּוחות וועלן מיך פאַרלאָזן. נאָך אַביסל... און דאַן?

מענטשן (מענטשן?) זענען געפאַלן אַרום מיר, אונטער די קוילן פון די באַגלייטער. אַ קליינער רויטער פלאַם און — אַ מענטשלעך וועזן האָט פאַרענדיקט זיין יסורים־וועג. דער כּוח פון אַ קליינעם רויטן פלאַם...

דער טויט האָט געשוועבט אַרום אונדז, אין אונדז.

איך האָב אים ממש געפילט, געקענט אים ביי דער האַנט אָננעמען. געקענט אים אין די אויגן קוקן און אים בעטן: אַ, טויט! דו וואָס דו ביסט דער דערלייזער פון יעדן מענטש! נעם מיך אונטער דיין שוץ, נעם מיך מיט דיר אין דיין קעניגרייך, דאָרט, דאָרט ווו ס׳עקזיסטירט נישט מער דער פּחד פאַר דיר, דער פּחד פאַרן טויט...

יאָ. איך האָב געבעטן אויף זיך דעם טויט. דער געדאַנק פון טויט, פון נישט־זיין, האָט אָנגענומען אַ צויבער־פאָרעם אין דאָזיקן מאָמענט. נאָכדעם — וועל איך גאָרנישט פילן. גאָרנישט. נישט דעם פוס, נישט די מידקייט, נישט דעם שניי, וואָס האָט געפּאַטשט אָן אויפהער דאָס פּנים. גאָרנישט. דערפאַר ווילט זיך שטאַרבן. אפשר אַרויסגיין פון דער ריי?... אפשר... וואָס וועט זיין? דאַן וועט אַ ביקס מיך דערזען און אַ קליינער רויטער פלאַם, אַ קליינער רויטער פלאַם וועט אַדורכשניידן די פינצטערניש פון דער נאַכט...

מיין פאָטער. ער איז געלאָפן ביי מיין רעכטער זייט. שווער, אין דרייען געבויגן, פאַרסאָפּעט. ניין! מ׳טאָר נישט שטאַרבן! מ׳טאָר נישט טראַכטן וועגן טויט. וואָס וועט ער, דער פאָטער, טון אָן מיר? ער וועט עס נישט אויסהאַלטן. דער איינציקער וואָס דערהאַלט אים ביים לעבן — בין איך. צי מעג איך מבטל־מאַכן דעם דאָזיקן כּוח? ניין. מ׳טאָר נישט טראַכטן וועגן טויט.

אין צווישן האָט דער אינערלעכער קאַמף, צווישן ווילן צו זיין און

נישט־זיין, צוגעגעבן אַ ביסל כּוח, אַביסל אויסדויער־כּוח, איז מען ווייטער געלאָפן. פאָרויס, פאָרויס.

דעם פאַרוווּנדעטן פוס האָב איך מער נישט געפילט. איך האָב געוווּסט: ס׳איז געפערלעך. אַ שלעכטער סימן. איך קען באַצאָלן דערפאַר — מיטן גאַנצן פוס. נאָר — מילא. ס׳גייט מיך נישט אָן. ס׳איז נישט מיין עסק. ס׳איז נישט מיין פוס. דער עיקר: נישט טראַכטן וועגן עתיד, וועגן וואָס ס׳קען פּאַסירן. איצט טוט מיר נישט וויי? גוט. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. אַזוי אַרום בין איך פעיִק ווייטער צו לויפן.

איך האָב געפּרוּווט גיין לאַנגזאַמער. שפּאָרן כּוחות. אוממעגלעך געווען. מענטשן־כוואַליעס האָבן געשטופּט, געשטויסן פאָרויס. און געשריגן האָבן זיי: ריר זיך, ריר זיך! שטער נישט די וואָס ווילן גיין, וואָס ווילן אַנטלויפן פון טויט! ריר זיך! ריר זיך! ריר זיך!

האָב איך קיין ברירה נישט געהאַט. זיך גערירט. און געלאָפן. מיטן פריִערדיקן טעמפּאָ.

דער גורל האָט גערופן. און ווען ער רופט — מוז מען גיין. גיין — פאַר יעדן פּרייז. אויף אַלע וועגן, אויף אַלע אומוועגן. אַנדערש — קומט דער טויט. און דער טויט איז שטאַרק. זייער שטאַרק. ער איז דער איינציקער וואָס איז פעיִק אַריינצוברענגען כּוח און פאַרשטאַרקונג אין בלוט, אין האַרץ פון פאַריאושטע באַשעפענישן.

ס. ס.־שומרים האָבן אונטערגעטריבן. געהייסן לויפן. זענען מיר געלאָפן אין דער קאַלטער, אוממענטשלעכער נאַכט. פראָסט־ווינטן האָבן געבלאָזן, שדים האָבן געטאַנצט פאַר די אויגן, אָבער מען איז געלאָפן פאָרויס, געשלעפּט מיט זיך דעם קערפּער אָדער געלאָזט זיך מיטשלעפּן מיט אים, טראָץ דעם וואָס אַלץ האָט געצויגן אַראָפּ, אַראָפּ צו דער ערד, צום זיסן־ווייסן שניי, צו דער רויִקייט, צו דער אייביקער רויִקייט.

פון צופיל מידקייט האָב איך פאַרמאַכט די אויגן און האָבן איינגעדרימלט. געשלאָפן בין איך גייענדיק. פּלוצים האָט אַ שטויס פון הינטן מיך אויפגעוועקט. בין איך ווייטער געגאַנגען אַ פּאָר טריט און געחלומט וועגן שלאָף. ווידער אַנטדרימלט געוואָרן אויף אַ מינוט, ביז אַ נייער שטויס האָט מיך אַרויסגעריסן פון דער נישט־ווירקלעכקייט. תּמיד דער זעלבער שפּיל. דער זעלבער קרייז. מער פון אַ מינוט איז אוממעגלעך

געווען צו האַלטן פֿאַרשלאָסן די אויגן. פֿונדעסטוועגן איז אַזוי גוט געווען צו שלאָפֿן גייענדיק, כאָטש אויף אַ קורצער מינוט! וואָס ווייסט איר דען וויפֿיל מ׳קען זיך אויסחלומען במשך אַ קליינער, באַשיידענער מינוט... במשך סעקונדן האָב איך געחלומט חלומות, וועלכע האָבן געקענט ברענגען גליק פֿאַר הונדערטער מענטשן אָדער דורות.

דער וועג האָט אויפֿגעהערט צו זײַן פֿאַרלייגט מיט דערנער, מיט יסורים. ס׳איז מיר געלונגען צו אַנטלויפֿן פֿון אים, אַנטלויפֿן פֿון דער ווירקלעכקייט. דער אור־אַלטער מיטל: דער חלום. אַ מינוט חלומען און דאַן ווידער זיך אויפֿכאַפּן. קיינמאָל נישט אויפֿן זעלבן אָרט. סימבאָליש...

יאָ. אַ שרעקלעכע געשפּענסט־נאַכט איז עס געווען. מיר זענען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון איין גלות צום אַנדערן, נישט ווייסנדיק ווי לאַנג דאָס וואַנדערן וועט דויערן, ווי טיף דער נאָענטסטער גלות וועט זײַן. איין זאַך האָבן מיר געוווּסט: אַ לאַנגער וועג שטייט פֿאַר אונדז. ווּ פֿירט ער? צום טויט? קלאָר. אַלע וועגן פֿירן צום טויט. דאָס איז די טראַגעדיע פֿון מענטש: ער קומט פֿון גאָרנישט און גייט צו גאָרנישט. דאָס לעבן איז בלויז אַ פּאַראַנטעזע. אָבער — איצט? ווּ פֿירט דער דאָזיקער וועג?

אָן אומפֿאַרשטענדלעכע נאַכט.

שלאָפֿן האָט איר אויך נישט געקענט מער. דער טעמפּאָ פֿון לויפֿן האָט נישט געלאָזט, נישט דערמעגלעכט צו פֿאַרמאַכן די אויגן.

ווידער די מחשבה פֿון אַלטערנאַטיווע: אפֿשר פֿאַרט אַרויסגיין פֿון דער ריי? אָט בין איך דאָך אַזוי נאָענט צום דערלייזערישן סוף?

און ווידער דער אַלטער ענטפֿער: איך האָב נישט די רעכט צו דערזערטירן. דער פֿאָטער. ער גייט בײַ מײַן רעכטער האַנט. איך טאָר אים נישט איבערלאָזן אַליין. איך בין פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זײַן לעבן. ער לעבט צוליב מיר. און איך — צוליב אים. דער קרייז האַלט זיך גלענצנד. ער איז גוט פֿאַרמאַכט.

האָב איך זיך געלאָזט שטופּן דורכן המון. געגאַנגען. געלאָפֿן. צענדליקער מענטשן זענען אַוועקגעפֿאַלן פֿון פֿאָרנט, פֿון הינטן. איך — איך בין געגאַנגען. נישט קוקנדיק הינטער מיר, פֿאַר מיר. ווי דער גורל אַליין, בין איך געגאַנגען. ווי דער בלינדער גורל. אויב ס׳קען געמאָלט זײַן, אַז

דער גורל זאָל זיך פֿאַרקערפּערן אין אַ מענטש, אין אַ געוויסן מאָמענט פֿון לעבן — טאָ, בין איך אין יענער נאַכט געווען דער גורל.

די ס. ס. שומרים זענען מיד געוואָרן. אָפּט האָט מען זיי געטוישט. די נאַכט איז אַ צו־לאַנגע געווען. ס׳האָט זיך געדוכט, זי האָט פֿאַרטריבן פֿון זיך דעם מאָרגן־שטערן. אונדז האָט קיינער נישט געטוישט. מיר האָבן נישט געהאַט קיין רעכט מיד צו ווערן. האָבן מיר מאַרשירט מיט אָפּגענומענע הענט און פֿיס, מיט פֿאַרטרוקנטע מײַלער און פֿאַרפֿרוירענע אויגן. די שומרים האָבן זיך אונטערגעגעבן די געזעצן פֿון דער נאַטור. מיר — נישט. מיר זענען פֿאַרזונקען געווען טיף־טיף אין תהום פֿון יאוש און טויט. אָבער — נישט דערטרונקען געוואָרן. דער וואָס באַציט זיך מיט ביטול צום טויט — אויף דעם האָט דער טויט קיין שליטה נישט. און אין יענער טייוולאָנישער נאַכט האָבן מיר געקוקט — אַלץ אין אונדז האָט געקוקט — מיט ביטול אין די ליידיקע אויגן פֿון לעבן און טויט! דעריבער האָבן זיי ביידע נישט געהאַט קיין שליטה אויף אונדז. אין יענער נאַכט פֿון כאַאָס, זענען מיר געווען די הערשער פֿון דער וועלט. מיר — די פֿאַריאָושטע, מיר, די פֿאַראורטיילטע, מיר, די צעבראָכענע.

**

דאַן האָט דער מאָרגן־שטערן זיך דערמאָנט אין זײַן אייביקער שליחות. דער האָריזאָנט איז געווען בלאַס. און גרוי־ליכטיק. מיר זענען געווען אָן כוחות, אָן אילוזיעס: פֿאַרבליבן זענען זיי הינטער אונדז, מיט דער נאַכט פֿאַרשוווּנדן.

דער קאָמענדאַנט פֿון מאַרש האָט געמאָלדן: מיר האָבן געמאַכט 70 קילאָמעטער! 70 קילאָמעטער אין איין נאַכט!

אומגלויבלעך! ווי האָט די דאָזיקע קאָמישע טרופּע פֿון קאַליקעס געקענט מאַרשירן 70 קילאָמעטער אָן איבעררייס?

אומגלויבלעך דער פֿאַקט, אַז מיר זענען אַזוי שטאַרק געווען, אַז מיר האָבן פֿאַרמאָגט אין זיך אַזויפֿיל כוח און אויסדויער.

מיד איז מען מער נישט געווען. מיר זענען ווײַט אַריבער די גרענעץ פֿון מידקייט, פֿון פֿילן וואָס ס׳זאָל נישט זײַן. די פֿיס האָבן זיך געהויבן מעכאַניש, גלייך זיי וואָלטן נישט געווען קיין טייל פֿון אונדזער גוף.

מיר זענען פאַרביי אַ שטעטל אין וועלכן קיין לעבעדיק נפש האָט זיך נישט באַוויזן. פאַרלאָדנטע פענצטער. פוסטע, ליידיקע גאַסן. איייניקע עפּטלינגען האָבן געפונען מוט און געפּרוווט זיך אַריינרייסן אין אַ הויז און זיך אויסבאַהאַלטן דאָרט.

אַ שעה דערנאָך — אַ באַפעל: אָפּרוען זיך.

זענען מיר אַנידערגעפאַלן צו דער ערד, אַרומגעהאַלדזט דעם וואַרעמען שניי און געפּרוווט זיך קלאַמערן אין אים.

דער פאָטער האָט מיך געוועקט:

— נישט דאָ... קום... אַביסל ווייטער... עטלעכע מעטער בלויז... דאָרט איז פאַראַן אַן אַלטער שייער... קום!

כאָטש איך האָב נישט געהאַט קיין ברעקל כוח אויפצוהייבן זיך פון שניי, האָט דער ווילן נישט מצער צו זיין אים, מיך אויפגעהויבן. און איך בין געגאַנגען צום שייער.

אייגנטלעך איז עס נישט געווען קיין שייער, נאָר אַ פאַרלאָזטע, פאַרחרובטע ציגל־פאַבריק. פאַררויכערטע ווענט און אויסגעהאַקטע פענצטער. אָן אַ דאַך. אַריינגיין אינעווייניק איז געווען אוממעגלעך. טויזנטער און טויזנטער העפּטלינגען זענען געשטאַנען פאַר דער טיר, אין אַ האַרטער, קאָמפּאַקטער מאַסע. ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער דאָזיקער המון איז אַן אייז־בלאָק פון פאַרפרוירענע מענטשן. עד־היום ווייס איך נישט ווי אַזוי ס'איז מיר געלונגען, מיר און דעם פאָטער, זיך אַריינצוקריגן אינעווייניק.

דער עיקר: מיר זענען געווען אינעווייניק. אויף אַ פאָדלאָגע. אויף אַ פעסטן באָדן, פון וווּ מען האָט דיך נישט פאַריאָגט.

האָב איך זיך געלאָזט פאַלן אויף דער שמוציקער, פאַרשנייטער פאָדלאָגע און האָב גלייך איינגעדרימלט. ערשט איצט האָב איך דערפילט מיין מידקייט.

איז דאָך אַזוי גוט געווען צו שלאָפן ליגנדיק...

אמת, איך בין טאַקע געשלאָפן אויפן שניי. אָבער וואָס האָט עס מיך געאַרט? קיין קעלט האָב איך נישט געפילט. פאַרקערט: אַ וואַרעמער שטראָם האָט זיך אַריינגעגאָסן אין די אברים. און דער, שטראָם איז געקומען דווקא פון שניי.

מיטאַמאָל האָב איך געפילט אַ האַנט, אַ פאַרפרוירענע, וועלכע האָט מיך געפּאַטשט לייכט אין פנים. מיט שווערער מי, האָב איך געעפנט די אויגן: דער פאָטער.

ערשט איצט האָב איך דערזען ווי אַלט ער איז געוואָרן במשך פון איין נאַכט!

אַ קלעם אין האַרצן.

גלייך ער וואָלט זיך געעלטערט נישט מיט דרייסיק יאָר נאָר מיט דרייסיק דורות!

זיין שוואַרץ היטל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט כמעט ביזן מויל. דער קערפּער — איינגעקורטשעט. די אויגן — פאַרטרוקנט. די ליפּן — פאַרוויאַנעט, פאַרפוילט. אַלץ אין אים האָט אָפּגעשפּיגלט אַזאַ מידקייט, אַזאַ יאוש, אַזאַ הילפלאָזיקייט!

זיין שטים איז געווען אַדורכגענעצט מיט שניי און טרערן:

— לאָז זיך נישט פאַרכאַפּן דורכן שלאָף, מיין קינד! מ'טאָר נישט. ס'איז געפערלעך איינצושלאָפן אין שניי. דאָס קען ברענגען — — — אייביקן שלאָף. קום, מיין זון, קום, שטיי אויף!

אויפשטיין?

ווי איז עס מעגלעך? ווי קען מען אויפשטיין פון וואַרעמען שניי, פון אַזאַ באַקוועם קבר־געלעגער? איך האָב פאַרשטאַנען די ווערטער פון פאָטער, אָבער — זיי נישט באַגריפן. אויפשטיין איז עפּעס אויסגעקומען שווערער, ווי אויפהויבן דעם גאַנצן שייער מיט די נאַקעטע הענט...

— קום, מיין זון! שטיי אויף!

ווידער אַמאָל. אויפשטיין. אויפשטיין?

נאָכוואָס?

איז דאָך אַזוי גוט צו ליגן דאָ, זיך איינגראָבן אין מוטערלעכן שניי און פאַרמאַכן די אויגן, און שלאָפן, שלאָפן, שלאָפן...

ניין, איך האָב נישט געקענט אויפשטיין, אויפהויבן זיך פון אָרט. אייזערנע נעגל האָבן מיך צוגעשמידט צו דער פאָדלאָגע. און קופּער — דער גאַנצער קופּער פון דער ערד האָט זיך אַריינגעגאָסן אין מיין קערפּער.

און ווידער האָט זיך אַרויסגעוויזן דער מעטאַפיזישער כוח פון אַ

פאָטער: ער איז שטאַרקער געווען פון מיר, שטאַרקער פון מיין שלאָף, שטאַרקער פון טויט, שטאַרקער פון דער גאָרער וועלט.

בלויז אַ בליק געוואָרפן אויף אים, ווי ער איז געשטאַנען איינגעבויגן איבער מיר, ווי איבער אַ גוסס און שוין האָבן די אברים זיך אויסגעצויגן.

אויך ער איז געווען מיד. אפשר מידער געווען פון מיר. אַן אַלטער, אַלטער מאַן שוין געווען דעמאָלט דער פאָטער. פונדעסטוועגן האָט ער איין דאגה געהאַט: מיך צו באַשיצן.

ווען נישט דאָס — וואָלט ער זיך געוויס באַגראָבן אין שניי און געלאָזט זיך פאַרגאַרן אין דער אייביקייט.

בין איך אויפגעשטאַנען. געביסן די ליפן. פאַרשליידערט מיין אָרעם אַרום זיינעם און זיך געלאָזט אַרויסגיין פון דער ציגל־פאַבריק.

נישט לייכט איז עס אָנגעקומען. דאָס אַרויסגיין איז געווען פונקט אַזוי שווער, ווי דאָס אַריינגיין.

אַן אומעט האָט מיך אַרומגענומען. אַריינגיין, אַרויסגיין, אַרויסגיין, אַריינגיין. ביז ווען? ביז ווען?

מענטשן ווערן צעטרעטן אונטער די פיס. מ'קוקט זיך נישט אום אויף זיי. לעבן נעגירט טויט. לעבעדיקע נעגירן טויטע.

אָט זענען מיר שוין אויפן הויף. די קעלט שלאָגט אין פנים. איך מוז בייסן אָן אויפהער די ליפן. אַנדערש ווערן זיי פאַרפרוירן.

די וועלט טאַנצט אַרום מיר אַ נישט־רעאַלן, אַ ווילדן מתים־טאַנץ; פייערדיקע רינגען דרייען זיך פאַר די אויגן. פונדעסטוועגן גיי איך אַרום אויפן הויף, וואָס האָט דערמאָנט אַ פאַרלאָזטן בית־עלמין, ווו די חברה־קדישא־לייט זענען אַנטלאָפן און נישט באַוויזן צו באַהאַלטן די מתים.

אויף יעדן טריט און שריט — צענדליקער קערפערס, וואָס זענען אויסגעגאַנגען דאָ, נאָך אַ שטילער, אומבאַמערקבאַרער גסיסה. אַ שטילקייט האָט געהערשט אַרום. קיינער האָט אַ וואָרט נישט אַרויסגערעדט. קיינער האָט נישט געשריגן, נישט געוויינט, נישט געקלאָגט.

אַ מאָדנער בית־עלמין...

עפעס האָב איך נישט געקענט זיך צוקוקן צום דאָזיקן אומהייליקן אָרט; עפעס האָב איך דאָס אַלץ נישט געקענט — פיזיש און גייסטיק —

פאַרטראָגן. אין יעדן ליגנדיקן גוף, האָב איך געזען — מיך אַליין. אָט אַזוי וועל איך אויסזען באַלד, באַלד, אין שעהן אַרום, אין טעג אַרום.

— קום פאָטער, קום. לאָמיר צוריקגיין אין דער פאַבריק...

ער האָט נישט געענטפערט. זיינע אויגן האָבן געזען נישט די מתים, נאָר זייער אינהאַלט, זייער תכליתלאָזיקייט.

— קום פאָטער. קום. דאָרט איז בעסער. דאָרט וועלן מיר קענען זיך צוליגן. איינער נאָכן אַנדערן. איך וועל אויף דיר אַכטונג געבן און דו — אויף מיר. איינער וועט דעם אַנדערן וועקן.

ער האָט זיך נישט אַקעגנגעשטעלט.

מיט אוממענטשלעכער מי און מיט נאָך מער נסים זענען מיר צוריקגעקומען, צום צווייטן מאָל, אין דער פאַבריק. מיר קלעטערן אַרויף אויפן ערשטן שטאָק און גלייך געפאַלן אויף דער ערד.

— גיי, גיי מיין זון. קענסט שלאָפן. איך וועל שטיין אויף דער וואַך.

— ניין, פאָטער. קודם דו.

ער האָט אויסגעפירט.

האָב איך זיך צוגעלייגט. געפרוווט דרימלען און פון צופיל פרווון — נישט באַוויזן. עס האָט זיך אַזוי געוואָלט שלאָפן... דער יצר פון שלאָף איז געווען אַזוי שטאַרק, אַזוי גרויס. אָבער ווייסנדיק אַז מען טאָר נישט טיף איינשלאָפן, ווייל דאָס וואָלט באַדייט טויט, האָב איך אַפילו איינדרימלען נישט געקענט.

אַרום אונדז — דער שניט פון מלאך־המות. אָט, פרוווט איינער דערוועקן זיין חבר. יענער איז אַנטשלאָפן געוואָרן. אויף אייביק. ווער איז עס געווען? זיין ברודער? זיין איינציקער חבר? ווער קען עס וויסן. אַן אייביקער סוד. ווען דער פריש־אָנגעקומענער האָט געזען, אַז ער איז געקומען צו שפעט, האָט ער זיך אויך אַוועקגעלייגט. און איז באַלד איינגעשלאָפן. ווער וועט אים דערוועקן?

איך בין אויפגעשטאַנען און זיך דערנענטערט צו אים:

— שטיין אויף ברודער, — האָב איך געזאָגט צו אים. — שטיי אויף. מ'טאָר נישט שלאָפן דאָ, אין שניי...

ער האָט געעפנט די אויגן און איך האָב געלייענט אין זיי אַן אומבאַגרענעצטן יאוש:

— אַ דאַנק, — האָט ער רויִק און נישט דאָ־זייענדיק געענטפערט. לאָז מיך שלאָפן. איך בין מיד. לאָז מיך אָפּ. גיי. גיי און באַשעפטיק זיך מיט דיינע אייגענע עסקים!

זיין דינע, שוואַכע שטים האָט זיך באַדעקט מיט אַ שטויב פון כעס.

מילא. וואָס האָב איך געקענט טון? קעמפן מיט אים? נישט געהאַט קיין כוח דערצו. בין איך צוריקגעגאַנגען צום פאָטער. ער האָט איינגעדרימלט. און איך האָב געוווּסט: איצט מוז איך אים אַרויסרייסן פון שלאָף.

זיינע אויגן האָב איך נישט געזען. דאָס היטל זיינס, דאָס שוואַרצע לאַגער־היטל, האָט פאַרדעקט דאָס גאַנצע פּנים, גלייך ער האָט געמיינט, דער נאַיווער פאָטער מיינער, אַז דאָס קליינע היטל איז בכוח צו באַשיצן פון קעלט דעם גאַנצן קערפּער.

— שטיי אויף פאָטער! — האָב איך אים לייכט און צאַרט געשאָקלט ביים אָקסל.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. געבליבן זיצן און זיך אַרומגעקוקט מיט פאַריתומטע, פאַרבלאָנדזשעטע בליקן, גלייך ער האָט מיטאַמאָל באַשלאָסן צו דערגיין ווו ער געפינט זיך, אין וואָס פאַר אַ וועלט, צוליב וואָס און נאָך וואָס. דאַן האָט ער זיך צעשמייכלט. האָב איך געוואָלט וויסן דעם סוד, די סיבה פון דאָזיקן שמייכל. איך בין געווען זיכער, אַז אין זיין איצטיקן שמייכל קען מען געפינען די לייזונג פון טראַגישן רעטעניש פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ, פון אַלוועלטלעכן לעבן. אָבער — נישט געווען די העזה אין מיר צו פרעגן אים וואָס עס זאָל נישט זיין.

אין דרויסן איז אַ שווערער שניי צוגעפאַלן און לאַנגזאַם, אומרחמנותדיק באַדעקט די מתים.

האָב איך זיך געטראַכט: די צוויי עקסטרעמען זענען זיך צונויפגעקומען. ייִדן זענען געקומען (אָדער: נישט געקומען) צו קבורה אין פייער און אין קאַלטן שניי.

***

די טיר פון דער פאַבריק האָט זיך געעפנט. אַ פאַרעלטערטער ייִד איז אַריינגעקומען. פאַרפרוירענע וואָנצעס. די ליפּן — פון אייז. ר׳ אליהו. אַ רב אין אַ קליין פּויליש שטעטל. אַ טייערער ייִד געווען. אין לאַגער

האָט מען אים ליב געהאַט. אַפילו קאַפּאָס און בלאָק־עלטסטע. עפּעס אַ ריינקייט, אַן אינערלעכע ריינקייט האָט געשטראַלט פון זיין גאַנצן הוויה, פון זיינע טרויעריקע אויגן. ר׳ אליהו האָט אים יעדער גערופן. אָפּגעגעבן אים דעם כבוד, דעם טיטול. כאָטש ער איז נישט געווען דער איינציקער רב אין בונא.

אַ הייליקער און דערפאַר אַ פּשוטער געווען. אַ מין ל״ווניק. פּלעגט תמיד אַרומגיין, ווי אַן אַמאָליקער נביא און טרייסטן זיין עדה. מאָדנע: זיינע נחמה־ווערטער האָבן נישט דערצערנט. נאָר — באַרויִקט.

ר׳ אליהו איז אַריינגעקומען אין פאַבריק און זיינע אויגן, וועלכע זענען דאָסמאָל לייִדיקער געווען ווי אַלעמאָל, האָבן זיך געוואָרפן אַהין און אַהער:

— אפשר האָט איר ערגעץ ווו געזען מיין זון?

געדוכט האָט זיך, אַז פון זיין מויל קומען אַרויס נישט ווערטער, נאָר שטיקער אייז.

ער האָט פאַרלוירן זיין זון, ר׳ אליהו. די מהומה איז געווען צו גרויס, צו אוממענטשלעך. די מחיצה צווישן לעבן און טויט, צווישן לעבעדיקע און טויטע, און צו ווייט פאַרשליידערט געוואָרן אין ווייסן חלל.

האָט ער געזוכט זיין זון, דער הייליקער ר׳ אליהו.

זייט דריי יאָר האָבן זיי זיך געהאַלטן צוזאַמען. תמיד צוזאַמען. געליטן צוזאַמען. געהאַפּט צוזאַמען. געדאַווּנט צוזאַמען. גובר געווען צוזאַמען דעם פּחד פון עקזיסטענץ. צוזאַמען אַדורכגעמאַכט פאַרשידענע לאַגערן, סעלעקציעס, נסיונות.

און איצט — ביים סאַמע סוף — האָט דער גורל זיי צעשיידט.

איז ר׳ אליהו צוגעקומען צו מיר און געמורמלט מיט אַ תפילה בלחשדיקער שטים:

— אויפן וועג איז עס געשען. מיר האָבן זיך פאַרלוירן איינער פון אַנדערן. איך בין געבליבן אַביסל אַהינטער פון דער קאָלאָנע. נישט געהאַט קיין כוח צו לויפן. און ער, מיין זון, האָט עס נישט באַמערקט. ווייס איך נישט: ווו איז ער פאַרשווונדן? ווו קען איך אים געפינען? אפשר האָט איר אים ערגעץ ווו געזען?

— ניין, ניין, ר' אליהו, — האָב איך געענטפערט, — נישט געזען אייער זון. נישט געזען.

איז ער אַוועק, ר' אליהו, גלייך ווי ער איז געקומען: ווי אַ שאָטן פון קאַלטן ווינט און אייז.

ווען ער איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר, האָב איך זיך פלוצים דערמאָנט, אַז איך האָב יאָ געזען זיין זון. ער איז געגאַנגען נישט ווייט פון מיר. אַ צער־מחשבה האָט זיך אַריינגעגנבעט אין מוח: אַ שאָד וואָס איך האָב עס נישט דערציילט ר' אליהון.

אָבער — דערנאָך האָב איך זיך דערמאָנט נאָך אַ פאַקט: דער זון האָט געזען זיין פאָטער, בשעת ער איז פאַרבליבן פון הינטן. ער האָט אים יאָ געזען! און — — — פונדעסטוועגן איז ער ווייטער געגאַנגען, ווייטער געלאָפן פאָרויס, פאָרויס!

אַ שרעקלעכער געדאַנק, אַן אומגלויבלעכער, טויכט אויף אין מוח: דער זון האָט בכוונה געוואָלט פּטור ווערן פון זיין פאָטער! ער האָט געפילט, אַז זיין פאָטער איז שוואַך, איז כמעט פאַרלוירן — האָט ער געוואָלט זיך צעשיידן פון אים. אַוועקוואַרפן די לאַסט פון זיינע פּלייצעס. אַוועקשמייסן יעדע זאַך, וואָס קען אים ברענגען שאָדן, וואָס קען פאַרמינערן זיינע שאַנסן צו בלייבן לעבן...

האָט ער, הייסט עס, יאָ געזען זיין פאָטער...

איך האָב געטראַכט: גוט וואָס איך האָב עס ניט דערציילט ר' אליהון. ער וואָלט זיך צוזאַמענגעבראָכן. ער וואָלט זיך געלאָזט פאַלן אויפן שניי און געוואָרט אויף מיתת נשיקה. ער וואָלט פאַרלוירן זיין אמונה אין גאָט, אין מענטש, אין פאָטערלעכן געפיל, אין מענטשלעכן געפיל. גוט וואָס ער האָט נישט געוווּסט וועגן פאַרראַט פון זיין איינציקן זון. אַזוי האָט ער נאָך אפשר שאַנסן צו ראַטעווען זיך, ר' אליהו, צו זוכן ווייטער דעם פאַרלוירענעם בן־יחיד.

און נישט־וויסנדיק ווי אַזוי, האָט אַ תפילה זיך דערוועקט אין האַרצן:

— רבונו של עולם! גיב מיר כוח איך זאָל קיינמאָל נישט דערגיין צו דעם וואָס ר' אליהוס זון איז דערגאַנגען! איך זאָל נישט פאַרלאָזן מיין פאָטער אינמיטן וועג! איך זאָל נישט טראַכטן בלויז וועגן זיך אַליין, וועגן

מיין אייגן לעבן! אָדער — נעם מיך צו דיר, שיק אויף מיר דעם טויט, איידער איך וועל אָנקומען צו אַזאַ מחשבה, צו אַזאַ סיטואַציע!

אינטערעסאַנט: נישט ווילנדיק האָב איך די אַ תפילה געשיקט צו גאָט — צום גאָט אין וועלכן איך האָב זיך אַנטוישט.

און מיטאַמאָל איז אַ קלאָרקייט אויפגעגאַנגען אין די טיפענישן פון מיר אַליין: אַ פּחדפולע קלאָרקייט. איך האָב געפילט: אויך איך בין פעיק דערצו. אויך איך קען פאַלן אַ קרבן פון לעבנס־אינסטינקט וואָס איז שטאַרקער פון מיר אַליין, שטאַרקער פון מיין צוגעבונדנקייט צום פאָטער, שטאַרקער פון מיין ווילן צו בלייבן ריין און געטריי. אויך איך בין מסוגל זיך צו דערווייטערן פון דעם, וואָס איז מיר טייערער פון אַלץ אויף דער וועלט, פון אַלץ וואָס איז העכער פון דער וועלט.

ניין, ניין — גאָט אין הימל אָדער טייוול אויף דער ערד, שטעל מיך נישט פאַר אַזאַ נסיון! איך האָב מורא פאַר אים! — האָב איך זיך געבעטן ביי גאָט אָדער ביים טייוול.

איך האָב זיך צוגעזאָגט צו דערציילן דעם נאַקעטן אמת, ווי מיאוס ער זאָל נישט זיין. און דער אמת איז: איך האָב מורא געהאַט פאַרן נסיון. נישט געוווּסט האָב איך צי ער וועט זיך ענדיקן לטובה, צי איך וועל אים גובר זיין.

אין מיר אַליין האָב איך קיין סך נישט געגלויבט. אין מיין כוח און געפיל, אויך נישט.

אויב איך האָב געגלויבט אין עפעס איז עס געווען, אין מיין רעכט מער נישט צו גלויבן אין קיינעם און אין גאָרנישט.

***

...געוואַלדן האָבן זיך געטראָגן פון דרויסן, פון הויף. שוין נאַכט געווען. די שטאָלענע וואָלקנס האָבן נאָך אַלץ געהאַנגען אויפן הימל, אָנגעלאָדנט מיט טויט און מיט אונדזער פאָרויסגעשריבענעם עתיד.

ס. ס.־ניקעס הייסן פאַרמירן רייען.

— איינטרעטן!

מ'מאַרשירט שוין ווייטער.

גוט. טאַקע גוט וואָס מ׳גייט. גייענדיק טראַכט מען נישט קיין סך. גייענדיק טראַכט מען וועגן גיין און נישט וועגן ספיקות און נסיונות. און איך האָב נישט געוואָלט טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש ווי וועגן גיין.

דער טויטן־מאַרש האָט זיך נישט פאַרענדיקט.

אויפן הויף — די מתים. זיי זענען געבליבן אויפן שניי. ווי אויסגעהרגעטע, געטרייע שומרים וועלכע זענען נישט געקומען צו קבורה. אומגליקלעכע מתים. קיינער האָט נאָך זיי קיין קדיש ניט געזאָגט. קינדער האָבן געלאָזט זייערע עלטערן אויפן שניי און אַפילו קיין טרער נישט געלאָזט, אַוועקגייענדיק פון דאָרט. אויך דאָס האַרץ, די געפילן, זענען פאַרגליווערט געוואָרן, פאַרפרוירן געוואָרן.

עס שנייט, עס שנייט, עס שנייט.

דער טעמפּאָ פון מאַרש איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אויך די שומרים זענען מיד געוואָרן, האָבן זיי מסכים געווען מיר זאָלן גיין פּאַמעלעך, כדי ס׳זאָל זיי אַליין נישט צו־שווער אָנקומען דאָס גיין.

מיין פאַרוווּנדעטער פוס האָט מיר אויפגעהערט וויי־טון. אַ סימן — ער איז אינגאַנצן פאַרפרוירן געוואָרן. פאַרלוירן אים, דעם פוס. איצט שלעפּט ער זיך נאָך, ווייל ער האָט אין זיך דעם כוח פון נעכטן, פון פאַריקער וואָך. ער איז ווי אַ ראָד וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ וואָגן. דער וואָגן איז שטיין געבליבן, אָבער — דאָס ראָד דרייט זיך נאָך. מילא. זאָל זיין אַ לעבן מיט איין פוס. מיטן לינקן בלויז. דער עיקר: נישט טראַכטן וועגן דעם. שפּעטער. שפּעטער וועט זיין צייט צו טראַכטן וועגן אַלץ. אויך וועגן פוס. נישט איצט. טראַכטן איצט באַדייט — סם. שטערבלעכער סם.

אונדזער מאַרש האָט אין צווישן פאַרלוירן יעדן אָרגאַניזירטן כאַראַקטער. יעדער איז געגאַנגען ווי ער האָט געוואָלט, ווי ער האָט געקענט.

די שומרים האָבן ווייניקער בלוט פאַרגאָסן. אוודאי נישט געהאַט קיין כוח אָדער קיין חשק אָנצולאָדן און אויסצולאָדן די ביקסן.

אָבער דער מלאך־המות האָט געקענט באַגיין זיך אָן זיינע משרתים און שמשים. די קעלט, דער פראָסט, דאָס גיין האָבן געטון דאָס זייעריקע. מענטשן זענען געפאַלן ווי פאַרסמטע פליגן. יעדע פּאָר מעטער האָט אַ מענטש אויפגעהערט גיין, אויפגעהערט ליידן.

גערעדט האָט מען נישט. נישט געווען וואָס צו זאָגן, נישט געווען צו וועמען צו רעדן. דאָס מויל האָט זיך נישט געוואָלט עפענען.

מיין פאָטער איז געגאַנגען נעבן מיר.

איך האָב זיך באַמיט נישט צו זען אים.

טראָץ דעם נישט צו שנעלן טעמפּאָ, איז דער איצטיקער מאַרש געווען שווערער פון ערשטן. ביים ערשטן האָבן מיר נאָך געהאַט אין זיך אָפּגעשפּאָרטן כוח. איצט — דאָס אויך נישט.

ס. ס.־אָפיצירן זענען טיילמאָל אַדורכגעפאָרן לענגאויס דער קאָלאָנע, אויף זייערע מאָטאָציקלען און דערמוטיקט, אָדער געפּרוּווט דערמוטיקן אונדז:

— האַלט־אויס! דער ציל איז נאָענט!

— קוראַזש! נאָך אַ פּאָר שעה!

— באַלד, באַלד זענען מיר שוין אין גלייוויץ!

מיר גייען קיין גלייוויץ, הייסט עס. גוט וואָס מיר ווייסן כאָטש וווּ מיר גייען.

כאָטש די דערמוטיקונגס־רייד זענען געקומען פון זייער מויל, פון מויל פון אונדזערע מערדער, האָבן זיי פונדעסטוועגן געהאַט אַ גוטע השפּעה אויף אונדז.

מען האָט זיך געפילט שטאַרקער. קיינעם ווילט זיך נישט אויפגעבן דעם שפּיל, האַרט פאַרן סוף פון קאַמף, האַרט פאַרן ציל.

די אויגן האָבן גענישטערט דעם האָריזאָנט. גזוכט האָבן זיי סמנים פון עלעקטרישע צוימען — דער סימן פון אַ לאַגער. מיר האָבן געוווּסט אַז מען פירט אונדז אין אַ לאַגער. דאָך איז אונדזער איינציקער חלום געווען: אָנקומען דאָרט וואָס שנעלער.

פינצטערניש אַרום.

ס׳האָט אויפגעהערט — צייטווייליק — צו שנייען.

נאָך עטלעכע שעה גיין — זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען קיין גלייוויץ.

דעם לאַגער האָבן מיר ערשט דערזען, בעת מיר זענען געשטאַנען האַרט פאַרן טויער. לופט־אַלאַרם געווען. זענען די לעמפּלעך פון די עלעקטרישע צוימען געווען פאַרלאָשן.

חושך־מצרים.

מיר זענען שוין אינעווייניק, אין לאַגער גופא, אָבער מיר ווייסן נישט וואָס מ׳טוט מיט אונדז, וואָס מיר טוען מיט זיך אַליין.

קאַפּאָס, שומרים האָבן אונדז צעטריבן אין פאַרשיידענע באַראַקן. הונדערטער, טויזנטער האָבן זיך געשטויסן צו אָנקומען וואָס פרי׳ער אין אַ באַראַק, גלייך דער באַראַק וואָלט געווען דער טויער צו דער גאולה, צום לעבן.

אין באַראַק ווו איך און מיין פאָטער, צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע העפטלינגען, זענען אַריינגעשטויסן געוואָרן, האָט געהערשט אַ בהלהדיקע אומאָרדענונג. מענטשן זענען געלעגן, אָנגעוואָרפן ווי נוצלאָזע שמאַטעס, אויף דער פּאָדלאָגע. מ׳איז געטרעטן אויף צעריסענע פּנימער, אויף גלייכגילטיקע קערפּערס. בלויז ווייניק פּראָטעסט־געשרייען האָבן זיך געהערט.

אַ בלינדער המון האָט אונדז אומגעוואָרפן. מיר — דער פאָטער און איך — זענען געפאַלן צו דער ערד. עמעצער האָט אַ קרעכץ געטון:

— מענטשן! איר דערהרגעט מיך... האָט רחמנות!

אַ באַקאַנטע שטים. ווער קען עס זיין? ווער ליגט עס אונטער מיר?

— איר וואַרגט מיך, מענטשן! האָט רח־מ־נות!

די זעלבע שוואַכע, וויינענדיקע שטים. ערגעץ זי שוין געהערט. אַנ־דערע ווערטער, אַנדערע אינטאָנאַציעס, אָבער — דאָס זעלבע קול. און דאָס דאָזיקע קול האָט אַמאָל צו מיר גערעדט. אין דעם איז קיין ספק ביי מיר נישט געווען. ווו? ווען? אפשר מיט יאָרן צוריק. ניין: אוממעגלעך. בין איך דאָך געקומען אין לאַגער בלויז מיט אַ יאָר צוריק און די שטים האָב איך געהערט אין לאַגער. אָבער — פאַראַן אַ מאָמענט אין לעבן, ווען די צייט פאַרלירט אירע גרענעצן, איר פאַרעם; זי ווערט ביז־גאָר עלאַסטיש. דאַן ווייסט איר מער נישט דעם אונטערשיד צווישן סעקונדן און יאָרן.

— דערבאַרעמט אייך...

איך קען די שטים. איך קען דעם מענטש אונטער מיר. ווער איז ער? איך האָב געפילט, אַז איך דערוואַרג אים, אַז איך דערשטיק אין אים דעם אָטעם. האָב איך געוואָלט, געפּרוווט זיך אויפהויבן, לאָזן אַביסל לופט צו אים צוקומען, אָבער — ווי אַזוי? אויך אויף מיר האָבן זיך געשטויסן

קערפּערס. אויך מיר איז שווער געווען צו אָטעמען. האָב איך געריסן מיט נעגל, געביסן מיט די ציין, פאַרבלוטיקט פּנימער און הענט, כדי זיך צו באַפרייען מער־ווייניקער, בכדי זיך אויסצוקעמפן אַביסל לופט. קיינער נעבן מיר האָט נישט געשריגן. ס׳האָט מיך געוווּנדערט: אָט צעגראַטשע איך, צעבייס איך מענטשן און זיי שרייען גאָר נישט! גלייך זיי וואָלטן מער קיין ווייטיק נישט געפילט, אָדער גלייך איך וואָלט מער נישט געווען פעיִק זיי ווייטיק צו פאַרשאַפן...

פּלוצים האָב איך זיך דערמאָנט. דערמאָנט זיך וועמענס שטים ס׳איז צו מיר דערגאַנגען פון אונטער מיר: יוליעק! דער פּויליש־ייִדישער בחור וואָס האָט געשפּילט פידל אין לאַגער־אָרקעסטער אין בונא...

— יוליעק, דו ביסט עס? — האָב איך געשעפּטשעט מער צו זיך ווי צו אים.

— יאָ, — האָט די שטים געענטפערט, ווייך און אָן כוח. — איך בין עס, יוליעק. ווער ביסטו?

— אליעזר... געדענקסט? מיר האָבן געאַרבעט אין דער זעלבער קאָ־מאַנדאָ... דער קליינער. דער קליינער וואָס האָט אַמאָל באַקומען 25 שמיץ פון אידעקן... געדענקסט?

— יאָ. איך געדענק. דו ביסט עס. דער קליינער.

יוליעק איז אַנטשוויגן געוואָרן. אפשר האָט ער מער נישט געקענט רעדן צוליב מאַנגל פון לופט. אפשר איז ער אין צווישן דערוואָרגן געוואָרן.

— יוליעק! — האָב איך גערופן צו אים. — הערסט מיך, יוליעק!

— יאָ. איך הער דיך. וואָס ווילסטו?

אַבי ער הערט. אַבי ער הערט. איך וואָלט נישט געוואָלט ליגן אויף אַ טויטן. איך וואָלט נישט געוואָלט ליגן אויפן טויטן קערפּער פון יוליעקן.

— ווי פילסטו זיך, יוליעק? — האָב איך אים געפרעגט, נישט כדי צו באַקומען אַן ענטפער, נאָר כדי צו הערן אים רעדן.

— גוט, אליעזר. איך פיל זיך גוט. ווייניק לופט. אָבער — נישט געפערלעך. איך פיל זיך שטאַרק. געזונט און צופרידן. די פיס טוען וויי. אָנגעשוואָלן פון גיין. איך בין מיד. גוט איז וואָס איך קען זיך אויסרוען אַביסל. נאָר — מיין פידעלע...

איך האָב געמיינט, ער איז פון זינען אַראָפּ. וואָס וויל ער דאָ טון מיט זיין פידל?

— איך פאַרשטיי נישט וואָס האָסטו געזאָגט, יוליעק. וואָס איז מיטן פידעלע?

יוליעק האָט שווער זיך געראַנגלט מיט עמעצן, מיט עפּעס (און אפשר מיט זיך אַליין), כדי אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט. בלויז אַ גוסס פלאָגט זיך אַזוי פאַר יעדן וואָרט.

— איך האָב... איך האָב מורא... דאָס פידעלע זאָל נישט... צעבראָכן ווערן... איך האָב... איך האָב עס מיטגעבראַכט...

ווייטער פירן דעם שמועס האָב איך נישט געקענט אַנדערע דאגות געהאַט. עמעצער האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף מיר און פאַרשטעלט מיין פנים. דאָס גאַנצע פנים. פלוצים האָב איך דערפילט, אַז עס פעלט מיר לופט צו אָטעמען. דורכן מויל און דורך דער נאָז. אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַגאָסן. אָט, דער סוף! דאָס איז דער סאַמע סוף פון וועג! — האָב איך געטראַכט. אַ שטילער טויט. מיתת־חניקה. נישטאָ אַפילו קיין מעגלעכקייט צו שרייען, צו רופן נאָך הילף. נאָך אַ פּאָר מינוטן און — אויס. געענדיקט דאָס קאַפּיטל. געענדיקט דאָס גאַנצע בוך. אויף אייביק.

מיט פאַר מיר פאַרהוילענע כוחות האָב איך אָנגעהויבן ראַנגלען זיך מיטן אומזעבאַרן מערדער. מיין גאַנצער לעבנס־ווילן, מיין גאַנצע ענערגיע האָבן זיך קאָנצענטרירט צו רייסן שטיקער פון שכן, פון אויבערשטן שכן — פאַר אַ קאַפּיטשקעלע לופט.

איך האָב געפילט, אַז מיינע נעגל רייסן זיך אַריין אין אַ דעפאָרמירט פנים. מיינע פינגער זענען נאָס געוואָרן: בלוט. יענער האָט נישט רעאַגירט. ער איז זיך ווייטער געלעגן אויף מיר, גלייך נישט זיין פנים וואָלט געבלוטיקט, גלייך ער וואָלט שוין געהערט צו אַ וועלט וווּ נישט פאַרגעניגנס און נישט ווייטיק זענען בנמצא. און אפשר טאַקע? אפשר איז עס טאַקע נישט געווען זיין פנים? אפשר איז ער טאַקע געווען שוין אַ טויטער?

עד־היום ווייס איך נישט, צי אין יענער שוידער־נאַכט, האָב איך נישט געקעמפט, מיט אַלע כוחות, מיט דער גאַנצער פאַרביסנקייט פון אינסטינקט געקעמפט — מיט אַ מת!

אַלץ וואָס איך ווייס איז: דער קאַמף האָט זיך גוט געענדיקט. איך האָב באַוויזן צו אויסגראָבן אַ לאָך, אַ פענצטערל אין דער לעבעדיקער וואַנט וואָס איז געלעגן, אומבאַוועגלעך, אויף מיר. איך האָב געקענט אָטעמען.

— פאָטער, ווי פילסטו זיך? — האָב איך געפרעגט סתם־אַזוי, ווייל איך האָב געוווסט, אַז ער דאַרף ליגן נישט ווייט פון מיר.

— גוט, — האָט זיין שטים פון אַן אַנדערער וועלט מיר געענטפערט.

— איך פּרוּוו שלאָפן.

ער פּרוּווט שלאָפן. צי איז עס גוט? שלעכט? צי מעג מען דאָ שלאָפן? צי איז עס נישט געפערלעך? צי מעג מען פאַרלירן די וואַכזאַמקייט, בעת יעדע מינוט קען דער טויט זיך באַווייזן אין דער פאָרעם פון אַ מידן, פאַרמאַטערטן, מער טויט ווי לעבעדיקן העפטלינג, וואָס וועט זיך אַוועקלייגן אויף דיין שוואַכן קערפּער?

איך האָב געפּרוּווט פרעגן זיך אַליין די אָ, פראַגן, ווען פון ערגעץ־ווו האָט זיך געטראָגן דאָס קול פון אַ פידעלע...

דאָס קול פון אַ פידעלע אין פינצטערן באַראַק, ווו טויטע באַגראָבן אונטער זיך לעבעדיקע!

ווער איז ער, דער משוגענער, וואָס שפּילט פידל אויף זיין אייגענעם קבר?

יוליעק!

דאָס מוז מסתמא זיין יוליעק!

— יוליעק, — האָב איך גערופן צו דעם וואָס איך בין אויף אים געלעגן, — יוליעק דו הערסט מיך?

קיינער האָט נישט געענטפערט. דער מאַן אונטער מיר איז אַוודאי טויט געווען.

אַ סימן, אַז יוליעק שפּילט.

ער האָט געשפּילט האַרציק און טייער, עפּעס אַ קאָנצערט פון בעטהאָווען. קיינמאָל האָב איך ביז דעמאָלט און זייט דעמאָלט אַזאַ ריין קול פון זיין פידעלע, פון בכלל אַ פידעלע, נישט געהערט. קיינמאָל אין דער געשיכטע פון מוזיק און קלאַנגען, האָט נאָך קיינער אַזוי שיין, אַזוי הימלדיק ריין נישט געשפּילט, ווי ער, יוליעק, מיין חבר פון בונא, האָט געשפּילט אין יענער נאַכט, אין באַראַק פון גלייוויץ.

ווי איז עס אים געלונגען, יוליעקן, זיך אַרויסצובאַקומען פֿון אונטער מיר, אַן דעם איך זאָל עס האָבן געפֿילט?

איינער פֿון די טויזנטער רעטענישן פֿון מײַנע לאַגער־איבערלעבענישן. אַ פֿאַקט איז, אַז ער האָט זיך אויסגעקעמפֿט אַ וועג, ער איז אַרויס פֿון געדראַנג. און אַ פֿאַקט איז, אַז ער האָט געשפּילט געטלעכע, מער ווי געטלעכע מוזיק אויף זײַן פֿידעלע.

שטיל, מאָדנע שטיל איז געווען אין באַראַק. שטיל און אויסטערליש פֿינצטער. יוליעקן האָט קיינער נישט געזען. אָבער ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מען זעט די קלאַנגען וואָס ווערן געבוירן פֿון די סטרונעס, פֿון זײַן נשמה.

מ'האָט געקענט פֿילן, אַז יוליעק שפּילט איצט אויס זײַן גאַנץ לעבן. זײַנע נישט־דערגרייכטע האָפֿנונגען, זײַנע נישט־רעאַליזירטע שטרעבונגען. יוליעק שפּילט זײַן פֿאַרברענטן עבר, זײַן פֿאַרשטאַרבענע צוקונפֿט.

ער שפּילט אַלץ וואָס ער וועט קיינמאָל נישט שפּילן מער.

איך וועל קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן יוליעקן, ווײַל — קיינמאָל וועל איך נישט פֿאַרגעסן זײַן דעמאָלטיקן מאַקאַברישן קאָנצערט, וועלכן ער האָט געגעבן פֿאַר אַ פּובליקום פֿון מתים.

נאָך היינט־צו־טאָג, ווען איך גיי אויף אַ קאָנצערט און הער שפּילן בעטהאָווען, מוז איך פֿאַרמאַכן די אויגן און פֿון דער פֿינצטערניש טויכט אויף דאָס בלייכע, מעלאַנכאָלישע געשטאַלט פֿון יוליעקן — דער פּויליש־יידישער בחור וואָס האָט זיך געזעגנט מיט דער וועלט, מיט זײַנע פֿרײַנט, מיט זײַנע מערדער — מיט די קלאַנגען פֿון זײַן פֿידעלע.

יוליעק האָט געשפּילט אַ לאַנגע צײַט, אָדער וואָס איך האָב געהאַלטן פֿאַר אַ לאַנגע צײַט. איך האָב אים נישט אויסגעהערט ביזן סוף. איך בין אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

נאָר אין דער פֿרי, ווען די ליכט פֿון טאָג האָט זיך אַרײַנגעבראָכן, מיט אַ ברוטאַלער נאַקעטקייט, אין באַראַק, האָבן מיר געפֿונען יוליעקן — אַ טויטן.

ער איז געלעגן אין אַן עק פֿון באַראַק, אײַנגעקורטשעט אין זיך, גלײַך ער וואָלט באַהאַלטן פֿון דער וועלט עפּעס אַן אומזעבאַרן אוצר וואָס זי, די וועלט איז אים נישט ראוי.

נעבן אים איז געלעגן זײַן פֿידעלע.

זײַן צעבראָכן פֿידעלע, וואָס יעדער האָט געטראָטן דערויף מיט די פֿיס, ווי אויף אַ געשענדטן טויטן גוף, אין אַן אויפֿגעגראָבענעם בית־הקברות.

און איך ווייס נישט פֿאַרוואָס: דאָס צעבראָכענע פֿידעלע האָט אַרויסגערופֿן מער טרויער ווי דער טויטער יוליעק.

**
*

דרײַ טעג זענען מיר געבליבן אין גלײַוויץ.

דרײַ טעג אָן עסן, אָן טרינקען. פֿון באַראַק האָט מען נישט געטאָרט אַרויסגיין. ס. ס.־מענער זענען געשטאַנען אַרום און אַרום און געשאָסן אָן אַ פֿאַרוואָס. עפּעס אַ נערוועזיטעט האָט זיי אַרומגענומען און דאָס איז אויסגעגאַנגען צו אונדזערע קעפּ.

הונגעריק זענען מיר געווען. שמוציק זענען מיר געווען. איינער האָט נישט געקענט קוקן דעם אַנדערן אין פּנים, כּדי נישט צו זען ווי ער אַליין זעט אויס.

דאָס ברויט וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון בונא איז שוין פֿון לאַנג נישט געווען. צו באַקומען אַ פּרישע פּאַרציע — אויף דעם זענען שוואַכע אויסזיכטן געווען.

אין צווישן האָט דער פֿראָנט זיך דערנענטערט.

האַרמאַטן־שאָסן האָבן זיך געטראָגן פֿון גאַנץ־נאָענט.

אָבער נישט געווען קיין כּוח מער צו טרייסטן זיך אַליין און אַנדערע, אַז די דײַטשן וועלן נישט באַווײַזן אונדז צו עוואַקויִרן, אַז די רוסן וועלן באַלד־באַלד זײַן דאָ.

קלאַנגען: מען וואַרט אויף וואַגאָנען, בכדי צו פֿירן אונדז טיפֿער, ווײַטער, טיף אין דײַטשלאַנד גופֿא.

אויפֿן דריטן טאָג אין דער פֿרי, האָט מען אונדז אַרויסגעטריבן פֿון די באַראַקן.

דער לאַגער האָט אויסגעזען צו זײַן — אַ גרופּע פֿון שניי־בערג.

מיר זענען אַרויסגעלאָפֿן און מיטגענומען מיט זיך צו 4־5 דעקן, וועלכע האָבן אָפּטמאָל דיר געגעבן צו טראַכטן, אַז דו זעסט פֿאַר דיר אַ מחנה ייִדן,

איינגעוויקלטע אין משונהדיקע טליתים, בשעת אַ יום־כּפּורדיקע תּפילה.

מ׳האָט אונדז געטריבן צו אַ טויער וועלכער האָט צעטיילט דעם לאַגער אין צווייען.

דאָרט איז געשטאַנען אַ גרופּע ס. ס.־אָפיצירן. מ׳שושקעט זיך אין אונ־דזערע רייען: אַ סעלעקציע!

דאָס וואָרט האָט דערמאָנט זכרונות און אָנגעוואָרפן אַ פּחד. פונדעסט־וועגן איז מען געגאַנגען פאָרויס, צו דער סעלעקציע, ווייל — צוריק איז אוממעגלעך געווען צו גיין, ווייל קיין צוריק איז נישט געווען.

פון הינטן שטופּן מענטשן: גייט, גייט, גייט! שנעלער!

זיי ווילן זיין אויף יענער זייט טויער וואָס פריִער. זיי ווילן זען זייער גורל וואָס שנעלער.

די אָפיצירן האָבן אויסגעקליבן די שוואַכע, די הינקענדיקע און זיי אַוועקגעשיקט לינקס. די געזונטע — ריכטיקער: די וועלכע האָבן געקענט גיין מיט זייערע אייגענע כּוחות — און זיי אַוועקגעשיקט ריכטס.

מיין פאָטער איז געגאַנגען פאַר מיר. דער ס. ס.־אָפיציר האָט אַ קוק געטון אויף אים און אים געשיקט לינקס. מער האָב איך נישט באַדאַרפט. איך האָב נישט געוואָלט מער וואַרטן אויפן פּסק־דין פון ס.ס.־אָפיציר. איך בין גלייך נאָכגעלאָפן נאָכן פאָטער — לינקס.

— העי יונגע, — האָט דער אָפיציר געשריגן, — קום צוריק, שנעל, שנעל! דו גייסט מיט די אַנדערע!

איך האָב זיך געמאַכט גלייך איך האָב נישט געהערט.

— העי יונגע! קום צוריק!

איך האָב זיך געמאַכט טויב און געפּרוּווט צונויפמישן זיך מיט די אַלטע, מיט די אָפּגעשוואַכטע מוזולמענער.

האָט דער אָפיציר זיך דווקא איינגעעקשנט, צו ראַטעווען מיין לעבן. ער האָט געשיקט אַ ס.ס.־מאַן מיך צוריקצוברענגען פון דער מחנה. איך האָב זיך נישט געלאָזט, זיך אַקעגנגעשטעלט, כאָטש אַן איינערלעכע שטים האָט מיר געזאָגט, אַז איך גיי אויף אַ געפערלעכן וועג. דער ס.ס.־מאַן האָט מיך אָנגענומען ביים קאָפּ, מיר צוגעטיילט אַ פּאָר קלינגענדיקע פּעטש. אין צווישן איז אַנטשטאַנען אַ מהומה און איך ווייס אַליין נישט ווי־אַזוי ס׳איז

געשען: מיטאַמאָל האָב איך דערזען דעם פאָטער און זיך אַליין — צווישן די געזונטע.

אַ האַלבע שעה דערנאָך האָט מען אונדז אַרויסגעפירט פון לאַגער און נאָך אַ צוואַנציק מינוט גיין, זענען מיר אָנגעקומען אויף אַ פרייען פעלד, וואָס איז געווען אַדורכגעשניטן מיט באַן רעלסן.

מ׳האָט אונדז באַפוילן צו שטיין און וואַרטן ביז דער צוג וועט אָנקו־מען. מ׳גייט אונדז איבערפירן אין אַן אַנדערן לאַגער.

וואַרט מען פונדאָסניי. אַ געדיכטער שניי פאַלט אָן אויפהער. אַנידער־זעצן טאָר מען זיך נישט. רירן פון אָרט — פאַרבאָטן .

זענען מיר געשטאַנען אונטערן שניי, אויפן שניי און געפילט ווי די נאַסקייט דרינגט אַריין ביז אין די ביינער.

נאָך אַ שעה וואַרטן, האָט מען געבראַכט ברויט. יעדער האָט באַקו־מען אַ געוויינלעכע פּאָרציע לאַגער־ברויט. האָט מען זיך טאַקע דערכאַפּט דאָס חיות. שוין דריי טעג נישט גענומען קיין ביסן אין מויל. דאַן איז מען געוואָרן דורשטיק. און וואַסער — איז נישטאָ.

פון וואַנען נעמט מען וואַסער? זיך די צונג, די ליפּן צו באַנעצן?

איינעם איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק: לעשן דעם דורשט מיט שניי! מיט שניי! פון ווו זשע נעמט מען שניי? אַראָפּבייגן — טאָר מען זיך נישט. וואָס דען טוט מען? אַ פּשוטע זאַך: מ׳נעמט אַרויס אַ לעפל און מ׳קראַצט אַראָפּ דעם שניי פון שכנס מאַנטל.

האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט ביז די גאַנצע מחנה האָט געגעסן שניי מיט ברויט — שניי וואָס מ׳האָט אַראָפּגעקראַצט פון שכנס צודעק אָדער מאַנטל.

אייניקע זענען באַלד קראַנק געוואָרן דערפון און באַקומען מוראדיקע בויך־יסורים. זיי האָבן זיך אַנידערגעלייגט אויפן שניי, כּדי דערשטיקן זייער ווייטיק און זענען מער נישט אויפגעשטאַנען. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגע־האַלטן אַנדערע, ווייטער זיך צו דערקוויקן די נשמה מיט גאָטס רייכער און אומזיסטיקער מתּנה.

די ס. ס.־אָפיצירן זענען געשטאַנען אָפּגערוקט אָן אַ זייט און זיך צו־געקוקט צום מאָדנעם בילד, ווי טויזנטער מענטשן האָבן פולע מיילער מיט

וויסן שניי. זיי האָבן געלאַכט צווישן זיך, ווי איינער זאָגט: קוקט! נאַראָנים! זיי הרגענען זיך אַליין!

אַכט שעה — אָדער מער? — האָבן מיר אַזוי געוואַרט אויפֿן פּרייען פֿאַרפֿרוירענעם פֿעלד, נעבן די באַן־ליניעס און געגישטערט דעם האָריזאָנט צי דער דערלייזערישער צוג באַווייזט זיך נאָך נישט.

דער צוג איז אָנגעקומען ערשט שפּעט אין אָוונט.

אַ לאַנגער צוג, מיט אַ סך, אַ סך אָפֿענע וואַגאָנען.

ס. ס.־מענער שטויסן אונדז צו די וואַגאָנען. אין יעדן וואַגאָן — 120 מאַן!

זיי האָבן געהאַלטן עלעקטרישע לעמפּלעך אין די הענט, די ס. ס.־מענער. און דאָס בילד אַליין פֿון אונדזער איינוואַגאָנירונג — איז געווען אַ רעאַלער קאָשמאַר.

דער צוג האָט זיך שנעל גערירט פֿון אָרט. און עס האָט זיך אָנגעהויבן די לאַנגע, אומענדלעכע נסיעה, בשעת וועלכער טויזנטער און טויזנטער מענטשן זענען אומגעקומען אויף די פֿאַרשידנסטע אוממענטשלעכסטע אופֿנים און וועגן.

דער שניי פֿון הימל איז געפֿאַלן, אומגעשטערט אויף אונדזערע קעפּ, איז געוואָרן אַלץ מער געדיכטער, אַלץ מער אכזריותדיקער.

קאַלט איז געווען. אומעטום. אין האַרצן און אויף דער נשמה. עפּעס האָב איך זיך איצט געפֿילט נענטער צום טויט ווי אַלעמאָל.

דער לאַנגער מתים־צוג האָט אַדורכגעשניטן די חושך־נאַכט מיט זיין שטומען געוויין.

קאַפּיטל זעקס

דער מתים־צוג

אַ ווילדער בראשיתדיקער כאַאָס איז אַנטשטאַנען.

פֿאָטערס האָבן געזוכט זייערע קינדער, קינדער זייערע עלטערן און סתם איינזאַמע — זייערע פֿריינט.

עס האָט זיך נישט געוואָלט זיין אַליין.

מ׳האָט געפֿילט: די דאָזיקע נסיעה וועט נישט אַדורכגיין גלאַט, אָן מתים, אָן קרבנות. האָט זיך געוואָלט האָבן עמעצן נעבן זיך וואָס זאָל העלפֿן מיט אַ וואָרט, מיט אַ בליק.

דאַן האָט אַ שטילקייט אונדז אַרומגענומען.

מיר האָבן זיך געזעצט אויפֿן ווייכן שניי, וואָס האָט באַדעקט, ווי אַ טעפּיך די פֿאַדלאָגע פֿון וואַגאָן און געפּרוווט זיך דערוואַרעמען, דערנענטערנדיק זיך נאָכמער צו אונדזערע שכנים.

ווען דער צוג האָט אָנגעהויבן פֿאָרן האָט קיינער פֿון אונדז נישט רעאַגירט. דער קאָפּ איז געווען ליידיק און שווער; אָנגעלאָדן מיט אויסגעוועפּטע זכרונות. בלייבן דאָ אָדער פֿאָרן ווייטער — ווו ליגט דאָ דער אונטערשיד? שטאַרבן היינט, מאָרגן, שפּעטער מיט אַ וואָך, מיט אַ דור — ס׳איז אַלץ איינס. גאָרנישט קען רירן אַ מענטש וואָס איז געצוווּנגען צו קוקן דעם טויט, זיין טויט, גלייך אין די אויגן און וואָס גייט אים אַקעגן.

אַ לאַנגע, אָן אַ שיעור לאַנגע נאַכט איז דאָס געווען. לענגער פֿון אַ סך אַנדערע נעכט צוזאַמען. אָפּטמאָל האָט זיך אויסגעדוכט, אַז קיינמאָל

וועט זי זיך נישט ענדיקן, אַז זי וועט שוין דויערן אַזוי, ביזן סוף פון אַלע דורות.

ווען דער גרויער פרימאָרגן האָט זיך באַוויזן, אין מזרח, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך האָב אין אַ בית־הקברות פון פאַרשאָלטענע דיבוקים גענעכטיקט.

מענטשלעכע פאַרמען, מיט איינגעבויגענע קעפּ, זענען געזעסן איינגע־קורטשעט, ווי אַלטע פאַרשטויבטע מצבות אין דעם נעפּלדיקן ליכט פון אויפגייענדיקן טאָג.

האָב איך איינגעגראָבן מיין בליק אין דאָזיקן משונהדיקן מתים־קאַ־ראַוואַן און געפּרוּווט טרעפן ווער עס לעבט נאָך און ווער שוין נישט. אַ לעבעדיקן און אַ טויטן, און — אפשר איז טאַקע קיין אונטערשייד נישט געווען.

אָט איז דער בליק געפאַלן אויף איינעם וועלכער האָט געהאַלטן זיינע אויגן אָפן און געשטאַרעט צום ליידיקן חלל.

עפּעס אַ ביטערער טרויער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין מיט־אייז־באַוואַקסענעם פּנים.

איך האָב געפילט ווי די טרוקענע אויגן זיינע שמידן צו מיין בליק צו זיי.

צי זענען עס געווען לעבעדיקע אויגן, אויגן פון אַ לעבעדיקן?

120 העפטלינגען. שאָטנס פון מענטשלעכע שאָטנס. פאַרלאָשענע פלאַ־מען פון אויסגעטריפטע יאָרצייט־ליכט.

מיין פאָטער איז געזעסן נעבן מיר. איינגעהילט אין דורכגעווייקטע דעקן, מיטן שוואַרצן היטל ביז איבער די אויגן, מיט אַ שיכט שניי אויף די אַקסלען.

אַ מחשבה האָט אויפגעבליצט אין מוח: אפשר איז ער אויך... אויך... נישטאָ?

איך האָב צו אים גערעדט. אים גערופן. געוואָלט שרייען און נישט באַוויזן טון עפּעס אַנדערש ווי שעפּטשען. אָן רעזולטאַט. ער האָט זיך נישט אָפּגערופן.

בין איך געווען זיכער: פון איצט אָן בין איך אַליין. אין גאַנצן אַליין,

און אַ גלייכגילטיקייט — צו אַלעמען און צו מיר אַליין — האָט מיך באַהערשט. מילא. גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט גענומען. געבענטשט דער קאַמף. נישטאָ מער פאַרוואָס און פאַר וועמען צו קעמפן.

דאַן האָט דער צוג זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט.

אין אַ נאַקעטן פעלד זענען מיר געשטאַנען. דאָס פלוצימדיקע אָפּ־שטעלן־זיך האָט אויפגעוועקט אַ פּאָר נייגעריקע. מיט איבערמענטשלעכע כוחות האָט מען זיך געשטעלט אויף די פיס און אַרויסגעקוקט. דאָס בילד האָט דערמאָנט אַ וואַגאָן פון וועלכן בהמות בויגן אַרויס זייערע נאַרישע קעפּ.

ס. ס.־מענער האָבן זיך אַרומגעדרייט אונטן און געשריגן:

— אַלע טויטע אַרויסוואַרפן! אַלע טויטע אַרויסוואַרפן!

האָבן לעבעדיקע זיך געפרייט: ס׳וועט זיין מער פּלאַץ פאַר זיי! ס׳וועט מער נישט זיין אַזוי ענג אין וואַגאָן!

גבורים, פרייוויליקע האָבן זיך גענומען און אונטערזוכט יעדן איינעם וואָס איז נישט געשטאַנען אויף די פיס.

— אָט איז איינער! נעמט אים אָן!

צוויי קברנים האָבן אים אָנגענומען ביים קאָפּ און ביי די פיס און, ווי אַ זאַק מעל, אים אַרויסגעוואָרפן פון וואַגאָן.

— דאָ אויך — מיין שכן! ער רירט זיך נישט! העלפט מיר אים אַראָפּוואַרפן...

אַזעלכע רופן האָט מען געהערט פון אומעטום.

מיין פאָטער איז נישט געשטאַנען. ער איז זיך ווייטער געזעסן, איינ־געקורטשעט און אָן באַוועגונג.

צוויי העפטלינגען — דוכט זיך: באַקאַנטע — זענען צוגעקומען און אים געוואָלט אַוועקרייסן פון אָרט.

ערשט דאַן האָב איך זיך אויפגעוועקט פון מיין פאַרטעמפּטקייט און באַגריפן די ערנסטקייט פון מצב.

און איך פאַרשטיי נישט עד־היום פון וואַנען איך האָב גענומען אָדער באַקומען דעם כוח, צו ראַטעווען אים, מיין פאָטער, פון בהמישן טויט.

איך האָב זיך געלייגט אויף אים, געצויגן און געריסן זיינע קליידער, געפּאַטשט זיין פּנים, געקושט די אויגן, צעשפּרייט די ליפּן זיינע און דער־ביי געשריגן, געשריגן אָן אויפהער:

— פאַטער! פאַטער! שטיי אויף! שטיי אויף, פאַטער — לאָז זיך נישט. לאָז זיך נישט אַראָפּוואַרפן...

אומזיסט. ער האָט נישט געענטפערט. נישט רעאַגירט.

האָבן די צוויי קברנים מיך אָנגענומען ביים אַקסל און געזאָגט:

— אַ שאָד דיין שרייען, קליינער! ער איז טויט, דיין פאָטער! טויט — פאַרשטייסטו?

— ניין, — האָב איך געשריגן זיי אין פּנים, — ער איז נישט טויט! נישט טויט! נישט טויט!

מער פון די צוויי ווערטער האָב איך נישט באַוויזן אַרויסצוזאָגן און איך האָב זיי היסטעריש איבערגעחזרט הונדערטער מאָל.

עפּעס האָב איך מער מורא געהאַט פאַרן טויט פון פאָטער, ווי פאַר מיין אייגענעם טויט.

האָב איך פונדאָסניי געפּרוּווט אַרויסרייסן אים בכוח פון די נעגל פוןביידע מלאכי־המות.

און — עס איז מיר געלונגען.

דער פאָטער האָט געעפנט די אויגן, די קראַנקע, אייז־פולע אויגן און אָנגעהאנגען אויף מיר דערשטוינטע בליקן, גלייך ער וואָלט אַריינגעפאַלן פון איין חלום אין אַנדערן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס איך טו דאָ נעבן אים, וואָס איך רעד צו אים, וואָס מיר אַלע ווילן פון אים.

— איר זעט? מערדער, איר זעט? האָב איך גערופן צו די קברנים. ער לעבט! מיין פאָטער לעבט!

זיי האָבן מיך באַטראַכט אַ ווײַלע, אַ צי־געטון מיט דער פּלייצע, אַ מורמל געטון אונטער דער נאָז „נישט אויף לאַנג" און האָבן זיך אָפּגעטראָגן — צו אַנדערע מתים.

העכער צוואַנציק טויטע זענען געווען בלויז אין אונדזער וואַגאָן. מ'האָט זיי אַרויסגעשליידערט.

נאַקעט.

יאָ, נאַקעט האָט מען זיי אויסגעטון, איידער מען האָט זיי אַראָפּגעוואָרפן פון וואַגאָן. די קליידער זייערע, זענען צעכאַפּט געוואָרן דורך די פאַרבליבענע.

די דאָזיקע אַקציע האָט געדויערט עטלעכע שעה. דערנאָך האָט דער צוג געריט פון אָרט און קאַלטע ווינטן האָבן געוואָיעט און געטראָגן איבער דער פאַרשאָלטענער וועלט דעם פאַרשניטענעם געוויין פון נאַקעטע מתים, וועלכע זענען געבליבן פאַרלאָזט, פאַריתומט און פאַרגעסן אויף פּוילישע פאַרשנייטע פעלדער.

***

די רייזע איז געווען אומדערטרעגלעך. און יעדער וואָס האָט זי איבערגעלעבט האָט געמוזט שפּעטער אויפהערן גלויבן אין נאַטירלעכע געזעצן, אין זייער כוח און ווערט.

קיין עסן האָבן מיר נישט באַקומען, קיין וואַסער — אויך נישט. דערנערט האָבן מיר זיך בלויז מיט שניי. שניי אנשטאט ברויט, שניי אנשטאט וואַסער.

און קאַלט איז געווען. און ענג איז געווען. די כוחות האָבן אונדז פאַרלאָזט גלייך נאָכן דריטן טאָג פון דער רייזע.

טעג געגליכן צו נעכט און נעכט האָבן איבערגעלאָזט זייער פינצטערניש אין אונדזער נשמה, אין אונדזער בלוט.

און דער צוג איז געפאָרן, געפאָרן, געפאָרן. און פון הימל האָט דער שניי נישט אויפגעהערט צו פאַלן, צו פאַלן.

איז מען געלעגן שעהן־לאַנג, טעג־לאַנג, איינער אויפן אַנדערן און געשוויגן, ווייל קיין כוח צו רעדן איז נישט געווען.

די אויגן האָט מען געהאַלטן פאַרמאַכט. און אין הארצן האָט מען געוואַרט בלויז אויף איין איינציקער זאַך — אויף דער נאָענטסטער סטאַציע. מ'האָט געוואַרט, אַז דער צוג זאָל פונדאָסניי זיך אָפּשטעלן, כדי אויסצולאָדענען די ניי־צוגעקומענע טויטע.

דאָס איז אַלץ, אויף וואָס מיר האָבן געוואַרט.

***

צען טעג און צען נעכט האָט געדויערט די רייזע.

יעדער טאָג האָט זיך צוגענומען זיינע קרבנות און יעדע נאַכט האָט אָפּגעגעבן איר חוב דעם האַר פון דער אייביקער נאַכט, דעם מלאך־המות,

בלויז אייניקע מאָל זענען מיר אַדורכגעפאָרן דייטשע ישובים. געווינלעך איז עס געווען, אין די ערשטע שעהן פון טאָג. אַרבעטער זענען געגאַנגען צו זייער אַרבעט. זיי פלעגן זיך אָפּשטעלן און אונדז באַטראַכטן, גלייך מיר וואָלטן געווען באַשעפענישן פון אַ טיוולאָגישן צירק. איינער פון זיי האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ שטיק ברויט און עס אַרייַנגעוואָרפן אין אַ וואַגאָן. איז געוואָרן אַ טומל. אַ געפילדער. הונדערט אויסגעהונגערטע מענער האָבן זיך געוואָרפן אין דער ריכטונג ווי דאָס ברויט איז געפאַלן.

און זיי, די דייטשע אַרבעטער, זענען געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צום רייצנדיקן, עקזאָטישן ספּעקטאַקל.

...מיט יאָרן שפּעטער, בין איך אַמאָל אָנגעקומען מיט אַ שיף אין דער אָריענט־שטאָט אַדען. אַ סך לוקס־פּאַסאַזשירן האָבן זיך געפונען אויף דער שיף. און זיי האָבן געזוכט „עקסצייטמענט“, עקזאָטישן רייץ. האָבן זיך אַהערגעיאַוועט צענדליקער קליינע קינדער „בעיטיווס“, וועלכע זענען געשפּרונגען אין ים, כדי צו כאַפּן אַ מטבע, וואָס אַ פּאַסאַזשיר פלעגט אַרייַנוואָרפן אין וואַסער. די קינדער האָבן טיילמאָל געמוזט בלייבן אונטער די כוואַליעס עטלעכע מינוט, ביז זיי האָבן געפּאַקט די נישטיקע מטבע. און די פּאַסאַזשירן האָבן געלאַכט. געלאַכט מיט צופרידנקייט! אָט, אַזאַ ביליקער פאַרגעניגן! ער קאָסט אַפילו נישט קיין „סיקס פּענס“ — זעקס פּעניס...

האָב איך אַמאָל בייגעווויינט אַזאַ סצענע: אַן עלטערע פרוי (פון פּאַריז) איז געשטאַנען אויפן דעק און זיך אַמוזירט וואַרפנדיק פּעניס צו די שווימענדיקע קינדער. זי האָט געהאַט אַ פולע האַנט מיט קליין־געלט און אונטן אין ים, גלייך ביי אירע פיס כמעט, זענען אַ צענדליק שוואַרצע יינגעלעך אַרומגעשווומען. און איטלעכס מאָל ווען די אַרנטלעכע, אַריסטאָקראַטישע דאַמע פלעג אַראָפּלאָזן אַ פּעני אין ים — האָט זיך אַנטוויקלט צווישן זיי אַן אכזריותדיקער קאַמף. און דער קאַמף צווישן די קינדער האָט וואַרשיינלעך פאַרווילט די הויך־געשעצטע פּאַסאַזשירקע, ווייל איר געלעכטער האָט זיך געטראָגן ווייט־ווייט...

מיטאַמאָל האָב איך באַמערקט ווי צוויי קינדער שלאָגן זיך אונטערן וואַסער! איינער האָט געפּרוווט וואַרגן דעם אַנדערן. די סצענע האָט מיך דערשיטערט.

— וואַרפט נישט מער קיין פּעניס! — האָט איך געבעטן די דאַמע.

— פאַרוואָס נישט? — האָט זי געענטפערט. — איך האָב ליב צו געבן צדקה...

זי האָט ליב צו געבן צדקה. און צו אָבסערווירן אַ געראַנגל צווישן צוויי זעקס־זיבן יעריקע קינדער פאַר אַ נישטיקן פּעני.

דאַן האָב איך זיך דערמאָנט אין יענעם פרימאָרגן ווען אונדזער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ דייטשער שטאָט.

אַן אַרבעטער האָט אַרייַנגעוואָרפן אַ שטיקל ברויט אין אַ וואַגאָן.

אפשר צוליב רחמנות.

כאָטש דאָס איז שווער צו גלויבן.

יעדנפאַלס — דאָס שטיקל ברויט איז געפאַלן. און האָט גורם געווען דעם טויט פון אַ סך צענדליקער מענטשן.

דער קאַמף פאַרן ברויט! דער געראַנגל פאַרן לעבן!

אין וואַגאָן וווּ דאָס ברויט איז געפאַלן, איז אַנטשטאַנען אַ מהומה, אַ מין אונטערוואַסערדיקער טומל, אַ מלחמה. די ווילדסטע אינסטינקטן פון אוראַלטן פרע־היסטאָרישן דזשונגל האָבן מיטאַמאָל אונדז אַלע באַהערשט. מיט כוחות פון אַ נאַר וואָס פאַרבלענדעטן אָקס האָט זיך יעדער געוואָרפן צום געפאַלענעם ברויט. מ׳האָט געקלאַפּט מיט די פויסטן אויף רעכטס און אויף לינקס, געקראַכן איבער מתים, געטרעטן אויף קראַנקע, געריסן מיט די נעגל פאַרטרוקנטע פנימער. אַלץ פאַרן כזית ברויט.

אַ שטיקל מן אין מדבר...

אַ שאָד וואָס די תורה דערציילט אונדז נישט ווי אַזוי די ייִדן האָבן אויפגענומען דעם ערשטן מן. צי זיי האָבן זיך געשלאָגן איינער מיטן אַנדערן, צי עס זענען געווען פאַרווונדעטע, צי עס זענען געפאַלן קרבנות.

צי אויך דאָרט האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַזעלכע אימהדיקע סצענעס, ווי ס׳האָבן זיך ביי אונדז אָפּגעשפּילט.

די אַרבעטער, די דייטשע אַרבעטער זענען ווייטער געשטאַנען און זיך איינגעקוקט אין אַמוזירנדיקן ספּעקטאַקל און אפשר באַרויִקט גלייכצייטיק זייער געוויסן, אַז אָט טוען זיי מצוות, זיי טיילן צדקה, ברויט פאַר הונגעריקע.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און אַלע אַרבעטער האָבן נאָכגעטון זייער ווייך־האַרציקן קאַמעראַד.

און שטיקלעך ברויט זענען געפאַלן אין אַלע וואַגאָנען.

ברויט און קרבנות.

און זיי — די גוטע, פיינע דייטשן האָבן הנאה געהאַט, געשמייכלט האָבן זיי און געלאַכט.

...מאָדנע: שרייבנדיק די דאָזיקע שורות, גלויבט עס זיך עפּעס מיר נישט, מיר אַליין. ס׳דוכט זיך: איך שרייב אַ שרעק־ראָמאַן. אַ ראָמאַן וועלכן מ׳דאַרף נישט לייענען ביינאַכט. ס׳קען זיך נישט גלויבן, אַז דאָס אַלץ וואָס איך שרייב — איז טאַקע געשען, מיט מיר אַליין געשען.

און — בלויז מיט צען יאָר צוריק!

איך טראַכט: ווען עס וואָלט טאַקע אמת געווען דאָס אַלץ וואָס לעבט אין זכרון, וואָס ברענט אין האַרץ — צי וואָלט איך דען געקענט שלאָפן ביינאַכט? צי וואָלט איך דען געקענט רויִק עסן אַ שטיקל ברויט?

איך זע נאָך פאַר מיינע אויגן די סצענעס, וואָס איך האָב איבערגע־לעבט אין יענעם פרימאָרגן בשעת דאָס ברויט איז געפאַלן פון הימל.

אין אונדזער וואַגאָן איז לײדער אויך אַ ברויט אַריינגעפאַלן. ווי הונ־געריק איך בין געווען, איז פאַרט די מידקייט שטאַרקער געווען. בין איך געבליבן אויף מיין אָרט און זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט: זאָל פאַלן ברויט — אַפילו פון הימל, איך וועל זיך נישט דערהרגענען כדי עס צו באַקומען. פשוט — נישט געהאַט קיין כוח, נישט נאָר צו קעמפן, נאָר אויך צו עסן האַרט ברויט. בין איך זיך געזעסן אין מיין ווינקל און זיך צוגעקוקט, ווי אַזוי מענטשן ווערן חיות, ווילדע חיות, בשעת אַנדערע „איבער־מענטשן" נעמען פון זיי אַוועק דאָס ברויט פון מויל.

דאָס הימלדיקע ברויט איז געפאַלן אין אַן עק פון וואַגאָן. האָט קיין סעקונדע נישט געדויערט און דער צווייטער עק איז ליידיק געוואָרן.

אַ פּאָר מעטער פון מיר איז געשטאַנען אַ יונגער בחור און אַריינגע־ביסן זיך אין אויער פון דעם וואָס איז געשטאַנען פאַר אים: אויך ער וויל זיך דערשלאָגן צום ברויט!

יענער מאַכט זיך נישט ווייסנדיק. דער ווייטיק האָט אויף אים נישט קיין ווירקונג. דער עיקר: ברויט.

פּלוצים זע איך, ווי פון דער זייט רוקט זיך אַרויס אַן אַלטער ייד. ער קריכט אויף אַלע פיר, היות די קרעפטן האָבן אים פון לאַנג שוין פאַרלאָזן. די האַנט זיינע — פעסט צוגעדריקט צום האַרץ. קודם האָב איך געמיינט, אַז עמעצער האָט אים געשלאָגן, פאַרוווּנדעט, בעתן משוגענעם געראַנגל. געמיינט, אַז עמעצער האָט אים אין האַרצן אַ זעץ געגעבן. דאַן — האָב איך ערשט פאַרשטאַנען. דער אַלטער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם אַ זשמעניע ברויט און עס שנעל, האַסטיק, כמעט עקסטאַטיש אַריינגעשטופּט אין מויל.

אַ צופרידענער שמייכל האָט — ווי אַ גרימאַסע — באַשיינט זיין טויט פּנים. און — גלייך פאַרשוווּנדן. אַ שאָטן איז הינטער אים אויסגעוואַקסן, ווי פון שניי אַרויס. און ער, דער שאָטן האָט זיך געוואָרפן, ווי אַ מערדער, אויפן זקן. ביידע האָבן גענומען זיך אַמפּערן. זיי האָבן זיך געריסן ביי די די אויערן, געקאָפּעט מיט די פיס אין בויך, אין האַרץ, אין מאָגן.

דער אַלטער האָט באַוויזן אויפצוהויבן דעם קאָפּ. איך האָב געזען, אַז ער עפנט זיינע מיט בלוט־פאַרגאָסענע אויגן. אַ פריידיקע איבעררעשונג האָט זיך אין זיי אָנגעצינדן:

— מאירל! מאירל! — האָבן דעם זקנס ליפּן געשעפּטשעט. — מאירל, מיין זון! האָסט מיך נישט דערקענט? אוי, האָסט מיר אַזוי וויי־געטון...

זיינע אויגן זענען טויטער געוואָרן.

מאיר האָט נאָך אַלץ געפּרוווּט אַרויסרייסן דאָס שטיקעלע ברויט פון זיין פאָטערס בוזעם.

— מאיר! דו שלאָגסט דיין טאַטן! — האָט דער אַלטער געזיפצט. — איך האָב אויך פאַר דיר... אויך פאַר דיר געבראַכט... געבראַכט ברויט... דאָס לעבן זיך איינגעשטעלט... און... דו, שלאָגסט מיך! שלאָגסט דיין אַלטן... דיין אַלטן פאָטער!

דער אַלטער איז געלעגן ווי אַ גוסס. זיינע ליפּן האָבן אויפגעהערט צו שעפּטשען, צו שרייען. מאיר האָט געזיגט. ער האָט געהאַלטן אין זיין רעכ־טער האַנט דאָס קליינטשיקע שטיקל ברויט און מיט דער לינקער, אָפּגע־ווישט אַ שנירל בלוט וואָס האָט גערינען פון אויג.

דער אַלטער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן זיין פויסט פאַרמאַכט. נאָך אַ שטיקל ברויט געווען אין זיין האַנט. האָט ער געוואָלט עס צופירן צום מויל. שטאַרבן מיט אַ שטיקל ברויט אין מויל. זיינע אויגן האָבן געגלאָצט פון

צופֿיל קלאָרקייט. ער האָט פֿאַרשטאַנען. אַלץ פֿאַרשטאַנען. ער איז געלעגן אויף דער שוועל פֿון טויט. און אין אַזאַ מצב, אין אַזאַ רגע פֿאַרשטייט מען אַלץ. האָט ער אויפֿגעהויבן זיין האַנט, זי דערנענטערט צום האַלב־אָפֿענעם מויל און דאָס פּנים זיינס האָט מיטאַמאָל ממש געגליט פֿון תאווה צום ברויט... די האַנט מיטן ברויט האָט זיך פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן צום מויל... ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער אַלטער טוט עס אומישנע, כּדי דער תּענוג פֿון עסן, פֿון דערוואַרטן, זאָל לענגער דויערן... די אויגן זיינע זענען ממש אַרויסגעשפּרונגען פֿון די לעכער...איך זע די שוואַרצע, צעבראָכענע ציינער... אָט, דאָס ברויט איז נעבן די ליפּן. און דאַן — דאַן האָט מאיר, מאירל דער זון, אַ שפּרונג געטון און אַרויסגעריסן פֿון זיין פֿאָטערס האַנט דאָס לעצטע שטיקל ברויט.

דער זקן האָט פֿונדאַסניי עפּעס געשעפּטשעט. וואָס? אַ צוואה? קיינער האָט אים נישט געהערט.

זיין זון אויך נישט.

דער אַלטער איז געפֿאַלן. טויט. און זיין זון, דער נאַר וואָס געוואָרענער יתום, האָט געגעסן ברויט.

און איך האָב נאָך געזען דעם אַלטן פֿאָטער, ליגנדיק אויף דער פּאָדלאָגע פֿון וואַגאָן. זיין האַנט איז געווען אויסגעשטרעקט צום הימל, ווי אַ פּראָטעסט צו גאָט, וואָס האָט פֿאַרוואַנדלט מאירן אין אַ רוצח.

לאַנג האָב איך דעם אַלטן נישט געקענט באַטראַכטן. מיינע בליקן האָבן זיך ווידער אָפּגעשטעלט אויף דעם זון. ער האָט זיך שוין ווייטער געראַנגלט. איניקע מענטשן האָבן באַמערקט אין זיין האַנט דאָס שטיקל ירושה־ברויט. האָבן זיי זיך געוואָרפֿן אויף אים. ער האָט זיך געפּרוווט פֿאַרטיידיקן, אָבער דער המון אַרום אים, איז געוואָרן אַלץ מער אויפֿגערייצט, אַלץ מער דורשטיק נאָך בלוט.

ווען ער איז זיך צעגאַנגען, דער המון, זענען צוויי מתים געבליבן אויף דער פּאָדלאָגע: דער פֿאָטער און דער זון. מען האָט געטרעטן אויף זיי. מ'האָט נישט באַמערקט זייער קערפּער, זייער דאָ־זיין. דער פֿאָטער און דער זון. קרבנות פֿון ברויט. בײדע זענען אומגעקומען — איינזאַם און הונגעריק.

פּלוצים האָט מיר אויסגעוויזן ,אַז עמעצער לאַכט הינטער מיר.

האָב איך געוואָלט זען ווער עס לאַכט.

אָבער — איך האָב מורא געהאַט.

יאָ, איך האָב מורא געהאַט פֿעסטצושטעלן, אַז דער געלעכטער קומט נישט פֿון הינטער מיר, נאָר פֿון מיר אַליין.

15 יאָר בין איך דעמאָלט אַלט געווען.

איר פֿאַרשטייט? 15 יאָר.

צי איז עס אַ וווּנדער וואָס איך — און מיין גאַנצער דור — גלויבן נישט, נישט אין גאָט און נישט אין מענטש, נישט אין געפֿילן פֿון אַ זון און נישט אין דער ליבשאַפֿט פֿון אַ פֿאָטער?

צי איז עס אַ וווּנדער וואָס עס גלויבט זיך מיר נישט, אַז איך אַליין האָב דאָס איבערגעלעבט, דאָס אַלץ געזען מיט מיינע אייגענע קינדערישע אויגן?

***

מיט אונדז אין וואַגאָן איז געפֿאָרן אַן אַלטער באַקאַנטער פֿון מיין פֿאָטער: מאיר כ"ץ. אַ פֿעסט־געבויטער ייִד, מיט אַ דונערנדיקער שטים און ענערגישער האַנט. אין בונא האָט ער געאַרבעט אַלס גערטנער און פֿלעגט אונדז ברענגען, פֿון צייט צו צייט אַ גרינעם טאָמאַט. ער האָט זיך גלענצנדיק געהאַלטן, סיי פֿון פֿיזישן און סיי פֿון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט.

טאַקע צוליב זיין געזונט־צושטאַנד, האָט מען אים נאָמינירט אַלס וואַגאָן קאָמענדאַנט.

אים האָב איך צו פֿאַרדאַנקען, וואָס איך בין אָנגעקומען לעבעדיק קיין בוכענוואַלד.

געווען איז עס בשעת דער דריטער (אָדער פֿערטער? ווער קען געדענקען דאָס אַלץ... מיר האָבן פֿאַרלוירן דעם חוש און חשבון פֿון צייט) נאַכט פֿון דער נסיעה. מיר זענען אַלע געזעסן איינגעקורטשעט און באַמיט זיך צו כאַפּן אַ דרימל. מיטאַמאָל האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דרימל און געפֿילט, אַז עמעצער וואַרגט מיך ביים האַלדז. סתּם אַזוי. פֿאַר גאַרנישט. האָב איך מיט די לעצטע כּוחות אויסגעשריגן בלויז איין וואָרט: „פֿאָטער!".

בלויז דאָס איינציקע וואָרט. מער האָב איך נישט באַוויזן און נישט געקענט אויסשרייען. מיין אומבאַקאַנטער רוצח האָט מיך דערשטיקט און דערוואָרגן אין מיר יעדעס וואָרט, יעדן רוף.

האָט מיין פאָטער, צו מיין מזל, זיך אויך אויפגעוועקט און געפּרוווט מיך באַפרייען פון מערדערס הענט.

איז ער אָבער צו שוואַך געווען.

האָט ער זיך געווענדט צו מאיר כ״ץ:

—מאיר, טו עפּעס! מ׳דערשטיקט מיין זון!

דאָס האָט מיך געראַטעוועט — ממש אין דער לעצטער מינוט. מאיר כ״ץ האָט מיט זיינע פויסטן אַראָפּגעריסן דעם מערדער פון מיר.

איך ווייס נישט ביזן היינטיקן טאָג, ווער דער מערדער האָט געקענט זיין און פאַרוואָס ער האָט געוואָלט מיך אומברענגען.

האָב איך דאָך קיין ברויט נישט געהאַט ביי מיר..

מסתמא אַ שגעון־אָנפאַל.

אָדער — אַ טעות.

מאיר כץ.

אויך דער איז אומגעקומען אין דאָזיקן טראַנספּאָרט.

צוויי־דריי טעג איידער מיר האָבן דערגרייכט בוכענוואַלד, האָט ער זיך געווענדט צו מיין פאָטער:

— שלמה, איך פאַרליר די כוחות! — האָט ער זיך באַקלאָגט. — איך האַלט עס נישט אויס...

מיין פאָטער האָט געפּרוווט אים דערמוטיקן:

— מאיר, מאיר! לאָזט אייך נישט פאַלן! האַלט אויס! מ׳מוז! איר מוזט אויסהאַלטן! איר מוזט וועלן אויסהאַלטן!...

און מאיר האָט שטום געשריגן אנשטאַט צו ענטפערן:

— אָבער, שלמה, שלמה, איך טויג נישט מער... וואָס קען איך טון? איך טויג נישט!!!

נעמט אים מיין פאָטער אָן ביים אָרעם. און מאיר כץ, דער שטאַרקער, דער אייביק־געזונטער מאיר כ״ץ האָט געוויינט. זיין זון איז אומגעקומען נאָך אין די סאַמע ערשטע טעג פון גהינום און ערשט איצט באַוויינט ער אים. ביז איצט פלעגט ער תמיד אויסמיידן די אַ. טעמע און מיר זענען אים דאַנקבאַר געווען דערפאַר. איצט האָט דער קוואַל פון טרערן ביי אים זיך געעפנט.

מיין פאָטער האָט אים געטרייסט, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז באַלד וועט אויף יעדן איינעם קומען ד׳ ריי צו זאָגן:

— איך טויג נישט מער!

אין לעצטן טאָג פון דער רייזע האָט אַ שרעקלעכער ווינט זיך צעבלאָזן און איז אַריינגעדרונגען ביז אין דער נשמה.

דערצו איז געפאַלן דער מוראַדיקסטער שניי, וואָס איך האָב געזען אין מיין לעבן: געדיכט און בייז און גיפטיק.

מ׳האָט געפילט: דער סוף איז נאָענט. דער אמתער סוף. לאַנג וועט מען עס מער נישט אויסהאַלטן.

האָט עמעצער זיך אויפגעשטעלט און אַ זאָג געטון:

— ייִדן! מ׳טאָר נישט בלייבן זיצנדיק אין אַזאַ וועטער! מיר וועלן אַלע פאַרפרוירן ווערן! לאָמיר אויפשטיין, זיך באַוועגן...

זענען מיר אַלע אויפגעשטאַנען. אַפילו די טויטע — האָט זיך געדוכט — זענען מיט אונדז אויפגעשטאַנען. יעדער האָט צוגעצויגן צו זיך פעסטער זיינע דורכגענעצטע דעקן און זיי אַרויפגעצויגן ביז איבערן קאָפּ, גלייך דער גאַנצער וואַגאָן וואָלט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מנין מתפּללים מיט די טליתים איבער די קעפּ.

מען האַלט ביי נעילה.

און מיר האָבן זיך געשאָקלט. דער ווינט, דער שניי, דער וואַגאָן, אַפילו דער הימל — אַלץ האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן זיך שאָקלען. און מיר האָבן געדאַוונט. די תפילה פון לעבן. די תפילה פון טויט. מ׳הערט פאָכען די שווערד פון מלאך־המות. דאַוונט מען. אַ מנין מתים דאַווענען.

פּלוצים האָט אַ געשריי זיך געטראָגן פון וואַגאָן. אַ וויי־געשריי פון אַ פאַרוווּנדעטער חיה.

דאָס בילד איז געווען צו מוראַדיק, צו מאַקאַבריש. האָבן אייניקע עס נישט געקענט פאַרטראָגן שטומערהייט. האָבן זיי זיך צעשריגן. און זייערע קולות זענען געקומען, ווי פון יענער וועלט.

באַלד האָבן מיר אַלע זיי נאָכגעטון.

דער גאַנצער וואַגאָן האָט גענומען שרייען. שרייען סתם אין ווינט און צום שניי. נישט־וויסנדיק פאַרוואָס און ביז ווען.

דער ווינט האָט געבלאָזן, גלייך ער וואָלט געוואָלט דעם גאַנצן צוג

מיט זיך מיטרייסן. דער שניי איז געפאַלן אָן אויפהער און דער געשריי פון וואַגאָן האָט זיך דערהויבן ביזן הימל. און טרעפנדיק דאָרט פאַרשלאָסענע, פאַרהאַמערטע טירן — איז ער צוריקגעקומען.

נישט לאַנג האָט געדויערט און אַלע וואַגאָנען האָבן זיך אויך אָפּגערופן.

עטלעכע צוואַנציק וואַגאָנען מיט העפטלינגען האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין אײנציקן גסיסה־רוף.

יאָ, מ׳האָט געפילט: אוממעגלעך דאָס צו פאַרטראָגן אַזוי ווייטער, אוממעגלעך.

דער סוף איז נאָענט, אָט, דראַפּעט זיך דער צוג אויף בערג פון טיר־רינגער וואַלד. אויך ער, דער צוג, טויג נישט צו שלעפּן די וואַגאָנען. און מיר אַליין?

די געטלעכע טראַגי־קאָמעדיע האַלט זיך ביים פאַרענדיקן. די לעצטע רעפּליקן פון לעצטן אַקט. מ׳נאַרט נישט מער זיך אַליין און אַנדערע, אַז מ׳וועט איבערלעבן, אַז מ׳וועט אויסהאַלטן. מ׳ווערט באַוווסטזיניק וועגן גורל. געענדיקט. נישט געווען מער עטלעכע טויזנט העפטלינגען און איין מאיר כ״ץ. עטלעכע טויזנט מאיר כ״ץ׳ס זענען געווען אין די צוואַנציק מתים וואַגאָנען.

מאיר כ״ץ וויינט. ער פרעגט:

— פאַרוואָס שיסט מען אונדז נישט דאָ אויפן אָרט? כאָטש נישט דאַרפן פּלאָגן זיך אַזוי פיל, אַזוי לאַנג?

— ר׳ מאיר, מיר קומען אָן. באַלד, — האָב איך זיך סתם אָנגערופן. באַלד...

אָבער — ער האָט נישט דערהערט מיינע ווערטער.

דער ווינט האָט צו שטאַרק געוואָיעט און געוויינט.

און מיר אַלע זענען געשטאַנען אין אָפענעם וואַגאָן, אונטערן מבול פון שניי און — היסטעריש, מטורפדיק געשריגן.

***

אין זעלבן אָונט זענען מיר אָנגעקומען קיין בוכענוואַלד.

שוין געווען שפּעט ביינאַכט.

מענער פון בוכענוואַלדער „לאַגער־שוץ״ זענען געקומען אונדז אויס־וואַגאָנירן. די טויטע האָט מען געלאָזט אין וואַגאָן. בלויז די וועלכע האָבן באַוויזן זיך צו שלעפּן אויף די פיס, זענען אַראָפּ.

מאיר כ״ץ איז פאַרבליבן אין וואַגאָן.

ער האָט עס טאַקע נישט אויסגעהאַלטן. אַ שעה פאַרן סוף — פאַר־פרוירן געוואָרן.

ווי אַ סך אַנדערע.

דער לעצטער משוגענער טאָג איז געווען דער שרעקלעכסטער.

אומגעפער 40 העפטלינגען זענען פאַרכאַפּט געוואָרן דורכן ווינט פון טויט, בלויז בעתן לעצטן טאָג.

בכלל: איינגעשטיגן זענען מיר 120 העפטלינגען. אויסגעשטיגן — 12. צווישן זיי: מיין פאָטער און איך.

בוכענוואַלד...

קאַפּיטל זיבן

בוכענוואַלד

פון העכער צוואַנציק טויזנט העפטלינגען וואָס האָבן פאַרלאָזט אויבער־שלעזיע מיט אונדזער טראַנספּאָרט, זענען מיר געבליבן נאָענט צו 5־6 טויזנט.

די לאַגער־שוצניקעס האָבן אונדז אויסגעשטעלט צו פינף און אונדז אַריינגעפירט אין לאַגער.

ביים טויער האָט אויף אונדז געוואַרט ס. ס.־אָפיצירן. נאָכדעם ווי מיר זענען געציילט געוואָרן, האָט מען אונדז געפירט אויפן אַפּעל־פּלאַץ.

דאָ האָט מען אונדז געגעבן באַפעלן דורכן מיקראָפאָן. אויסשטעלן זיך צו הונדערט, גיין פינף טריט פאָרויס און אַזוי ווייטער.

איך האָב געהאַלטן די האַנט פון פאָטער אין מיינער. די אַלטע מורא: נישט פאַרלירן אים פון אויג.

אַ פּאָר מעטער פון אונדז איז געשטאַנען דער בנין פון קרעמאַטאָריום. אָבער — ער האָט אונדז מער נישט דערשראָקן.

אַ לאַגער־שוצניק האָט געזאָגט, אַז מען פירט אונדז אין באָד און דאַן — אין די בלאָקן!

די אידעע איז געווען רייצנד! אַ וואַרעמען דוש, אַן אמתדיק בעט... אַ גן־עדן וויזיע!

איך האָב באַמערקט, אַז מיין פאָטער שווייגט צופיל.

— טאַטע, — האָב איך זיך געווענדט צו אים, — האַלט אויס! נאָך

איניקע שעה! דאַן גייען מיר אין אַ בלאָק, אין אַ בעט, וועסט זיך אויסרוען...

ער האָט נישט געענטפערט.

און איך אַליין בין געווען אַזוי מיד, אַזוי אַפּאַטיש, אַזוי רעזיגנירט, אַז זיין שווייגן האָט מיך געלאָזט גלייכגילטיק.

נישט־ווילנדיק און נישט־ויסנדיק האָב איך געטראַכט מער וועגן זיך און ווייניקער וועגן אים.

די איינציקע בקשה, די איינציקע תפילה אין האַרצן: אַריינקריגן זיך וואָס שנעלער אין באָד אַריין! נישט שטיין מער דאָ אין קאַלטן ווינט, אונטערן פאַרפרוירענעם הימל, אין שאָטן פון קרעמאַטאָריום...

אָבער — דער אַריינגאַנג צום באָד איז געווען פאַרשטעלט דורך אַ לעבעדיקער מויער.

טויזנטער העפטלינגען האָבן געהאַט די זעלבע בקשה, די זעלבע תפילה אין זייער האַרצן. אַ טומל, אַ מהומה, אַ מלחמה צווישן שאָטנס.

די לאַגער־שוצניקעס זענען געצווונגען געווען אָנצונעמען מיטלען כדי איינצושטעלן אַ מכלומרשטע אָרדענונג ביים אַריינגאַנג.

בלוטיקע קעפּ, אַרויסגעזעצטע ציין, געשוואָלענע אויגן.

אַלטע און יונגע זקנים — וועלכע האָבן קיין כוח נישט פאַרמאָגט, כדי צו שטופּן זיך ביים אַריינגאַנג פון באָד — האָבן זיך אַנידערגעלייגט אויפן שניי און געוואַרט אויפן סוף, אויפן טויט.

צענדליקער יידן, האָב איך אַליין געזען, וואָס האָבן זיך געלאָזט באַ־הערשן דורכן מאַגנעטישן צוציִונגס־כוח פון שניי, זענען אויפן אָרט אויס־געגאַנגען.

אויך מיין פאָטער האָט געוואָלט זיך לייגן אויפן שניי:

— איך טויג נישט... איך טויג נישט... — האָט ער געמורמלט.

האָב איך אים געצויגן מיט כוח צום אַריינגאַנג פון באָד. אפשר וועט עס אונדז פאָרט געלונגען אַדורכצושניידן די מענטשן־מויער און געפינען זיך, צום ערשטן מאָל זייט אַזאַ לאַנגער צייט, אונטער אַ דאַך...

ס'איז אונדז נישט געלונגען.

מיר האָבן באַקומען אַ פּאָר שטעקנס איבערן קאָפּ און מיר האָבן באַ־שלאָסן (ריכטיקער: איך האָב באַשלאָסן), אַז בעסער איז צו וואַרטן אַביסל, איידער דערהרגעט ווערן דורך שלעג. דער פראָסט איז אין צווישן שאַרפער

געוואָרן און אָנשטאָט בלוט האָב איך געפֿילט אייז אין די אָדערן. די צייט האָט זיך — נאַטירלעך — געצויגן לאַנגזאַם. יעדע מינוט האָט געוואָלט קאָנקורירן מיט דער אומענדלעכקייט. אָט די נקמה פֿון צייט! במשך דער גאַנצער נסיעה האָבן מיר זי איגנאָרירט, נישט וויסנדיק זיך געמאַכט פֿון איר עקזיסטענץ, פֿון איר לויף. איצט — פֿילט מען זי...

מיין פֿאָטער האָט מיך צוגעצויגן צו אַ בערגל שניי, ווו מענטשלעכע פֿאַרמען זענען געלעגן ווי איינגעפֿאַלענע ווינטערדיקע מצבות.

— לאָז מיך דאָ איבער, — האָט מיין פֿאָטער זיך ביי מיר געבעטן. איך האָב נישט קיין כּוח. האָב רחמנות אויף מיר... לאָז מיך איבער... איך וועל צוזואַרטן ביז מ'וועט קענען אַריינגיין אין באָד... וועסט קומען מיך רופֿן... גיי... איך טויג נישט...

עס האָט זיך מיר געוואָלט וויינען. נאָך אַזויפֿיל טעג פֿון ליידן, פֿון קרבנות — זאָל איך איצט פֿאַרלירן דעם פֿאָטער? איצט, בשעת מיר שטייען פֿאַרן טויער פֿון לעבן, פֿון וואַרעמקייט?

איך בין געוואָרן אין כּעס — אויף אים:

— פֿאָטער, — האָב איך געשריגן צו אים מיט אַ ווילד־צעאַרנדיקער שטים, — פֿאָטער! שטיי אויף! תיכּף ומיד! קענסט חלילה באַקומען אַ לונגען־אָנטצינדונג אויב דו וועסט ליגן דאָ! שטיי אויף, קום!

איך האָב געפּרוּווט אויפֿהייבן זיין קערפּער.

ער האָט זיך געבעטן ביי מיר מיט אַ תּחנונימדיק קול:

— שריי נישט אויף מיר, מיין זון... האָב רחמנות אויף דיין אַלטן טאַטן... לאָז מיך דאָ ליגן... איך בעט דיך: האָב אַ גוט האַרץ... איך בין אַזוי מיד, אַזוי מיד....

ווי אַ קינד איז ער געוואָרן: שוואַך, הכנעהדיק, טרויעריק.

— אָבער, טאַטע! — האָב איך גערופֿן, דו טאָרסט נישט בלייבן דאָ!

— איך טאָר נישט? וואָס הייסט, איך טאָר נישט?

עפּעס אַ מיסטעריעז שמייכעלע האָט זיך באַוויזן אַרום זיין ווייסן מויל.

— טאַטע, טאַטע! קוק זיך אַרום! קוק אַרום דיר! אומעטום טויטע טויטע קערפּערס! זיי אַלע האָבן זיך געוואָלט אויסרוען אויפֿן שניי און זע וואָס ס'איז פֿון זיי געוואָרן! טאַטע, זע וואָס ס'לויערט אויף דעם, וואָס וויל זיך לייגן אין שניי...

דער מיסטעריעזער שמייכל האָט נאָך אַלץ געלויכטן אויף זיין חושכדיק פּנים:

— איך זע, מיין זון, איך זע אַלץ, — האָט ער געענטפֿערט. — זיי שלאָפֿן. לאָז זשע שלאָפֿן. שוין אַזויפֿיל טעג און נעכט נישט אויסגערוט זיך... נישט קיין אויג פֿאַרמאַכט... לאָז מיך כאַפּן אַ דרימל... אַ פּאָר מינוט בלויז...

זיין שטים איז געווען אין יענעם מאָמענט אַזוי צאַרט, אַזוי ווייך, אַזוי פֿול מיט ליבשאַפֿט און קינדערישער ריינקייט.

איך האָב ווייטער געשריגן — כאָטש דער ווינט האָט פֿאַרשלעפּט מיין שטים אין די ווייטסטע ווייטענישן פֿון דער טויבער וועלט:

— פֿאָטער, זיי שלאָפֿן, יאָ, זיי שלאָפֿן! אָבער — דעם אייביקן שלאָף שלאָפֿן זיי! קוק!

— איך קען נישט קוקן... לאָז מיך אָפּרוען...

האָבן מיר זיך מתוכח געווען אַזוי, במשך לאַנגע, לאַנגע מינוטן, מיין פֿאָטער און איך. אָבער — איך האָב געפֿילט מיט אַלע מיינע חושים, אַז דעם וויכּוח פֿיר איך ניט מיט אים, נאָר מיטן טויט אַליין, מיטן טויט, וואָס האָט אים שוין אויסגעקליבן ווי איינעם פֿון זיינע נאָענטסטע קרבנות.

איך בין געבליבן נעבן פֿאָטער. נישט געוואָלט אים פֿאַרלאָזן. אויפֿהייבן אים פֿון דער פֿאַרשנייטער ערד — האָב איך נישט באַוויזן. אפֿשר וועט מיר געלונגען אים אָפּצוראַטעווען פֿינף מינוט פֿאַר צוועלף, בעת איך וועל זען, אַז ער ווערט אַריינגעצויגן אין דער אָפּנאַרערישער נעץ פֿון שלאָף?

פּלוצים האָב איך דערזען, אַז דאָס בערגל אויף וועלכן ער ליגט, איז נישט פֿון שניי, נאָר פֿון אַלטע דעקן אָדער גאָר טויטע קערפּערס.

דער גאַנצער אַפּעל־פּלאַץ איז געווען באַדעקט מיט אַזעלכע בערגלעך פֿון טויטע ייִדן, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן דורך דער השגחה עליונה צו שטאַרבן דאָ, אויפֿן פֿרעמדן שניי, אין אַ טייוולאָנישער ווינטער־נאַכט.

אומעטום — הויפֿנס מיט דעקן, אומעטום — קערפּערס אָדער גוסס־דיקע מענטשן.

וואָלט פּרעצס פֿאַרוואָגלטע נשמה דערגאַנגען ביז אַהער, ביזן אַפּעל־פּלאַץ פֿון בוכנוואַלד, וואָלט זי געקענט ברענגען פֿאַרן רבון־העולם נישט

דריי מתנות — נאָר טויזנט און זיי פירן אַלס אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן בעל הרחמים והדין, וואָס דערלויבט זיך צו משפטן, בשעת ער אַליין טוט אַזויפיל זאַכן אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ מאָס.

***

דאָן איז געקומען דער לופט־אַלאַרם.

סירענעס האָבן זיך צעבלאָזן און אַלע ליכט האָבן זיך פאַרלאָשן. לאַגער־שוצניקעס האָבן זיך אַ לאָז געטון צו אונדז פאַרטריבן אין בלאָקן.

און איך ווייס נישט ווי אַזוי ס׳איז געשען, נאָר מיטאַמאָל האָב איך זיך דערזען אין אַ בלאָק. באַדן וועט מען אונדז שפּעטער... אַזוי האָט מען אונדז געמאָלדן. אין בלאָק זענען מיר, ווי פאַרחלשטע, אַריינגעפאַלן אין די באַקסן (בעטן). ביי דער טיר זענען טאַקע געשטאַנען קעסלען זופּ, אָבער — בלויז ווייניק אַמאָטאָרן זענען געווען דערצו. ווער האָט נאָך געהאַט אין זיך כוח צו טראַכטן וועגן זופּ, וועגן עסן? אַלץ וואָס מ׳האָט געגאַרט איז געווען: ד׳ אמות (און אָפילו ווייניקער) כדי צו לייגן זיך שלאָפן, כדי צו פאַרגעסן די וועלט און זיך אַליין.

אַ שלאָף פון בליי איז אויף מיר געפאַלן.

צומאָרגנס, גלייך נאָכדעם ווי איך בין אויפגעשטאַנען האָב איך זיך דערמאָנט אָן אים, אָן מיין פאָטער.

יאָ, איך בין געווען מסוגל צו לייגן זיך שלאָפן, צו שלאָפן אייניקע שעה — און דאָס כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז דער פאָטער איז שוואַך, אַז דער פאָטער שטייט אויף דער שוועל פון טויט!

און דערמאָנט אָן אים האָב איך זיך ערשט ווען איך בין געווען שוין מער־ווייניקער אויסגערוט!

ערשט דעמאָלט בין איך געגאַנגען אים זוכן.

און זוכנדיק אים האָט זיך דערוועקט אין מיר אַ מחשבה, וואָס וועט מיך באַגלייטן דאָס גאַנצע לעבן, אַ מחשבה וועלכע וועט פאַרשטערן אַלע מיינע שמחות און וועט זיין דער ביטערער טראָפּן אין יעדן גלאָז ווין, וואָס איך וועל טרינקען.

די מחשבה — אָט איז זי: הלוואי זאָל איך אים נישט געפינען!!!

פשוט. פאַרשטייט גוט — ס׳איז גאַנץ פשוט: איך האָב געהאָפט אים נישט צו געפינען מער, מיין פאָטער. און אַזוי אָרום וועל איך זיך פילן פרייער, אַזוי אָרום וועל איך האָבן גרעסערע שאַנסן כדי צו קעמפן פאַר דער אייגענער עקזיסטענץ!

קלאָר: די אַ, מחשבה האָב איך באַלד פאַרטריבן פון מוח, אָבער דאָס פאַרמינערט נישט דעם עצם־פאַקט, אַז זי איז אין מיר, אין מיין האַרצן געבוירן געוואָרן.

איך בין אַוועק זוכן דעם פאָטער.

און אים נישט געפונען.

שעהנלאַנג האָב איך אים געזוכט צווישן די טויזנטער העפטלינגען אין בלאָק און אין שכנותדיקע בלאָקן און אים נישט דערזען.

דאַן האָב איך מיטאַמאָל באַמערקט, אַז מ׳טיילט וואַרעמע קאָפע נעבן דער טיר. הונדערטער מענטשן האָבן זיך געשלאָגן כדי צו באַקומען אַ שלונג וואַרעם געטראַנק. בין איך אויך צוגעגאַנגען...

הער איך פלוצים ווי אַ שטים, אַ ווייטע, אַ קראַנקע שטים רופט מיך פון אַ באָקס:

— אליעזר, מיין זון... ברענג מיר אַביסל... אַביסל קאָפע!

ער!

— טאַטע! — האָב איך אויסגערופן, — ביסט דאָ? איך האָב דיך גע־זוכט.. ווו ביסטו געווען? ביסט גוט געשלאָפן? זיך אָפּגערוט? פילסט זיך בעסער?

— יאָ... אָבער — גיי... ברענג אַביסל קאָפע. ס׳איז מיר טרוקן אין מויל... און צו גיין, האָב איך נישט קיין כוח. גיי דו און זאָג, אַז איך בין קראַנק...

זאָגן אַז ער איז קראַנק? זעט אויס, אַז ער האָט הויכן פיבער. וועמען זאָגן? נישטאָ צו וועמען צו רעדן. און צווייטנס — וועמען אַרט עס דען, וועמען גייט עס בכלל אָן, אַז ער איז קראַנק?

איך בין געלאָפן צו דער טיר, נישט געקוקט אויף די קלעפּ וואָס זענען געפאַלן אויפן קאָפּ. איצט איז מיין ריי געווען זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ ווילדער חיה. מיט אַ ברוטאַלן כוח האָב איך זיך דערנענטערט צום קעסל און באַקומען אַ שאַלקע מיט שוואַרצע קאָפע.

קודם כל האָב איך אָפגעטרונקען אַביסל און דאַן — געבראַכט אַלץ דעם פאָטער.

קיינמאָל וועל איך נישט פאַרגעסן די טרויעריק־דאַנקבאַרע אויגן פון מיין פאָטער בשעת ער האָט געטרונקען דעם וואַרעמען קאַפע.

מיט אַ ביסל שוואַרץ וואַרעם וואַסער האָב איך אים מער הנאה און נחת־רוח פאַרשאַפט, ווי אין מיין גאַנצן לעבן.

ערשט איצט האָב איך דערזען ווי אָפגעשוואַכט ער איז געווען. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן האַרטן הילצערנעם געלעגער און זיינע ליפן זענען געווען ווייס און טרוקן, ווי קאַלך. דער גאַנצער גוף זיינער האָט זיך געוואָרפן אין קאָנוווּלסיעס. איך האָב געוואָלט בלייבן נעבן אים, אָבער דאַן איז געקומען דער באַפעל: צו פאַרלאָזן דעם בלאָק! מ׳מוז אים אין אָרדענונג ברענגען, אים אויסרייניקן...

די קראַנקע האָבן געמעגט בלייבן אויף זייערע געלעגערס. דער פאָטער — אויך. און היות אין דרויסן איז געווען נאַס און קאַלט, האָב איך געדאַנקט גאָט, וואָס דער פאָטער איז געבליבן אינעווייניק.

פינף שעה זענען מיר געבליבן אין דרויסן. ווען די קעלט איז געוואָרן אומדערטרעגלעך האָט מען געפרוווט מיט געוואַלד זיך אַריינקריגן צוריק אין בלאָק. זענען געשטאַנען ביי דער טיר שטובנדינסטן און זיי — זיי האָבן געשלאָגן. קודם האָבן די קלעפ געהאָלפן און געשאַפן אַ לידיקן שטח פאַר דער טיר, אָבער שפעטער האָבן אַ סך נישט וויסנדיק זיך געמאַכט און דווקא געוואָלט צוריק אַריינגיין אין בלאָק. זענען די שומרים געפאַלן אויף אַן אָריגינעלער המצאה. זיי האָבן געבראַכט לאַנגע קישנס (וועלכע ווערן באַנוצט דורך פייער־לעשערס) און אונדז באַשפריצט מיט וואַסער. באַלד האָבן אייז־פלעקן זיך באַוויזן אויף די מלבושים פון העפטלינגען. און אָפטמאָל — אויף זייערע קערפערס.

ווען מען האָט געעפנט די טויערן פון בלאָק בין איך גלייך צוגעלאָפן צום פאָטער:

— האָסט געגעסן, טאַטע?

אין צווישן האָט מען אונדז פאַרטיילט זופ.

— ניין.

— פאַרוואָס?

— מ׳האָט אונדז נישט געגעבן. שטובנדינסטן האָבן דערקלערט, אַז מיר אַלע, די קראַנקע, גייען שטאַרבן, איז אַ שאָד די זופ...

האָב איך דערלאַנגט דעם פאָטער אַ האַלבע שיסל זופ.

אָבער — ווידעראַמאָל: ס׳איז מיר מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז איך גיב זי נישט מיטן גאַנצן האַרצן!

עפעס בין איך אין כעס געווען אויף זיך אַליין, אויף אים, אויפן פאָטער, וואָס ער קען נישט באַזאָרגן פאַר זיך אַליין זיין שיסל זופ, נאָר מוז עסן מיינע!

אויך איך בין נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון!

פסיכאָלאָגיש — אויב נישט פאַקטיש — האָב איך פאַרלאָזט מיין פאָטער.

און די דאָזיקע מחשבה בושעוועט נאָך אַלץ אין מיינע חלומות און פאַרוואַנדלט מיינע טעג אין נעכט פון חשבון־הנפש.

דער פאָטער איז פון טאָג צו טאָג שוואַכער געוואָרן, קראַנקער געוואָרן. זיין פנים האָט באַקומען די פאַרב פון געלע האַרבסט־בלעטער וועלכע וואַלגערן זיך, אַן אַ ציל, אויף פרעמדע, נאַקעטע פעלדער. זיין בליק איז געוואָרן כאַאָטיש, פאַרנעפלט.

אויפן דריטן — אָדער פערטן — טאָג נאָך אונדזער אָנקומען אין בוכענוואַלד האָט מען אונדז געפירט אין באָד אַריין. יעדער האָט געמוזט גיין. אַפילו די קראַנקע. נאָר — זיי האָט מען געלאָזט צום סוף.

ווען איך בין געגאַנגען איז ער נאָך געלעגן אין בעט.

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל צוריקקומען אַזוי שנעל ווי ס׳וועט נאָר זיין מעגלעך. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפ: גוט. ער וועט צו וואַרטן ביז איך וועל קומען.

בשעת איך בין געווען אינעווייניק אין באָד, האָט מען גערייניקט דעם בלאָק אונדזערן און אַרויסגעטריבן אַלע קראַנקע. דעם פאָטער אויך. און מ׳האָט זיי גענומען אין באָד־זאַל.

צוריקקומענדיק, האָבן מיר אַלע געדאַרפט וואַרטן אַ שעה אָדער צוויי פאַרן בלאָק, ביז דאָס רייניקן וועט פאַרענדיקט ווערן.

מיין קראַנקער פוס, אַז וועלכן איך האָב פאַרגעסן במשך דער גאַנצער נסיעה, האָט פונדאָסניי אָנגעהויבן וויי טאָן און בלוטיקן.

דער גאַנצער קערפּער האָט זיך אָנגעצינדן און געוואָרן איין גרויסער ווייטיק.

איך האָב נישט געקענט שטיין אויף איין אָרט. געמוזט לויפן אַהער און אַהין, ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה, וועלכע מיינט, אַז פיזישע לײַדן זענען פאַרבונדן מיטן אָרט, ווו זי שטייט.

פּלוצים האָב איך דערזען אַ מאָדנע געשטאַלט, וואָס האָט זיך דער־נענטערט צו מיר.

נישט קיין לעבעדיקע געשטאַלט איז עס געווען.

גלייך אַ טויטער וואָלט פון זיין קבר אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט גיין איבער הייזער און קברים, זוכן אַ נשמה, זוכן אַ תיקון.

— פּאָטער! — האָב איך אויסגעשריגן.

יאָ, עס איז געווען, דער פּאָטער.

פייערדיקע שפּיזן האָבן געריסן שטיקער פלייש פון מיין גוף. דאָס האַרץ האָט געהאַלטן אין פּלאַצן. ער האָט זיך געענדערט, אַזוי געענדערט, מיין פּאָטער! ממש נישט צו דערקענען אים! און זיינע אויגן... ניין, דאָס זענען שוין נישט געווען מער זיינע אויגן... עפּעס אַזאַ אומנאַרמאַלן בליק האָבן זיי געשיקט אין דער וועלט אַריין!

ער האָט מיך דערקענט, אָבער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט ווען איך האָב אים גערופן. ער האָט געוואָלט לויפן ווייטער, אַנטלויפן ערגעץ־ווו...

איך האָב געשריגן: „פּאָטער! ווו לויפסטו?" און ער האָט מיך אָנגעקוקט און — איז ווייטער געלאָפן, גלייך ער וואָלט פּלוצים באַשלאָסן נאָכצולויפן זיין אייגענעם שאָטן, נאָך זיין אייגענעם בליק.

אַ געדאַנק האָט זיך איינגעשניטן אין מוח: ער איז אפשר אַראָפּ פון זינען!

ער האָט בלויז געעפנט זיין אייגן גסיסה־קאַפּיטל און געוואָלט אַנט־לויפן פון אים. געוואָלט דערגיין דעם סוד פון לעבן, דעם סוד פון אָנהייב און סוף.

איז ער געלאָפן צווישן מענטשן און געזוכט זיך אַליין.

און איך בין נאָכגעלאָפן נאָך אים.

אָנגעהויבן האָט זיך די גסיסה...

***

מיין פּאָטער איז געלעגן אין זיין באַקס, צוזאַמען מיט פינף אַנדערע קראַנקע.

איך בין געזעסן נעבן אים און צו אים גערעדט:

— פּאָטער... האָב נישט קיין מורא. באַלד וועט קומען דער דאָקטאָר, באַלד. וועסט זען. עס וועט נאָך גוט זיין אַמאָל. וועסט גיין אין שפּיטאָל. וועסט געזונט ווערן.

די קלאָרקייט פון זיין פאַרשטאַנד האָט פונדאָסניי אויפגעבליצט אין אים. אָבער — ער איז געוואָרן ווי אַ קליין קינד, וואָס וויל גלויבן יעדן דערוואַקסענעם מענטש, וואָס קען צוזאָגן שיינע הבטחות.

— דער דאָקטאָר? — האָבן זיינע פיבערישע ליפּן געשעפּטשעט, — ווי זע איך אים שוין? זאָל ער שוין קומען! ווי זע איך זיך שוין אין שפּי־טאָל... איך האָב מורא, אַזוי מורא....

ער האָט געליטן פון דיזענטעריע.

— האָב נישט קיין מורא, פּאָטער, איך בלייב נעבן דיר, דו וועסט גיין אין שפּיטאָל. איך בין עס דיר מבטיח. מ'וועט דיך היילן דאָרט. מ'וועט זיך צו דיר גוט באַנעמען. וועסט זען...

מיינע טרייסט־ווערטער האָבן געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף זיין מאָראַל, נאָר — טײַלמאָל פּלעגט ער רעוואָלטירן און אויסרופן:

— אוי, איך וויל שוין גאָרנישט! איך בעט שוין גאָרנישט! — נאָר מ'זאָל מיך לאָזן ליגן. ליגן דאָ אויפן בעטל. איך בין אַזוי צעבראָכן .אַזוי מיד. אַפילו צו גיין אין שפּיטאָל, האָב איך נישט קיין כוח. איך וועל צוזאַ־מענפאַלן אינמיטן וועג...

זיין שטים האָט אַרויסגערופן טרערן אין זיינע אויגן. איך פּלעג אים ענטפערן:

— מ'וועט דיך טראָגן אין שפּיטאָל. אויף אַ טראָג־בעטל. זאָרג זיך נישט, פּאָטער.

איינמאָל האָט ער זייער געליטן פון זיין בויך־ווייטיק. אַ נאָכמיטאָג איז עס געווען. ער האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבן פון געלעגער און גע־בליבן האַלב־זיצנדיק. ער האָט מיך געבעטן זיך צובייגן נענטער צו אים.

ער וויל מיר עפּעס זאָגן. האָב איך צוגעלייגט מיין אויער צו זיין קאַלט מויל:

— אליעזר... איך וויל דיר זאָגן ווו עס געפינט זיך דאָס גאָלד, דאָס געלט, וואָס איך האָב באַגראָבן אין קעלער, איידער מיר האָבן פאַרלאָזט די היים...

און ער האָט אָנגעהויבן רעדן שנעל, גלייך ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט נישט באַוויזן צו זאָגן אַלץ וואָס ער האָט אויפן האַרצן.

זיין געדאַנק האָט מיך אויפגעטרייסלט.

— ניין, טאַטע! — האָב איך געענטפערט. — איך וויל נישט הערן וועגן דעם! איך וויל נישט וויסן! דו וועסט געזונט ווערן און מיר וועלן ביידע אַהיימפאָרן...

דאָ האָט ער נאָך געפונען אַ ביסל כוח זיך צו דערבייזערן:

— זאָג נישט ניין! דאַרפסט פאָלגן דיין טאַטן! הער וואָס איך וויל דיר זאָגן...

אָבער ער האָט נישט פאַרענדיקט זיינע רייד. פון צופיל מי, פון צופיל אָנשטרענגונג, האָט אַ פאָס בלוט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן און מער האָט ער נישט אַרויסגערעדט אַ וואָרט.

פאַר אַ שטיקל ברויט, איז מיר געלונגען צו טוישן ערטער מיט איינעם וואָס איז געלעגן אין זעלבן באָקס פון פאָטער — נאָר, מיט איין שטאָק העכער.

איך האָב געוואָלט זיין נאָענט צו אים.

נאָכמיטאָג איז געקומען דער דאָקטאָר אין בלאָק אַריין. איך בין צוגעלאָפן צו אים און געזאָגט, אַז מיין פאָטער איז קראַנק.

— ברענג אים אַהער! — האָט דער דאָקטאָר באַפוילן.

— ער קען זיך נישט רירן פון אָרט! — האָב איך געענטפערט מיט פאַרצווייפלונג.

— דאָס גייט מיך נישט אָן, — איז געווען דעם דאָקטאָרס תשובה.

בלית־ברירה, בין איך צוריקגעלאָפן צום פאָטער, אים געהאָלפן אַרויסקריכן פון באָקס און אים געפירט צום דאָקטאָר.

דאָס גיין איז אָנגעקומען שווער דעם פאָטער און — מיר אויך. איך האָב אים געדאַרפט פירן, ווי אַ קליין קינד. און כאָטש ער האָט געוויגן

נישט מער ווי דרייסיק קילאָ, איז יעדער שפּאַן זיינער, אונדז אָנגעקומען שווער און אומגעהויער פיינלעך.

דער דאָקטאָר האָט אַ קוק געטון אויף אונדז און בייז אַ פרעג געגעבן דעם פאָטער:

— וואָס ווילסטו?

איך האָב געענטפערט:

— מיין פאָטער איז קראַנק... ער קען אויף די פיס נישט שטיין. דיזענטעריע...

— דיזענטעריע? — האָט דער דאָקטאָר — אַ ייִדישער — אָפּגעענטפערט. דאָס איז נישט מיין עסק. איך בין אַ כירורג. גיי. פאַרשווינד! מאַך פּלאַץ פאַר די וואָס שטייען הינטער דיר...

איך האָב געוואָלט שרייען, פּראָטעסטירן, געוואַלדעווען, אָבער — שוין האָט מען אונדז, דעם טאַטן און מיך, אַוועקגעשטופּט אָן אַ זייט.

דער פאָטער האָט זיך צעשמייכלט מיטן שמייכל פון אַ פּעסימיסט, וועמענס נבואות ווערן תמיד מקוים:

— זעסט? איך האָב דיר געזאָגט...

איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט דערמיט צו זאָגן, אָבער איך האָב געענטפערט:

— ס'מאַכט נישט אויס, טאַטע. באַלד וועט אָנקומען אַן אַנדערער דאָקטאָר. מיר וועלן זיך ווענדן צו אים...

— איך טויג מער נישט צו גיין אָדער שטיין, — האָט דער פאָטער מיך געבעטן. — פיר מיך צוריק אין באָקס אַריין!

האָב איך אים צוליב געטון, אים צוריקגעפירט צום באָקס און אים געהאָלפן זיך אויסציִען די ביינער.

פון מינוט צו מינוט איז ער געוואָרן מער הילפלאָז, מער קינדעריש.

צייטנווייז האָט ער געכאַפּט מיין האַנט און זי גענומען קושן. זיין מויל איז געוואָרן פייערדיק. דער שטערן זיינער האָט זיך צעפלאַמט און ער האָט נישט אויפגעהערט קושן מיין האַנט. האָב איך געבעטן אויף זיך אַליין דעם טויט. בעסער שטאַרבן, איידער בייוווינען אַזאַ גסיסה.

— פּרוּוו שלאָפן, טאַטע. פּרוּוו שלאָפן, — האָב איך אים געבעטן.

זיין אָטעם איז געוואָרן שווערער, געדיכטער, הייזעריקער.

ער האָט געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן, אָבער איך בין געווען אי־בערצייגט, אַז ער זעט אַלץ. אַלץ! דעם גאַנצן אמת. וואָלט ער געקענט רעדן, וואָלט ער געוויס געהאַט וואָס צו זאָגן וועגן לעבן און אומשטערב־לעכקייט, וועגן גוטן און שלעכטן פון מענטשן, וועגן הימל און גאָט. אַ פאַרלוירן שמייכעלע האָט געטאַנצט אַרום זיינע צעהיצטע ליפּן. פון זיינע אויגן האָבן טרערן זיך געפּערלט.

ווען דער אַנדערער דאָקטאָר, נאָכן כירורג, איז אָנגעקומען אין בלאָק, האָב איך אויפגעוועקט דעם פאָטער:

— קום, טאַטע... לאָמיר פּרווון נאָכאַמאָל...

כאָטש אין האַרצן האָב איך געפילט, אַז ס׳איז נישטאָ מער קיין האָ־פענונג. אַז אַלץ איז פאַרלוירן. אַז דער פאָטער געפינט זיך שוין צו ווייט. פון דאָרט ווו ער איז — קומט מען נישט צוריק.

— קום, טאַטע... לאָמיר פּרווון אַ צווייט מאָל, — האָב איך זיך געבעטן ביי אים.

— נאָכאַמאָל? — האָט ער געענטפערט. — איך האָב נישט קיין כוח, מיין קינד... נישטאָ קיין כוח, מיין קינד...

איך האָב געוווּסט, אַז ער האָט נישט קיין כוח, איך האָב געוווּסט, אַז דאָס גיין איז אַ שאָד, פונדעסטוועגן האָב איך געוואָלט פּרווון די לעצטע קאָרט.

איך האָב אים געהאָלפן אויפהייבן זיך, אויפשטיין און אַ האַלבע שעה האָט געדויערט ביז מיר האָבן זיך דערשלעפּט צום דאָקטאָר.

האָב איך אַראָפּגעצויגן דאָס העמד פון טאַטן און געמיינט, אַז דער ראָקטאָר וועט אים באַהאַנדלען.

אַ טעות געהאַט.

ער האָט אַפילו נישט גוט אָנגעקוקט.

— וואָס פעלט דיר, אַלטער — האָט ער קאַלט־איראָניש אַ פרעג געטון.

דער פאָטער האָט נישט געענטפערט. וואָס האָט ער געזאָלט ענט־פערן? וואָס עס פעלט אים? וואָס ווייסט ער וואָס עס פעלט אים? ער קען אַליין נישט דעם מיין — און אפשר אַפילו נישט די פאָרעם — פון זיין קראַנקייט.

איך האָב צוריקגעבראַכט דעם פאָטער צו זיין באָקס.

דער דאָקטאָר האָט געפּסקנט: דער טאַטע איז נישט קראַנק. עס פעלט אים גאָרנישט. ער איז בלויז פויל. פויל איז ער, מיין פאָטער. ער וויל בלייבן אין בעט און נישט אַרויסגיין בשעת מ׳רוימט דעם בלאָק...

אַ ווילדער צאָרן האָט אין מיר זיך צעפלאַקערט. אין יענעם מאָ־מענט, וואָלט איך די גאַנצע וועלט אונטערגעצינדן! וואָלט איך געהאַט אין זיך גענוג מוט און גענוג כוח — וואָלט איך זיך געוואָרפן אויף אים, אויפן דאָקטאָר און אים דערוואָרגן, ממש דערוואָרגן! וואָס?! מיין פאָטער איז נישט קראַנק?! הלוואי וואָלט ער אַזוי געזונט געווען, ווי קראַנק ער איז...

פירנדיק דעם טאַטן צום באָקס, האָב איך געפילט, אַז איך טראָג נעבן מיר און אין מיר, דעם טיפסטן ווייטיק, דעם ברענענדיקסטן צאָרן, וואָס די וועלט האָט פאַרמאָגט זייט איר באַשאַף.

ער, דער פאָטער, האָט בלויז געשמייכלט צו זיך אַליין, ווי אײנער זאָגט: אויך דאָס איבעראַשט מיך נישט.

דאַן איז ער זיך געלעגן אין באָקס און איך האָב באַשיינפּערלעך געזען, ווי די נעגל פון טויט גריבלען זיך איין טיפער און שאַרפער אין זיין אָמאָליקן פנים.

***

איניקע שעה דערנאָך.

איך בין צוריקגעקומען פון ברויט־פאַרטיילן. איך האָב געפונען מיין פאָטער — וויינענדיק ווי אַן אומבאַהאָלפן קינד, ווען מען די גאָרע וועלט האָסט און באַליידיקט.

— מיין קינד, זיי שלאָגן מיך! — האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר מיר.

— ווער?! — האָב איך אויסגערופן יאושדיק, ווער שלאָגט דיך?

— זיי, דאָ... דער פראַנצויז... דער פּאָליאַק... זיי האָבן מיר געשלאָגן! נאָך אַ ריס אין האַרצן, נאָך אַן אָפענע טיר, דורך וועלכער דער צער און דער צאָרן וועלן אַריינקומען אויף אייביק.

— מיין קינד, איך בעט דיך... זאָג זיי, זאָלן זיי מיך מער נישט

שלאגן! וואס האב איך זיי דען געטון? וואס ווילן זיי פון מיר? פארוואס שלאגן זיי מיך?

איך האב זיך אויסגעקריגט מיט זייגע באקס־שכנים. אנגעזידלט זיי. געזאגט, אז מ'טאר נישט הייבן קיין האנט אויף א שוואכן מאן, אויף א קראנקן. געפרעגט זיי וואס זיי וואלטן געזאגט, אויב מ'וואלט זיי געשלאגן. דאן — זעענדיק אז מיינע רייד רופן ביי זיי ארויס געלעכטער, האב איך זיך געבעטן רחמים, געוויינט פאר זיי, צוגעזאגט ברויט און זופ, נאר זיי זאלן אים צורו לאזן, מיין אלטן קראנקן פאטער.

עס האט גארנישט געהאלפן.

זיי האבן געטענהט, אז ער ליידט אויף דיזענטעריע און היות ער איז צו שוואך צו גיין אין בית־הכסא, קען מען נישט איינליגן נעבן אים.

דער פאטער ווידער האט געשריגן און געוויינט, אז ס'איז נישט זיין שולד, אז ער איז קראנק און ער האט מיך גענומען פאר אן עדות:

— אמת, אז איך בין קראנק, מיין זון? דו ווייסט דאך דעם אמת... דו ווייסט דאך, אז איך קען נישט — איך קען נישט — אויפשטיין פון בעט... פארוואס זשע שלאגן זיי מיך אזוי אכזריותדיק?

א שרעקלעכע פארביטערונג האט מיך באהערשט.

נאך קיינמאל אזוי פארביטערט, אזוי פארצווייפלט נישט געווען.

דער יאוש איז ארויסגעוואקסן פון מיין פולקאמער מאכטלאזיקייט, פון מיין אבסאלוטער אומבאהאלפנקייט. איך האב פארשטאנען, אז די סטרונע האלט ביים פלאצן, אז איך קען גארנישט טון קעגן דעם. מיין פאטער גייט שטארבן און איך בין שוואכער פון זיין טויט, שוואכער פון זיינע רשעותדיקע שכנים.

אן אנדער מאל האט ער זיך באקלאגט, אז דער פראנצויז מיטן פאליאק האבן ביי אים דאס ברויט צוגענומען.

— וואס הייסט צוגענומען? — האב איך געפרעגט, — צי ביסטו געשלאפן און זיי האבן עס פון דיר אוועקגעגנבעט?

— ניין, — האט זיין שטים געוויינט, — איך בין נישט געשלאפן און זיי האבן עס נישט צוגעגנבעט. זיי האבן עס צוגענומען מיט כוח, סתם אזוי. וואס האב איך געקענט טון? זיך אקעגנשטעלן? זיי האבן דאס ברויט פון די הענט מיר ארויסגעריסן און דאן... מיך געשלאגן נאך אמאל.

ליידנדע, קראנקע מענטשן קענען זיין די ערגסטע סאדיסטן. זיי מיינען, אז פארשאפנדיק ווייטיק אנדערע — וועט זיי אליין ווייניקער וויי טון.

מיין פאטערס שכנים האבן אליין גענוג געליטן.

אויך זיי זענען געלעגן אויפן טויטן־בעט אין בוכנוואלד.

און טאקע דערפאר האבן זיי זיך באצויגן מיט אזא אכזריות, מיט אזויפיל אוממענטשלעכקייט צו מיין פאטער.

איך בין געווען אומגליקלעך צוליב צוויי סיבות: קודם־כל ווייל מ'שלאגט מיין פאטער. דערנאך — ווייל מ'האט צוגעגנבעט זיין ברויט. אונטערבאוווסטזיניק האב איך געהאפט, אז היות ער וועט עס נישט קענען אויפעסן — וועל איך פון אים געניסן.

דער דאקטאר האט נאך אלץ געטענהט, אז דער טאטע איז געזונט און — פויל.

היות ער האט געליטן אויף דיזענטעריע, מיין פאטער, האט ער נישט געטארט טרינקען קיין וואסער.

האט אים אבער געדורשט.

— אביסל וואסער, מיין זון, האבן זיינע ליפן געשעפטשעט אן אויפהער.

און געבעטן האט ער דאס מיט אזויפיל צארטקייט און נעבעכדיקייט, אז איך האב נישט געקענט אפזאגן, כאטש איך האב געוווסט, אז וואסער באדייט פאר אים — סם.

אבער דאן איז שוין סיי ווי סיי אלץ איינס געווען. מיט וואסער, אן וואסער — דער סוף איז געווען צו־נאענט.

— אביסל וואסער, מיין קינד... איך האב דורשט... ס'ברענט מיר אין האלדז... האב רחמנות... האב כאטש דו רחמנות אויף מיר....

רחמנות האבן אויף אים!

איך — זיין איינציקער זון!

***

אויפן זיבעטן אדער אכטן טאג פון אונדזער זיין אין בוכנוואלד איז צוגעקומען צו מיר דער באקס־עלטסטער, וועלכער פלעגט פארטיילן ברויט פארן גאנצן באקס.

— דער אַלטער קראַנקער אין דער אונטערשטער באָקס איז דיין פאָטער? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ.

— ער איז זייער קראַנק„ — האָט ער געזאָגט, דער באָקס־עלטסטער.

— איך ווייס, — האָב איך געענטפערט מיט ביטערקייט. אָבער דער דאָקטאָר וויל פון דעם נישט וויסן.

דער באָקס־עלטסטער האָט מיר געקוקט גלייך אין די אויגן:

— אים וועט דער דאָקטאָר מער נישט העלפן. — דו — אויך נישט.

— וואָס הייסט? האָב — איך געפרעגט און אַ ציטער איז מיר אַדורכגעלאָפן דורכן גאַנצן קערפּער.

דער באָקס־עלטסטער האָט געלייגט זיין שמוציקע האַנט אויף מיין אַקסל און מיר אויפגעקלערט מיט אַ זאַכלעכן טאָן:

— הער זיך צו, קליינער, פאַרגעס נישט אַז דו ביסט אין קאַצעט. דאָ מוז יעדער קעמפן פאַר זיין אייגן לעבן און נישט טראַכטן וועגן אַנדערע. אַפילו נישט וועגן אַ טאַטע. דאָ איז נישטאָ קיין טאַטע, קיין ברודער, קיין קרוב. דאָ לעבט — אָדער שטאַרבט — יעדער פאַר זיך אַליין. בכן, ראָט איך דיך: גיב מער נישט אַוועק דיין עסן פאַר דיין אַלטן פאָטער. אים וועסטו נישט העלפן און דיך — וועסטו אַוועקלייגן. פאַרקערט: זיין עסן, וואָלסטו געדאַרפט באַקומען...

איך האָב אים אויסגעהערט ביזן סוף. זיינע ווערטער האָבן זיך איינגעקריצט אין מוח. איך האָב אַפילו נישט פּראָטעסטירט קעגן זיין מוראדיקער לאָגיק. אַ באַהאַלטענע שטים אין מיר האָט געטענהט: ער איז גערעכט, דער בלאָק־עלטעסטער. דעם טאַטן קען מען מער נישט העלפן. קיינער נישט. צו שפּעט. ווי גוט וואָלט געווען, ווען איך וואָלט באַקומען יעדן טאָג צוויי פּאָרציעס ברויט אנשטאט איינער, צוויי שיסלען זופּ אַנשטאט איינער...

אָבער סעקונדן דערנאָך האָב איך פונדאָסניי פאַרטריבן די אָ, מחשבה פון מוח און היות איך האָב זיך געפילט שולדיק צוליב דער עצם־מחשבה בין איך געלאָפן ברענגען אַביסל פון מיין אייגענער זופּ דעם פאָטער.

ער האָט נישט געקענט אַראָפּשלינגען אַפילו אַ לעפל זופּ.

— וואַסער! — האָט ער געבעטן, וואַסער!

— דו טאָרסט נישט טרינקען קיין וואַסער, טאַטע! — האָב איך אים געגעבן צו פאַרשטיין.

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי שלעכט צו מיר, אליעזר? האָב רחמנות! זיי נישט אַזוי שלעכט צו מיר... ברענג אַביסל וואַסער, כאָטש אַביסל...

האָב איך אים געבראַכט וואַסער.

אין זעלבן טאָג, אָונט איז געשען דאָס אומגליק.

דער סוף.

בשעתן אַפּעל, די געזונטע האָבן געדאַרפט שטיין פאַרן בלאָק, כדי געציילט צו ווערן דורך די ס. ס.־מענער. די קראַנקע זענען געבליבן אין זייערע באַקסן. מיין פאָטער און איך זענען געבליבן אַזוי אַרום אינעווייניק. ער — צוליב זיין דיזענטעריע און איך — צוליב מיין פאַרבאַנדאַזשירטן פוס. דער פאָטער איז געלעגן אין אונטערשטן באקס און איך — אין אויבערשטן.

די קראַנקע האָבן געדאַרפט ליגן מיטן קאָפּ אַרויס, כדי מ׳זאָל זיי קענען איבערציילן.

שטובנדינסטן האָבן געציילט אונדז, אייניקע מאָל און געוואַרט אויפן ס. ס.־מאַן וואָס האָט געדאַרפט קומען קאָנטראָלירן דעם אַפּעל.

בעת ער איז אַריינגעקומען האָט געדאַרפט הערשן אַן אַבסאָלוטע רויִקייט, אַ פולקאָמע שטילקייט אין בלאָק.

אויך דעמאָלט, אין יענעם אָונט איז געווען רויִק, טויט־רויִק אין בלאָק, ווען דער ס. ס.־מאַן איז דערשינען.

בלויז איינער, אַ קראַנקער האָט געשטערט די שטילקייט: מיין פאָטער!

אינמיטן ציילן, איז אַ שטים צו מיר דערגאַנגען, אַ תפילה אַ רחמים־געבעט:

— אליעזר! קום! לאָז מיך נישט אַליין! קו־ו־ו־ם!!!

דער בלאָק־עלטסטער האָט זיך אַרומגעקוקט כדי צו דערקענען די שטים און ווען ער האָט געפונען פון ווו זי קומט, האָט ער בייז זיך צעשריגן:

— העי, אַלטער! צי ווילסטו דאָרט שווייגן?

מיין פֿאָטער האָט גאָרנישט און קיינעם — אויסער זיינע אינערלעכע שטימען — נישט געהערט. ער האָט ווידער גערופֿן:

— אליעזר, מיין זון! קום... איך וויל דיר עפּעס זאָגן... נאָר דיר... וויל איך עפּעס זאָגן... קו־ו־ם! לאָז מיך נישט אַ־ליין... א־לי־ע־זר...

איך האָב געהערט זיין שטים, באַגריפֿן די ווערטער און זייער אינהאַלט, פֿאַרשטאַנען די טראַגעדיע פֿון מאָמענט און — בין געבליבן אויף מיין אָרט.

זיין לעצטע בקשה פֿון לעבן — צו האָבן מיך נעבן זיך בשעת גסיסה, בשעת די נשמה גייט פֿאַרלאָזן זיין אָפּגעפּלאָגטן גוף — האָב איך נישט דערפֿילט.

צוליב פּחדנות!

איך האָב מורא געהאַט. מורא געהאַט צו באַקומען געשלאָגן.

דעריבער בין איך געבליבן טויב צו זיין געוויין.

אַנשטאָט מקריב צו זיין דאָס שמוציקע פֿאַרפֿוילטע לעבן און אַראָפּגיין צו אים, אָננעמען זיין האַנט, אים באַרויִקן, אים ווייזן, אַז ער איז נישט אַליין, נישט איינזאַם, אַז איך בין נעבן אים, אַז איך פֿיל זיין צער — אַנשטאָט דעם בין איך געבליבן ליגן אויף מיין אָרט און געבעטן גאָט, ער זאָל אויפֿהערן צו רופֿן מיין נאָמען, אויפֿהערן צו שרייען, כּדי נישט ווערן געשלאָגן דורך די בלאָק־משרתים.

אָבער מיין פֿאָטער איז מער נישט געווען ביים באַוווסטזיין.

זיין וויינענדיקע שקיעה־שטים האָט ווייטער אַדורכגעשניטן די שטילקייט און גערופֿן מיך, בלויז מיך אַליין.

דאָ האָט אויך דער ס. ס.־מאַן זיך דערבייזערט. ער איז צוגעקומען צו אים, צום פֿאָטער און מיט אַ שטעקן אים געשלאָגן אין אַרויסגעשטעקטן קאָפּ:

— שטיל זאָל זיין, אַלטער! שווייגן זאָלסטו!

ער האָט נישט געפֿילט די קלעפּ. איך — איך האָב זיי געפֿילט. און פֿונדעסטוועגן האָב איך נישט רעאַגירט. איך בין נישט אַראָפּגעשפּרונגען

פֿון אויבערשטן באָקס. איך האָב געלאָזט דעם ס. ס.־מאַן שלאָגן מיין פֿאָטער. איך האָב געלאָזט מיין אַלטן פֿאָטער גוססן אַליין. נאָכמער: איך בין ווידעראַמאָל בייז געווען אויף אים, אויפֿן פֿאָטער, וואָס ער מאַכט אַזעלכע סצענעס, וואָס ער וויינט בקול, וואָס ער פּראָוואָצירט צו ווערן געשלאָגן...

— אליעזר! א־לי־ע־זר!!! קום, קום! לאָז מיך נישט אַליין...

זיין שטים איז געקומען פֿון אַזוי ווייט, פֿון אַזוי נאָענט! אָבער — איך האָב נישט גערירט זיך פֿון אָרט.

קיינמאָל — קיינמאָל וועל איך זיך עס נישט מוחל זיין.

קיינמאָל וועל איך עס דער וועלט נישט מוחל זיין, וואָס זי האָט מיך געבראַכט דערצו, וואָס זי האָט געמאַכט פֿון מיר אַן אַנדערן מענטש, וואָס זי האָט אויפֿגעוועקט אין מיר דעם שטן, דעם נידעריקסטן יצר־הרע, די ווילדסטע אינסטינקטן.

נאָכן אָפּעל, בין איך גלייך אַראָפּגעשפּרונגען פֿון אויבערשטן באָקס און צוגעלאָפֿן צו אים. ער האָט נאָך געאָטעמט. אָבער — געשוויגן.

מיט פֿאַרמאַכטע, פֿאַרהאַמערטע אויגן איז ער געלעגן. אין שווייס האָט ער זיך געבאָדן. די ליפּן האָבן זיך באַוויגן. איך בין געווען זיכער, אַז זיי מורמלען עפּעס. האָב איך זיך צוגעבויגן און געוואָלט באַנעמען די נישט אַרויסגעזאָגטע ווערטער זיינע. די לעצטע ווערטער!

צו שפּעט.

מיין פֿאָטער האָט מיך מער נישט דערקענט.

אַ פּאָר שעה בין איך געבליבן נעבן אים און זיך גוט גוט איינגעקוקט אין זיין פּנים, עס טיף איינגעקריצט אין האַרצן, כּדי זיך תּמיד צו דערמאָנען אָן אים, ווען פֿרייד־כוואַליעס וועלן שפּעטער, אפֿשר, פּרוּוון מיך פֿאַרשלעפּן פֿון עבֿר.

דאַן האָט מען מיך געטריבן גיין ליגן שלאָפֿן.

בין איך אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן אויבערשטן באָקס און נישט געוווּסט, אַז צומאָרגנס, אַראָפּקומענדיק, וועל איך מער מיין פֿאָטער נישט געפֿינען.

געווען איז דאָס אין י״ח בשבט תש״ה.

***

י״ט בשבט. אין דער פרי.

איך בין אויפגעשטאַנען און אַראָפּגעלאָפן צו מיין פאָטער. אויף זיין אָרט איז אַן אַנדערער קראַנקער געלעגן.

נישט געהאַט מער קיין טאַטן.

אַ יתום געבליבן.

גאַנץ פרי, נאָך נאַכט געווען, האָט מען אים אַוועקגעפירט. אין קרעמאַטאָריום. אפשר האָט ער נאָך געאָטעמט...

נישט געווען קיין מנין קדיש צו זאָגן. נישט געווען קיין קבר אַ ליכטל אויף אים אָנצוצינדן. גאָרנישט איז געווען — זיין קבר — דער הימל. דאָס ליכטל — איך, זיין זון. מיין קדיש איז געווען — און וועט זיין — אַלע ווערטער וואָס איך וועל זאָגן, וואָס איך וועל הערן.

אַ יתום.

זיין לעצט וואָרט איז געווען: מיין נאָמען. אַ רוף. און איך האָב נישט געענטפערט.

י״ח בשבט.

ווען אַ ליכט פאַרלעשט זיך בלייבט דאָס ליכט און בלויז דער פלאַם פאַרשווינדט.

י״ח בשבט האָט אַ ליכט זיך פאַרלאָשן און סיי דער פלאַם, סיי דאָס ליכט זענען פאַרגאַנגען.

אָבער איך האָב נישט געוויינט און דאָס האָט מיר צום מייסטן וויי־געטון: דאָס נישט קענען וויינען. דאָס האַרץ האָט זיך פאַרשטיינערט. דער קוואַל פון טרערן — פאַרטרוקנט. איך האָב אַפילו קיין אמתן צער נישט געפילט. פאַרקערט: וואָלט איך דעמאָלט גענישטערט אין די טיפסטע טיפענישן פון מיין נשמה, וואָלט איך מסתמא געפונען דאָרט אַ טייוולאַנישן און מוראדיקן פונק פון צופרידנקייט...

קאַפּיטל אַכט

דער סוף און דער אנהייב

דריי חדשים בין איך נאָך געבליבן אין בוכענוואַלד. געגויער: ביזן 11טן אַפּריל, דעם טאָג פון באַפרייונג.

איך וועל נישט באַשרייבן די תקופה — די לעצטע תקופה — פון מיין לאַגער לעבן.

זי איז געווען אַלץ, אָבער נישט אינטערעסאַנט און אַוודאי נישט קיין טעמע פאַר ליטעראַרישע באַשרייבונגען.

איך בין געוואָרן אַפּאַטיש צו אַלץ און צו אַלעמען. גאָרנישט האָט מיך איבערגעראַשט און גאָרנישט האָט מיך גערירט.

מ׳האָט מיך איבערגעפירט אין קינדער־בלאָק נומ׳ 66 וווּ בערך 600 קינדער האָבן זיך געפונען.

בין איך געווען איינער צווישן זיי. אַנאָנים, אומבאַקאַנט. מיינע צוויי פריינט, סיגעטער ייִנגלעך: ערווין פאַרקאַש און אַנטשי מייזנער.

אין לאַגער זענען פאַרגעקומען געשעענישן. מענטשן זענען געקומען, מענטשן זענען פאַרשוווּנדן. מיך האָט אַלץ נישט אינטערעסירט.

דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט און אין לאַגער האָט מען צוגעגרייט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין פאַל, ווען די דייטשן וועלן פרווון ליקווידירן דעם לאַגער, פינף מינוט פאַר צוועלף — אָבער, איך האָב וועגן דעם אַלעמען קיין אַנונג נישט געהאַט.

איך האָב גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט.

ווי אַ לבנה־קריכער פּלעג איך אַרומבלאָנקען גאַנצע טעג אין בלאָק — און ווען ס׳איז מעגלעך געווען אויך אויסערן בלאָק — און חלומען בלויז איין־איינציקן חלום: עסן.

וועגן פּאָטער האָב איך נישט געטראַכט.

וועגן דער מאַמע אויך נישט.

איך בין נישט מסוגל געווען צו טראַכטן וועגן וועמען ס׳זאָל נישט זיין. אַפילו וועגן זיך אַליין — אויך נישט.

פון אַ קינד בין איך אַ זקן געוואָרן.

אַ זקן: קוהלת־געפילן און איוב־מחשבות.

פאַרשטיינערט האָט זיך דאָס האַרץ. אָפּגעטון האָט זיך דאָס פליש, דאָס בלוט פון מיר. אַ שטיין בין איך געוואָרן. אַ האַרטער, קאַלטער שטיין. אַ מצבה.

אַ מצבה. נאָך וועמען? נאָכן פאָטער? נאָך דער מוטער? נאָך מיר אַליין? נאָך מיינע קינדערישע אילוזיעס? נאָך מיינע רעליגיעזע האָפענונגען. אפשר נאָך אַלע צוזאַמען.

אָפּט פלעג איך חלומען, ווי געזאָגט. יאָ, וועגן אַ שיסל זופּ — אָדער ווי מ׳פלעגט עס רופן: נאַכשלאַג.

חלומות וועגן אמת, וועגן פרייהייט זענען דעם מענטשנס פאַלשע חלומות.

נבואות וועגן גערעכטיקייט און גלייכקייט זענען דעם מענטשנס פאַלשע נבואות.

דער מענטש איז: די שטרעבונג צום ברויט, צום פליש; דער מענטש איז: די שטרעבונג צו באַפרידיקן זיין אינסטינקט.

דורכאויס אינסטינקט איז דער מענטש. דורכאויס פליש. און נישט האַרץ. און נישט גייסט. און נישט מאָראַל.

דאָס האָב איך געלערנט אין בוכנוואַלד. און דאָס וואָס מ׳לערנט אין אַזעלכע באַדינגונגען איז בלי שום ספק אמת, דער ריינסטער אמת. ווייל דעם מענטש קען מען דערקענען נאָר אין עקסטרעמע באַדינגונגען, בשעת ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך אַלע מאַסקעס, סאָציאַלע און פסיכאָלאָגישע און דערשיינט פאַר אונדז נאַקעט, ווי ער איז אין דער אמתן.

אין בוכנוואַלד האָב איך דערזען דעם אמתן פּרצוף פון מענטש. דעם

פּרצוף פון אַ מענטשלעכער חיה, וואָס איז ערגער פון אַן אמתער חיה.

אוי גאָט, ווי איז דיר, ווי איז דעם מענטש, ווי נישטיק און קליינלעך דאַרפסטו זיין, אויב דער בן־אדם איז לויט דיין בילד באַשאַפן!

גאָט...

איך האָב אויפגעהערט צו גלויבן אין זיין עקזיסטענץ. אָבער — צוזאַמען מיט דעם, האָב איך ווייטער געגלויבט אין זיין שלעכטקייט.

טיילמאָל פלעגט זיך אַ פּראָטעסט־רוף אַרויסרייסן פון דער ברוסט צום כסא־הכבוד און דאַן פלעג איך אים פרעגן:

— גאָט, אַלמעכטיקער גאָט! פאַרוואָס באַווייזטו דיין כוח, דיין עקזיסטענץ נאָר דורך אכזריות? פאַרוואָס דערשיינסטו פאַרן מענטש בלויז אין שוואַרצן ליכט, בלויז אין ליידן און אין פּיין? די וועלכע גלויבן אין דיר, זאָגן, אַז דו שטראָפסט דעם מענטש, דערפאַר ליידט ער. אַ קונץ, אַ גרויסע! צו שטראָפן דעם שוואַכן, אָרעמען, אומבאַהאָלפענעם מענטש! לייכט איז צו שטראָפן. שווערער איז צו העלפן. און דו, גאָט, שטראָפסט. האָסט דעם מענטש דיר באַשאַפן, כדי זאָלסט האָבן וועמען צו שטראָפן, וועמען צו פּייניקן. און פון וועמען אָפּצושפּעטן. דו לאַכסט פון זיין פּיין. פון זיין אמונה. לאַכסט! דער הימל דונערט מיט דיין געלעכטער! אָ, גאָט, ווי ווייט ביסטו פון דיין אייגן געשטאַלט אַנטלאָפן...

אַזוי פלעג איך אָפטמאָל זיך אויסטענהן מיט גאָט, אָבער — טיף אין מיר האָב איך געוווסט, אַז דאָס רעד איך נישט צו גאָט, נאָר צו מיר אַליין, צו מיין עבר פון אַ ישיבה־בחור וואָס האָט געלערנט זוהר און געוואָלט ברענגען משיחן.

**
*

דעם 5טן אַפּריל האָט דער ריטם פון דער געשיכטע זיך פאַרשנעלערט. די שרעק־סימפאָניע האָט געשפּילט אירע לעצטע אַקאָרדן. מיר האָבן געהאַלטן פאַר דעם פינאַל.

נאָכמיטאָג, אַרום פינף אַזייגער. מיר זענען געשטאַנען אינמיטן בלאָק און געוואַרט דער ס. ס.־מאַן זאָל קומען אָפּנעמען דעם אַפּעל. ער איז נישט געקומען. אַזאַ זאַך איז נאָך נישט געשען זייט דער אַנטשטייונג פון בוכנוואַלד. האָט מען געפילט: עפּעס גייט געשען!

צוויי שעה דערנאָך האָבן מיר שוין אַלץ געוווּסט. דער ראַדיאָ פון בלאָק האָט איבערגעגעבן דעם לאַגער־פירערס באַפעל: אַלע ייִדן מוזן גיין אויפן אַפּעל־פּלאַץ!

דער סוף!

פינף מינוט פאַר צוועלף... היטלער גייט מקיים־זיין זיין הבטחה. די אַמעריקאַנער אַרמיי איז נאָענט. בוכנוואַלד גייט באַפרייט ווערן. אָבער — די ייִדן וועלן נישט זוכה זיין צו זען די פרייהייט.

די ייִדישע קינדער פון בלאָק 66 — און איך בתוכם — האָבן זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון אַפּעל־פּלאַץ. נישט געווען קיין אויסוועג. גוסטאַוו, דער פויליש־ייִדישער שטובנדינסט פון בלאָק 66 האָט געטריבן און זיין שטעקן האָט גערעדט ווערטער...

אָבער אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט לאַגער־שוצניקעס. און זיי — אַנשטאָט צו טרייבן אונדז צום אַפּעל־פּלאַץ, האָבן זיי אונדז געשושקעט: גייט צוריק אין די בלאָקן! די דייטשן ווילן אייך דערשיסן! גייט צוריק אין די בלאָקן! און רירט אייך נישט פון דאָרט!

זענען מיר צוריקגעגאַנגען אין בלאָק און זיך באַהאַלטן אין די באַקסן. דאָרט זענען מיר געוווּיר געוואָרן, אַז די אונטערגרונט־באַוועגונג פון לאַגער האָט באַשלאָסן נישט מפקיר צו זיין די ייִדן און זיי צו באַשיצן פון ליקווידאַציע.

אין זעלבן אָוונט האָט אונדזער טעכנישער בלאָק־עלטסטער (אַ גאָלדענער מענטש!!!) איבערגעשריבן אונדז אַלע פאַר גוייִשע קינדער. און אַזוי איז די נאַכט אַדורך. אָן שלאָף. אין פּחד.

צומאָרגנס האָט דער בלאָק־ראַדיאָ געבראַכט נייע באַפעלן: היות די גויִים באַהאַלטן אויס ייִדן, מאַכט מען אַן אַלגעמיינעם אַפּעל. פאַר אַלע העפטלינגען!

דאָסמאָל איז דער אַפּעל פאָרגעקומען. דער לאַגער־פירער האָט דאַן געמאָלדן, אַז מ׳גייט ליקווידירן דעם לאַגער און יעדן טאָג וועלן צען בלאָקן עוואַקויִרט ווערן

פון דאָזיקן טאָג אָן, האָט מען אויפגעהערט פאַרטיילן עסן. נישט קיין ברויט, נישט קיין קאַפע, נישט קיין זופּ. און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די

עוואַקואַציע. טויזנטער העפטלינגען זענען יעדן טאָג אַריבער דעם אייזערנעם טויער און אויפן וועג אומגעקומען.

אויסבאַהאַלטן זיך איז געווען אוממעגלעך.

איך האָב זיך אַפילו נישט באַמיט אויסצובאַהאַלטן זיך. זיך געלאָזט טראָגן מיטן שטראָם. צענדליקער מאָל בין איך שוין געשטאַנען פאַרן אייזערנעם לאַגער־טויער, אויף דער שוועל פון טויט און תמיד איז עפּעס געשען, וואָס האָט אונדז צוריקגעבראַכט אין בלאָק.

אויב איך בין דעמאָלט נישט אומגעקומען איז עס געווען בלויז אַ דאַנק דעם אַלמעכטיקן צופאַל. ווייל — צוליבן הונגער האָב איך אַפילו געוואָלט גיין צום טויער: נעבן טויער האָט מען געטיילט ברויט און מאַרמעלאַד.

דעם צענטן אַפּריל זענען מיר פאַרבליבן בערך 20.000 מענטשן אין לאַגער. עטלעכע הונדערט קינדער און די סמעטענע פון דער לאַגער־לייטונג. ס׳האָט געהייסן, אַז ביזן אָוונט מוזן מיר אַלע פאַרלאָזן בוכנוואַלד — וואָס דאַרף אויפגעריסן ווערן גלייך נאָך דעם.

זענען מיר געשטאַנען אויפן ריזיקן אַפּעל־פּלאַץ, אין רייען צו פינף און געוואַרט דער טויער זאָל זיך עפענען. איז צופעליק געקומען אַ לופט־אַלאַרם. און בשעת אַ לופט־אַלאַרם דאַרפן אַלע טויערן פאַרשלאָסן ווערן. דער לופט־אַלאַרם האָט געדויערט ביזן אָוונט. און היות מ׳טאָר נישט אַרויספירן העפטלינגען ביינאַכט — זענען מיר צוריקגעגאַנגען אין בלאָק.

דער לעצטער טראַנספּאָרט איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף צומאָרגנס: דעם 11טן אַפּריל. דער הונגער האָט געפייניקט. שוין 6 טעג גאָרנישט — גאָרנישט; — געגעסן. אויסער גראָז און 5־6 אַלטע, פאַרפוילטע קאַרטאָפל־שאָלעכץ, וואָס מ׳האָט געפינען אויף אַ מיסט־באַרג.

צומאָרגנס, אַרום 10 אַ זייגער זענען ס. ס.־מענער דערשינען אין קליינעם לאַגער, פאַרן בלאָק 66 און אָנגעהויבן טרייבן אונדז, די לעצטע קרבנות, צום אַפּעל־פּלאַץ, צום טויער.

אָבער — דאַן האָט די אונטערגרונט־באַוועגונג באַשלאָסן אָנצוהויבן דעם באַוואָפנטן קאַמף קעגן די ס. ס.

באַוואָפנטע מענער האָבן מיטאַמאָל זיך באַוויזן אין לאַגער. ס׳האָט זיך געהערט אַ שיסעריי. גראַנאַטן האָבן עקספּלאָדירט. מיר, קינדער, זע־

נען געלעגן אויף דער פּאַדלאָגע פון אונדזער בלאָק און געוואַרט. ס׳האָט זיך נישט געגלויבט, אַז מיר וועלן געראַטעוועט ווערן, אַז מיר וועלן באַפרייט ווערן.

דער קאַמף האָט נישט לאַנג געדויערט. אַרום 12 אַ זייגער איז גע־וואָרן רויִק אין לאַגער. די ס. ס. זענען אַנטלאָפן און די ווידערשטענדלער האָבן איבערגענומען די לייטונג פון בוכנוואַלד.

6 אַ זייגער אין אָונט האָט זיך באַוויזן אין לאַגער דער ערשטער אַמעריקאַנער טאַנק.

מיר זענען פרייע מענטשן!

⁂

דער ערשטער פרייער זשעסט: די אויסגעהונגערטע מענטשן האָבן זיך אַ לאָז געטון צו באַקומען עפּעס צו עסן.

בלויז וועגן עסן האָט מען געטראַכט. נישט וועגן נקמה. נישט וועגן די עלטערן. נאָר וועגן ברויט. און אַפילו ווען מ׳האָט שוין געשטילט דעם הונגער — האָט מען נאָך אַלץ נישט געטראַכט וועגן נקמה.

אויף צומאָרגנס זענען יִדישע בחורים געלאָפן קיין ווײַמאַר כדי צו ראַבעווען קליידער און קאַרטאָפל.

און צו פאַרגוואַלדיקן דײַטשע שיקסעס.

די היסטאָרישע מצוה פון נקמה איז נישט מקוים געוואָרן.

דריי טעג נאָך דער באַפרייונג בין איך געפערלעך קראַנק געוואָרן: מאָגן־פאַרגיפטונג. מ׳האָט מיך געפירט אין שפּיטאָל און דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז איך בין פאַרלוירן.

צוויי וואָכן בין איך געלעגן אין שפּיטאָל צווישן לעבן און טויט. מײַן מצב איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג.

אין אַ שיינעם טאָג בין איך אויפגעשטאַנען — מיט די לעצטע כוחות — און צוגעגאַנגען צום שפּיגל וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט.

איך האָב געוואָלט זיך זען. זייט דעם געטאָ האָב איך זיך נישט געזען.

פון שפּיגל האָט צו מיר אַרויסגעקוקט אַ סקעלעט.

הויט און ביינער.

האָב איך געזען דאָס בילד פון מיר אַליין נאָך מײַן טויט. אין דאָ־זיקן מאָמענט האָט זיך אין מיר דערוועקט דער ווילן צו לעבן.

האָב איך — נישט וויסנדיק פאַרוואָס — אויפגעהויבן אַ געבײַלטע פויסט און צעבראָכן דעם שפּיגל, צעבראָכן די געשטאַלט, וואָס האָט אין אים געלעבט.

און — בין געפאַלן חלשות.

פון יענעם מאָמענט אָן, האָט מײַן געזונטהייטס־צושטאַנד זיך פאַר־בעסערט.

איך בין נאָך געבליבן אין בעט אייניקע טעג, במשך פון וועלכע איך האָב אָנגעשריבן די סקיצע פון בוך, וואָס דו האַלטסט אין האַנט, טײַערער לעזער.

אָבער — — —

איצט, צען יאָר נאָך בוכנוואַלד, זע איך, אַז די וועלט פאַרגעסט. דײַטשלאַנד איז אַ סוווערענע מדינה. די דײַטשע אַרמיי איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים. אילזע קאָך, די הינטישע פרוי־סאַדיסטין פון בוכנוואַלד, האָט קינדער און איז גליקלעך. קריגס־פאַרברעכער שפּאַצירן זיך אין די גאַסן פון האַמבורג און מינכען. דער עבר ווערט אָפּגעווישט. פאַרגעסן.

דײַטשן און אַנטיסעמיטן זאָגן און רעדן אײַן דער וועלט, אַז די מעשה פון זעקס מיליאָן יִדישע קדושים איז בלויז אַ לעגענדע און די וועלט, די נאַיִווע וועלט, וועט מסתמא גלויבן אין דעם, אויב נישט הײַנט איז מאָרגן אָדער איבערמאָרגן.

האָב איך געטראַכט: כדאַי אַרויסצוגעבן אין פאָרעם פון אַ בוך די נאָטיצן, וואָס איך האָב זיך פאַרנאָטירט אין בוכנוואַלד.

איך בין נישט אַזוי־פיל נאַיִוו כדי צו גלויבן, אַז דאָס דאָזיקע בוך וועט ענדערן דעם לויף פון דער געשיכטע און וועט אויפטרייסלען דאָס געוויסן פון דער מענטשהייט.

אַ בוך האָט מער נישט דעם כוח הײַנט צו טאָג, וואָס עס האָט געהאַט אַמאָל.

די וועלכע האָבן געשוויגן נעכטן וועלן שווײַגן אויך מאָרגן.

פרעג איך זיך אָפּטמאָל, איצט, צען יאָר נאָך בוכנוואַלד:

צי איז כדאַי געווען צו צעברעכן דעם שפּיגל? צי איז כדאַי געווען?

— ס ו ף —

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט...
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באָוג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — הימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק (אויספאַרקויפט)
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געבראָכענע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף (אויספאַרקויפט)
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע) (אויספאַרקויפט)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפּורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. זעַ אַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די ייִדישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (ראָמאַן)
55) פנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע ייִדן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע״
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראַצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאָולאָ, בראַזיל, 1951)
74) **ד"ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פּוילן און ליטעראַטור־־פּרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע 193/)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער יואַך
82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85־86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד"ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג (זכרונות)
89) משה דוד גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)
90) **ז. י. אנכי** -- ר' אבא און אַנדערע כתבים
91־92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע
93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען (ראָמאַן)
94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות (קראָקע)
95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן (זכרונות)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1954).
97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שמאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)
99) **פועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין
100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) **י. הירשהויט** — יידישע נאָפט־מאַגנאַטן
(פרעמירט דורכן מרדכי סטאָליאַר ליטעראַטור־פאָנד, ביי „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס, 1955).
102) **משה זאַנשיין** — יידיש וואַרשע
103) **פ. מינץ** (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) — **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)
105־106־107) — **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פאַפּירן
108־109) **מרדכי שטריגלער** — געאָרעמט מיטן ווינט (ראָמאַן)
110־111) **ד"ר א. מוקדוני** — וואַרשע און לאָדזש.
112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות
113) **ב. שעפנער** — נאָוואָליפּיע 7 (זכרונות)
114) **פנחס שטיינוואַקס** — יידן צום געדענקען
115) **ק. צעטניק** — דאָס הויז פון די ליאַלקעס
116) **מאַקס ווײַנרייך** — פון ביידע זייטן פּלויט (וועגן אורי קאָוונער)
117) **אליעזר וויזל** — און די וועלט האָט געשוויגן

פרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

★

י. פּאַלאַטיצקי שרייבט וועגן יאָנאַס טורקאָווס 2־בענדיקן ווערק „פאַרלאָשענע שטערן" („דאָס נייע וואָרט", בוענאָס־איירעס, ערב ראש־השנה, תשט"ו):

דאָס איז דאָס 95סטע און 96סטע בוך פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום". עס איז אַ נייער גרויסער ביי־טראַג פונעם פאַרלאַג און דורך אים אַ פרעסטיזשפולע דערגרייכונג פון צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישן יידנטום. פון אונטער דער פען פון איינעם פון די פּוי־לישסטע יידישע שוישפּילער, רע־זשיסאָרן און טעאַטער־דערציִער; ביי די דראַמאַטישסטע אומשטענדן פאַר אַ יידישן קינסטלער, וואָס לעבט אי־בער איטלעכן טאָג דעם רוין פון יידישן טעאַטער אין דער אַמעריקאַ־נער סביבה, טראַגנדיק דערביי טיף אין זיך די שווערע משא פון דעם אומגעקומענעם נעכטן; מיט אַ האַרצ־רייסנדיקער התנצלותדיקער פאַר־רעדע „זייט מיר מוחל, וואָס איך לעב..." צו די נשמות פון די פאַר־טיליקטע קאָלעגן שוישפּילער — פון אונטער דער פען פון יאָנאַס טורקאָוו איז אַרויסגעקומען דאָס צוויי־בענדי־קע ווערק פון 632 זייטן, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פאַרלאָשענע שטערן".

דער מחבר האָט נישט געגעבן קיין פאַרטיפטע פּסיכאָלאָגישע אָפּ־האַנדלונגען וועגן די קינסטלער, שוישפּילער און טעאַטער־מענטשן וואָס ער באַשרייבט. ער האָט אויך

נישט געזוכט איבערצוטרייבן דעם ווערט פון די באַשריבענע שוישפּילער, וואָס האָבן געשמט ווי גרויסע בינע־קינסטלערס. ער רעדט וועגן די אומגעקומענע אַקטיאָרן פון ביליקן טעאַטער מיט דער זעלבער טיפער מענטשלעכער און חברלעכער ליבע, אַז עס ווערט פאַרווישט די גרענעץ פון קונסט און שונד, פון טעאַטער־שולן און שוללאַזיקייט און עס דערשיינט א גרויזאַמע עפּאָפּייע, וואָס האָט נישט קיין אַנאַלאָגיע אין דער געשיכטע פון גרופּעס־שבטים און פעלקער־אויסראָט — די שחיטה און פאַרגאַזונג פון די יידישע שוישפּילער פון א גאַנצן לאַנד, פון מדינת פּוילן.

דריי און ניינציק הויפּט־נעמען, דריי און ניינציק פאַרשיידענע וועלטן, געשטאַלטן און כאַראַקטערן, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט די מאַזאַיִק פון יידישן טעאַטער אין פּוילן מיט זייערע מוזיק־דיריגענטן, דעקאָראַטאָרס, דירעקטאָרן, סופליאָרן און צווישן זיי דעם באַרימטן אַרנאָלד־טיפּ, וואָס דערמאָנט אַזוי שטאַרק אין שלום עליכמס „פאַרשלעפּטע קרענק" פון די „בלאָנדזשענדע שטערן", האָט דער סובטעלער שוישפּילער־שרייבער יאָנאַס טורקאָוו אַ־יפּגעצייכנט מיט קאַרגע אָבער רעליעווע קווילשטריכן, צווישן ביאָגראַפישע פּרטים ווי "נישט־ווו א פּענדזל־שטריך פון אַן אייגנשאַפט אָדער כאַראַקטער; צווישן אַן עפּיזאָד, שילדרונג פון סביבה אָדער באַשרייבונג וועגן דער באַצױונג פון איינעם צום צווייטן, וואַקסט אַרויס שיר נישט אַן ענציקלאָפּעדיע, געשריבן פון איין מענטש, נישט אַלפאַבעטיש געאָרדנט, וועגן די קאַמפּאַנענטן פון דעם מעכטיקן קונסט־צווייג אין יידישן פּוילן — טעאַטער. עס איז אפשר די ערשטע ענציקלאָפּעדיע אויף דער וועלט, וואָס איר מחבר האָט געקענט אַלע באַשריבענע מענטשן, פון וועלכער דער גרעסטער טייל זיינען געווען זיינע קאָלעגן און וועלכע ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען אומקומען.

„...און ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז פון אַלע מיינע 187 טעאַטער־חברים, וועלכע האָבן זיך געפונען אין וואַרשעווער געטאָ — זיינען פאַרבליבן ביים לעבן בלויז איך און מיין פרוי דיאַנאַ בלומענפעלד, גייט מיר דורך א ציטער איבערן לייב... פאַרוואָס גראָד מיר ביידע און נישט קיין אַנדערע?! און איך פיל מיך אַ פאַרשעמטער, וואָס דער גורל האָט גראָד אונדז אויסגעקליבן צו זיין די אויסדערווײלטע.

ווען איך וואָלט ווו עס איז געפינען אײערע קברים, טייערע חברים, וואָלט איך צו צו זיי און אַריינגעשריגן: זייט מיר מוחל, וואָס איך לעב..!"

ווי קען מען פאַרלאַנגען פון אַ לעבנגעבליבענעם, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גיהנום און נאָר על־פּי צופאַל אָדער אינסטינקט זיך אַרויסגעדרייט פון אַלע מיני אַקציעס און אויסזידלונגען ביז ער איז געראַטעוועט געוואָרן דורך דער אונטערערדישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע ווען דער געטאָ אין וואַרשע האָט שוין געברענט; ווי קען מען פאַרלאַנגען פון דעם מחבר, וואָס פון אים ווערן מיר געוויר, אַז אין דער פרי האָט ער נאָך געאַרבעט אין „שאָפּ" מיט חברים־אַקטיאָרן און נאָך מיטאָג האָט ער זיי שוין געזען פירן אַהין פון וואַנען קיינער איז מער נישט צוריקגעקומען — ווי קען מען פאַרלאַנגען אָביעקטיוויטעט אָפּשאַצונגען, בעת פון יעדן קאַפּיטל ווו עס ווערט באַשריבן א יחיד אָדער אַ פּאָרל ווייעט מיט אַן אַ שיעור טרויער, ליבשאַפט און אַן אומענדלעכע בענקשאַפט נאָך דעם פאַרגאַנגענעם און פאַרשניטענעם אויף דור־דורות?

איז גוט וואָס עס איז געבליבן לעבן כאָטש איינ'ער און אַזאַ איינער ווי יאָנאַס טורקאָוו, וואָס האָט געהאַט די פעיִקייט צו קאָנצענטרירן זיין זכרון, כדי אַרויסצוברענגען די מיניאַטור־פּאָרטרעטן פון די צענדליקער אַקטיאָרן, שוישפּילערנס, זינגערס, מאָלערס און פּערזענלעכקייטן ווי אַ ד"ר וויגאָדסקי און אַ ד"ר לייב לאַנדוי — צוויי הייסע חסידים און טוערס פון יידישן טעאַטער. דורך די 90 קאַפּיטלען גייען דורך הונדערטער נעמען פון מענטשן וואָס האָבן געבויט אָדער געהאַט אַ שייכות צום יידישן טעאַטער און צווישן זיי די אומגעקומענע יידישע שוישפּילערס און קינסטלערס אין וואַרשעווער געטאָ. פאַראַן פּאָרטרעטן אין דעם ווערק פון יאָנאַס טורקאָוו, וואָס זיינען ממש העלדן פאַר אַ ראָמאַן ווי דער גוי וואַיצאַ, וואָס איז געוואָרן אַ יידישער אַקטיאָר מיטן נאָמען שלמה ווײנגאָלד, דער אפּטייקער באַריס טורגעל א"אַ. נישט ווייניקער רירנדיק זענען די שילדערונגען וועגן די יונגע יידישע בחורים סיי אַסימילירטע און סיי פון פרומע בעל־הביתישע הייזער, וואָס האָבן מיט אַ מאָדנער עקשנות און דעצידירטקייט איבערגעלאָזט איינגעפונדעוועטע פּאָזיציעס פון דורות און זיך געוואָרפן אין די אָרעמס פון יידישן טעאַטער, ווו עס האָט זיי דערוואַרט נישט קיין לייכט לעבן, אָבער דערפאַר אַ מער אינטערעסאַנט, מער דערהויבנדיק, מער ברויזנדיק און מער שעפעריש לעבן, און וואָס פאַר אַן אידעאַליזם און איבערגעגעבנקייט צו דעם וועג, וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען דורכצומאַכן! אַ

חלוצישער וועג און דערפאַר חלוצי־
שע דערגרייכונגען. אמת, נישט אַלע
האָבן דערגרייכט קינסטלערישע
שלימות און אַ סך וואָס האָבן עס יאָ
דערגרייכט האָבן לאו דווקא זיך גע־
האַלטן נאָר ביי בעסער קינסטלעריש
יידישן טעאַטער און האָבן זיך גע־
לאָזט נישט איין מאָל און נישט איי־
נער פון זיי אויפן וועג פון לייכטן
ווידערשטאַנד. צוזאַמען איז עס
אָבער געווען אַ מעכטיקע אַרמיי פון
קולטור־און קונסט־בויער, וואָס האָבן
צוגעגעבן קלאָריט און שעפערישן
אינהאַלט דעם גרויסן פילפאַרביקן
יידישן קיבוץ פון פוילן, זייענדיק
גלייכצייטיק די איינציקע פאַרבינד־
לער צווישן ישובים אין דער וועלט.
אַ סך פון אונדז האָבן ערשט דאָ
אין אַרגענטינע זיך באַקענט מיט די
אַקטיאָרן אייזיק סאַמבערג, דוד זיי־
דערמאַן און חנה לערנער, רעגינאַ
צוקער און קאַרל צימבאַליסט, וועגן
וועלכע עס שרייבט יאָנאַס טורקאָוו.
פאַר אַקטיאָרן עקזיסטירט נישט קיין
מרחקים און פליִען ווי די שוואַלבן
פון צפון קיין דרום און פון מזרח
קיין מערב. עס איז נאָר אַ גרויסער
שאָד, וואָס דער היטלער־קריג האָט
זיי פאַרכאַפּט אַלעמען בעת זיי זיינען
געווען אין דער היים און נישט צו
גאַסט אין דער פרעמד, אפשר וואָלטן
זיך מער געראַטעוועט. און אפשר
האָט דער אינסטינקט זיי אונטערגע־
זאָגט, אַז אין דעם פוילישן יידנטום
האָבן זיי מער נישט וואָס צו טון
אויף דער וועלט, און דערפאַר האָבן
זיך אַ סך נישט געוואָלט רירן פון
אָרט און האָבן מיט מערקווירדיקן
אָפּטימיזם, וואָס מען האָט עס גע־
רופן „ייִזוֹא“ (יי. וו. א. האָט באַ־
דייט: „יידן ווילן אַזוי“), געוואַרט
אויף דעם טאָג פון דערלייזונג. דער
דאָזיקער אָפּטימיזם האָט געהאָלפן
דורכלעבן די שווערע און שרעקלע־
כע געטאָ־טעג. אָבער דער העכסטער
אויסדרוק פון יידישן בטחון און אָפּ־
טימיזם זיינען בלי־ספק געווען די
טעאַטער־פאָרשטעלונגען און קאָנ־
צערטן, וואָס זיינען אַראַנזשירט גע־
וואָרן אין געטאָ און וואָס האָבן אַ
ביסל לייכטער געמאַכט דאָס ענוים־
דיקע און מאַטערדיקע לעבן אין געטאָ.
ביי אַט־די פאָרשטעלונגען האָט דער
מחבר אַנטפּלעקט טאַלאַנטן צווישן
די שוישפּילער, וואָס האָבן זיך גע־
ווידמעט אַ גאַנץ לעבן צו ביליקן
טעאַטער און האָבן זיך ערשט אין
געטאָ באַוויזן ווי קראַפטפולע און
טאַלאַנטירטע גוטע שוישפּילערס,
וואָס האָבן זיך געקענט באַווייזן אין
די בעסטע קלאַסישע אויפפירונגען.
אַ שווערן טרויער און באַנג לאָזט
איבער יעדעס קאַפּיטל, וואָס מען
פאַרענדיקט לייענען, ווייל ביים סוף
פון יעדן קאַפּיטל, ווו עס האָט זיך
גערעדט וועגן איינעם, צוויי אָדער

מער אַקטיאָרן אָדער אַנדערע קינסט־
לער, קומט שפּעטער דער עפּילאָג
„אומגעקומען“ אָדער „פאַרגאַזט גע־
וואָרן“. אָבער דעם שווערסטן רושם
לאָזט איבער דאָס לעצטע קאַפּיטל
„מיין שוועסטער רחלע“, ווו דער
מחבר רעדט זיך דורך מיט זיין
שוועסטער רחלע טורקאָוו, וואָס איז
אויך געווען אַ שוישפּילערין און דער־
פאַר איז זי אַריין אין דעם בוך. זי
איז אומגעקומען צוזאַמען מיט דער
אַנדערער שוועסטער שרהלע, און
דאָס גיט דעם מחבר נישט קיין רו.
עס ליגט אַזוי פיל טראַגיק אין דעם
קאַפּיטל, אַזוי פיל אויפריכטיקע אי־
בערלעבונג, אַז מען ווערט אַליין אַ
שותף צום טרויער פון דעם מחבר
און פון דער משפּחה טורקאָוו וואָס
זיינען לעבנגעבליבן.
צום סוף פון צווייטן באַנד איז
פאַראַן אַ רעגיסטער, וואָס נעמט
אַרום אַזעלכע 800 נעמען פון אַקט־
יאָרן, שרייבערס, דיכטער און פאַר־
שיידענע אַנדערע קינסטלער, נישט
שטענדיק פאַר אַלעמען באַקאַנטע.
דאָס באַווייזט, אַז דער מחבר האָט
אויסגעשעפּט אַ מאַסע פּרטים און
נעמען, וואָס ער האָט געהאַט פאַר־
צייכנט אָדער געדענקט און האָט, חוץ
מאָנומענטן וואָס ער האָט געשטעלט
אויף די קברים פון די בלאָנדזשענ־
דיקע שטערן, וואָס זיינען פאַרלאָשן
געוואָרן, אויך געבראַכט אַ סך נוצ־
לעכן היסטאָרישן מאַטעריאַל, וואָס
וועט דינען פאַר ערשטקלאַסיקן
שטאָף דעם היסטאָריקער וואָס וועט
שרייבן וועגן יידישן טעאַטער פון
ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה
און זיין טראַגישן אומקום.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 117

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA
Hecho el Depósito que marca la ley

Copyright by:
ELIEZER WIESEL, París

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material claims against Germany.

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL 10 DE NOVIEMBRE DE 1955 EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON Nº 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.